STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08709

TOYRE UN LEBN

Joseph Meyer Margolies

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

תורה און לעבען

די פרשה
פון וואך
אין ליכט
פון לעבען
פון די פרשה

דרשות
לכל פרשיות השבוע
והמועדים

תרצ״ג

פון

יוסף מאיר מרגליות
רב לקהל עדת „ישורון״ בראנקס.

ניו יארק

הוצאת
בית מסחר ספרים „פרדס״
י. ז. בוכבינדער פרעז.
23 קאנאל סטריט, ניו יארק.

— Copyright 1933. —

* * *

(First Edition)

By

RABBI JOSEPH M. MARGOLIES

and

PARDES PUBLISHING HOUSE INC.

חלק שני

במדבר. דברים. ומועדים

במדבר

במדבר

סיני — נאות המדבר

געווידמעט די קאָנווענשאָן פון די "אגודת הרבנים האורתודוקסים דארצות הברית וקנדה".

במדבר !

א שרעקליכער וואָרט ! א וואָרט, וואָס דריקט מיט זיך אויס אונהיימליכקייט, מאָנאָטאָנע, לאַנגווייליגקייט, טויט שטילע וויסטקייט און שאַפט מעלאַנכאָלישע שטימונג, מרה שחורה און פעסימיזם ; מען ווערט ביי זיך אליין ווי פארוואַנדעלט עפּעס אין אַ מדבר באַשעפעניש, אַ שאַקאַל, אַ פיפערנאַטער, אָדער אַנאַנדער מדבר חיה, און מען פיהלט זיך אָבגעריסען פון דעם גאַנצען ישוב, אָבגעשטאַנען פון גאָט'ס וועלט, פארבלאָנדזשעט ערגעץ אין אַ טיעפע וויסטע, און וואַרט פאַר אַ תקון . . .

במדבר !

און וואָלט עס בלויז געווען אַ וואָרט פון דער סדרה, אַ נאָמען פון בוך, איז עס נאָך ווי עס איז צו דערליידען. איז עס אָבער ניט בלויז אַ מדבר-פרשה פון בוך נאָר אויך פון לעבען, ניט בלויז אַן אַרכיוויסטער דאָקומענט פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך אַ לעבעדיגער קאַפּיטעל פון דער געגענוואַרט.

יאָ, מיר לערנען די סדרה במדבר !

אויף יעדען טריט און שריט, אויף יעדער זייט און ריכטונג, אויף דער גאַנצער גרויס פון אונזער גלות טעריטאָריע,

געפינען מיר זיך טיעף פאַרזונקען אין דעם מדבר העמים; אַ וויסטע פוסטקייט, אַ תהו־ובהו, אָהן וועלכען עס איז גייסטי־גען אינהאַלט, וואָס זאָל אויספילען דעם לעבען. אַ לעבען פון בלויז קערפּערליכען און מאַטעריעלען תוכן, אָהן נשמה און אָהן אידעאַל.

און אָט דער אַלטעגליכער הב־הב, וואָס ווידער־האַלט זיך מיט יעדען זון אויפגאַנג, טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך און יאָהר נאָך יאָהר, וואַרפט דיך מאַנכעס מאָל אַריין אין אַ תהום פון יאוש, אין אַ ים פון פאַרצווייפלונג, פונקט ווי יע־נער מדבר־וואַנדערער, וואָס זעהט אַרום זיך בלויז לעהר און פוסטקייט.

במדבר — סיני! ...

אָבער טרעפט אַמאָהל, אַז צווישען אָט די יאוש־כוואַ־ליעס שלאָגט זיך אָן דיין אויגען בליק אין אַ געוויסען פונקט אין די טיעפע וויטקייט פון דיין מדבר וועלט, און יענער פונקט, יענע נקודה ציהט דיך, שלעפּט דיך ווי מיט צויבער שטריק אַהין, אַהין... אַ געהיימער מיסטעריעזער געפיהל גנב'ט זיך אַריין אין די פאַרבאַרגענע ווינקלאַך פון דיין הארץ, און דו ווערסט, טהיילווייז אונבאַוואוסטזיניג, און טהיילווייז אויך געפיהלפול, אַלץ מעהר הינגעריסען און מיטגעשלעפּט, עס ציהט דיך צום וויטען האָריזאָנט, דאָרט פון וואַנען די מדבר־נקודה האָט זיך אַנטפּלעקט צו דיר. דיין פאַרבלאָנדזשענטע נשמה וויל דאָרט איהר תקון געפינען...

סיני!

דאָס איז דער נאָמען פון יענע געהיימע נקודה.

עס ווערען ווי מיט אַמאָהל פאַרשטיקט די קולות פון דעם פוסטען מדבר, ווערען פאַרשוואונדען און פאַרהוילען פון דיינע אויגען און זיי, די מדבר קולות, מאַכען פּלאַץ פאַר די קולות פון „סיני", יענע פלאַם פייער'דיגע קולות פון וועלכע

עס קלינגט אַף די עכא פון דער אַלמעכטיגקייט, דער "קול ה׳ חוצב להבות אש", "קול ה׳ בכח", "קול ה׳ בהדר", די קולות פון סיני, די קולות פון — מתן תורה...

און ווי יענער איינזאַמער אינזעל אין די שטורעמדיגע וואַסערען פון דעם גרויסען אָקעאַן, וועלכער דיענט געטריי און ברייגנט רעטונג צו דעם אונגליקליך פאַרצווייפעלטען געזונ־קענעם, אַזוי ברענגט דיך דער שעהנער סיני־אָאַזיס היילונג און דערפרישונג אין דיין גרויסען מדבר לעבען, וועלכער איז איבערפילט מיט זאַמדיגע וואַכעדיגקייט אויף אַלע זיינע ברעגען.

מדבר און סיני!

דאָס איז געווען דער געפיהל פון וועלכען איך בין באַהערשט געוואָרען אין די טעג ווען ס׳איז אָבגעהאַלטען גע־וואָרען דער קאָנווענשאָן פון די אמעריקאַנער רבנישע קער־פּערשאַפט, די "אגודת הרבנים האורטודוקסים דארצות־הברית וקנדה", אין דער שטעדטעל בעלמאַר, פון נויאַרק סטייט.

פאַרלאָזען דעם "מדבר הגדול והנורא", וואָס רופט זיך נויאַרק, וואָס טראָגט איהרע פּראַכטפולע שעהנע קוואַר־טאַלען, איהר "בראָדוויי" און איהר "ריווערסייד דרייוו", איהרע "הימעל קראַצערס" און איהרע שטורעמדיגע "סאָב־וויים" און "עלעווייטאָרס" און דערצו איהר 7 — 6 מיליאָניגע באַפעלקערונג — טראַצדעם אַלעמען, איז זי דאָך פאַר מיר ניט מעהר ווי אַ גרויסער שטורעמדיגער מדבר, צוליעב איהר גייסטיגע תהו ובהו׳דיגקייט, צוליעב איהר פוסטען מאַטעריעלען אינהאַלט, וואָס דריקט אויף דיין נשמה גאַנצע דריי הונדערט מיט פינף און זעכציג טעג אין יאָהר, און לייגט זיך אויף דיינע לונגען, ווי די שווערע לופט פון איהרע שטענדיג פאַררויכער־טע הימלען. יאָ, אַ בלאָטיגע ע ר ד, איז נאָך ניט אַזוי שעדליך, ווי אַ פאַררויכערטער ה י מ ע ל...

איך האָב, אַלזאָ, פאַרלאָזען דעם גרויסען מדבר־נויאָרק, וואו איך און נאָך טויזענטער און צעהנדליגער טויזענטער "איד'ס" בלאָנדזשען אַרום דעם גאַנצען יאָהר און זוכען אַ שטיקעל תקון... פאַרלאָזען — און מיט אַ בליץ שנעלקייט זיך געלאָזען לויפען מיט דער אייזענבאַן אַהין, צו יענער נקודה, וואָס זי רופט זיך אין אמת'ן בעלמאָר, אָדער לייקוואוד, אָבער איך רוף איהר גאָר — סיני... אַקוראַד, ווי נויאָרק רופט זיך אין אמת'ן נויאָרק, און ס'איז אָבער אויך ניט קיין שקר, אַז מיר רופען איהר — מדבר...

און געפיהלט האָב איך טאַקע אין די דריי קאָנווענשאָן טעג דעם טעם פון אַ מין "שלשת ימי הגבלה", פון יענע אוראַלטע סיני טעג.

איבער צוויי הונדערט רבנים, גדולי תורה און פאַרשטעהער פון אידענטהום, צווישען זיי אויך אַזעלכע, וואָס ווערען פאַררעכענט פאַר די גייסטיגע "סטאַר'ס" פון דער רבנישער וועלט, ניט נאָר אין אַמעריקא, זאָנדערן אויך אין אירופאַ, האָבען זיך צונויפגעקליבען אין איין פלאַץ, אַנטלאָפען פון דער וואָכעדיגקייט, געקומען זוכען אַביסעל פרישע לופט, וואָס דער משורר רופט אָן "אויר נשמות"...

גאַנצע דריי מעת־לעת, טאָג און נאַכט, מיט קליינע אונטערברעכונגען זיינען זיי געזעסען די כהני־הדת, אונזערע "סנהדרין הגדולה" אויף זייערע ריכטער שטולען און האָבען דן געווען "בכובד ראש" אויף אַלע ברענענדיגע פראַגען, וואָס ריהרען אָן דאָס טראַדיציאָנעלע אידישקייט, האבען ניט אויסגעלאָזען קיין גרויסע און קליינע זאַך. אַלעס בעהאַנדעלט מיט דער גרעסטער ערנסטקייט און פולער אויפריכטיגקייט. כשרות, חנוך, שבת, ארץ ישראל, טהרת המשפחה, מצב הישיבות אין אַמעריקא, אירופאַ און א"י, און נאָך און נאָך.

און געפיהלט האָט זיך אין די דאָזיגע טעג, אַ שבת׳-דיגע נשמה יתירה, טעג פון טהרה און קדושה. די נשמה טובל׳ט זיך אין פרישען קוואל פון באר מים חיים...

די פיס שטעהען אויף׳ן בארג סיני...

די גאַנצע אַטמאָספערע איז סיני׳דיג. פאַרשוואונדען מיט אַמאָהל יענע וואָכעדיגע קולות. "צפור לא צווח — עוף לא פרח — שור לא געה — הים לא נזדעזע — הבריות לא דברו" (שמות רבה, כ"ט). אַלעס איז דערטרונקען געוואָרען אין די קולות פון סיני, אין די הוויות דאביי ורבא, אין די שטורעמדיגע כוואַליעס פון דעם ים התלמוד. עס האָבען אין קאָנווענשאָן זאַאַל אַרומגעשוועבט די גייסטער פון רש"י און די בעלי התוספות, פון רמב"ם און ראב"ד, פון טור און בית-יוסף, און פון זייערע נשמות האָט זיך געפלאָכטען קרוינען, וועלכע האָבען באַצירט די דאָזיגע כנסיה גדולה. אינערהאַלב און אויםערהאַלב דעם קאָנפערענץ זאַאַל, אין עס-זאַאַל און אין די קאָרידאָרען, אויף די טאַראַסען און אויף די טראָטואַרען; אין די זיצונגען, פאַר די זיצונגען און נאָך די זיצונגען; אין קרייז פון די גרייז גראָהע זקנים וישישים, און אין דער סביבה פון די יונגעלייט, די פרחי כהונה — אומעטום און איבעראַל, האָט זיך אַלץ געטראָגען דער עדעלער קלאַנג פון די סיני טענער, און מ׳האָט בלויז געהערט איין זאַך — תורה, תורה און — תורה...

און געהערשט האָט דער גייסט פונ׳ם סאַמען אָנהויב ביז דער סאַמע ענדע. פון דעם גאונ׳יש באַפעפּערטען "פרעזידענט מעסעדזוש" ביז דעם "נאום-הנעילה". און אפילו די דריטע נאַכט פון דער שליסונג, וועלכע איז געווען אַ "ליל שמורים", און האָט אויך געהאַט אַ טהייל פון לייכטערע, הומאָרישע שטאָף אין איהר פּראָגראַם, אויך דער טהייל, איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ גייסט פון קדושה, און האָט רעפּלעקטירט דעם גייסט פון דעם טראַדיציאָנעלען שמחת תורה.

אבער ניט בלויז אהבת התורה האט דער קאנוועג־שאן געגעבען דעם אויסדרוק, נאר אויך — אהבת העם. ניט בלויז האט מען געזוכט דעם תקון התורה, נאר אויך דעם תקון העם. תורה און פאלק זיינען געגאנגען האנט און האנט געשלאסען ביי יעדער קליינע און גרויסע פראגע מיט וועלכע דער קאנווענשאן האט זיך אבגעגעבען, און אין אט דער ריכ־טונג, צו געפינען דעם תקון פאר ביידע, איז דער קאנוועג־שאן געגאנגען אין אלע זיינע זיצונגען פון דער ערעפענונג ביז דער שליסונג.

וזהו משפט הכהנים מאת העם!

דאס איז די אויפגאבע פון דעם כהן. ער דארף צום אלעם ערשטען וויסען, אז אין דער צייט, וואס ער איז פון איין זייט א "כהן לאל עליון", איז ער אבער פון דער צווייטער זייט א כהן־העם. די כהנים זיינען די לעהרער פון פאלק, און זיי דארפען דאגה׳ן די דאגות פון פאלק און זוכען דעם תקון פון פאלק.

איש על דגלו באותות!

אויף אט דעם פסוק פון דער היינטיגער סדרה זאגען אונזערע חכמי המדרש פאלגענדעס:

"כל דגל יהיה לו אות מפה צבועה, וצבע כל אחד כגון אבנו הקבוע בחשן". אויף יעדער פאהן איז געווען א קא־לירטער טוך, געפארבט מיט׳ן זעלבען קאליר פון דעם שטיין, וואס דער שבט האט געהאט אין דעם כהן גדול׳ס חושן.

צוועלף שטיינער זיינען געווען אריינגעזעצט אין דעם כהן׳ס חושן, לויט די צאהל פון די צוועלף שבטים. ווייל אין דער צייט, וואס דעם כהן גדול׳ס קאפ איז געווען באצירט מיט דעם "ציץ", וועלכער איז אין גאנצען געווען "קודש לה׳", אין דער זעלבער צייט האט אבער דעם כהן׳ס הארץ אין גאנצען געדארפט זיין "קודש לישראל"...

זאָל זיך דער "קאָליר" פון דעם כהן אָן און פאַר זיך זיין וואָס עס זאָל ניט זיין, דער קאָליר פון זיינע חושן־שטיינער מוזען אָבער זיין, ווי דער קאָליר פון די אידישע דגלים, וועמען ער, דער כהן, רעפּרעזענטירט. א י י ן קאָליר פאַר ביידען. דער כהן, אַלס לעהרער און פיהרער פון פאָלק, דאַרף זיך קע־נען אַריינפּאַסען אין דעם דאָזיגען פאָלק, ער דאַרף פאַרשטעהן זיין פאָלק, וויסען דעם פאָלק'ס באַדערפניסע, און זיך קענען צו פּאַסען צו זיינע באַדינגונגען. די קאָפּ מעג זיך זיין אין הי־מעל, די האַרץ דאַרף זיין ביים פאָלק...

די רבנים ביים קאָנווענשאָן, האָבען איבערצייגט דורך דעם גייסט, וואָס האָט באַהערשט די אַלע פאַרהאַנדלונגען, אַז זיי האָבען אין דעם הינזיכט געוואוסט זייער אויפגאַבע, און האָבען זיך געשטעלט אויף דער געהעריגער הויך אַלס פיהרער פון פ אָ ל ק, האָבען אַריינגעדרונגען אין די טיעפע טיעפע־נישען פון דעם פאָלק'ס נשמה, און געוויזען אַ שאַרפען חוש פון פאַרשטענדנים אויף צו קענען געפינען דעם פאָלק'ס תקון אין אַנקלאַנג מיט זיינע לעבענס באַדינגונגען, און אין דער ליניע פון זיינע תורה רעגולאַציעס.

יאָ, די רבנים האָבען געוואוסט זייער שטעלונג צום פאָלק. דאָס פאָלק אָבער, דאַרף אויך וויסען ז י י ן שטעלונג צו די ר ב נ י ם...

דאָס פאָלק דאַרף וויסען, אַז אַקוראַד, ווי דער קאָליר פון דעם כהן'ס חושן־שטיינער, דאַרף זיין גלייך צום קאָליר פון דעם פאָלק'ס "דגל", אַזוי דאַרף אָבער דער קאָליר פון פאָלק'ס דגל אויך זיין גלייך צום קאָליר פון דעם כהן'ס חשן שטיין...

דער כהן דאַרף זיך צו פּאַסען צום פאָלק, דער פאָלק דאַרף זיך אָבער אויך צו פּאַסען צום כהן. עס דאַרף זיין אַ פאָלשטענדיגע קאָאָפּעראַציע און אַ שותפות האַרמאָנישע

ארביים צווישען כהן און פאָלק, און פאָלק און כהן, און דאַן, וועט דער פאָלק געפינען זיין תקון.

במדבר — סיני !

יעדער מדבר מוז זיך האָבען זיין סיני. יעדער ים זיינע אינזלען און יעדער וויסטע זיינע אָאזיסען.

סיני איז געוועזן דער אָאזיס פון מדבר־מצרים, און די אגודת הרבנים, איז דער אָאזים פון מדבר־אמעריקא...

במדבר — סיני ! ...

נשא

סיעת הלוים בהסתדרות הלאומית

די צוויי סדרות, במדבר און נשא, באשעפטיגען זיך הויפזעכליך מיט דער מאבליזאציע פון די אידישע מחנות און די ארגאניזירונג פון די דגלים אויף זייער רייזע צוג נאך ארץ ישראל.

האבען מיר פון אט דעם קאפיטעל פיעל צו לערנען אויף דעם געביט פון ארגאניזאציע. דאס ווארט אליין, די טער־מינאלאגיע פון ארגאניזאציע, מעג זיך זיין א נייער אין אונזער ווערטער־בוך, א פראדוקט פון אונזער ציוויליזאציע, דער גע־דאנק אבער, דער אינהאלט פון דעם דאזיגען ווארט, איז ניט ניי, און האט זיינע ווארצלען אין די צוויי קאפיטלען פון די מסעות המדבר.

צום אלעם ערשטען קומט די ספירה, דער צענזוס, וואס איז דורכגעפיהרט געווארען אויף דעם גאנצען פאלק מיט אלע זיינע שבטים, לויט די געטליכע אינסטרוקציעס, און דאן קומט די ארגאניזירונג פון די שבטים, לויט זייערע דגלים.

ששים רבוא מענשען, אבוואהל אן און פאר זיך א באדייטענד חשוב'ע צאהל, וואלטען זיי אבער געבליבען ששים רבוא אינדיווידואליסטען און ניט געווען פעראייניגט אויף א העכסט ארגאניזאטארישען אופן, וואלט זייער כח געווען זעהר שוואך, און וואלטען באין אופן ניט געווען פעהיג און רייף פאר אזא גרויסע אונטערנעהמונג, ווי יענער מדבר מארשרוט איז געווען.

דער כח פון ארגאניזאציאן ליגט אין פאראייניגונג, און אין פאראייניגונג ליגט דער כח פון נצחון.

די רעלע פון אחדות שפיגעלט זיך זאגאר אויך אפ אפילו אויף אזעלכע געביטען, וואס האבען כלל קיין שייכות נים מיט דעם נאציאנאלען לעבען פון פאלק. מען קען זעהן, ווי ווייט אחדות איבט אוים אן איינפלום אפילו אויף דער טרוקענער הלכה פון דעם אידישען געזעץ, און נים נאר דער אחדות פון דעם לעבענדיגען מענש, נאר אפילו דער אחדות פון דעם פשוט'ען דומם.

דאס קען אמבעסטען אילוסטרירט ווערען דורך דעם שבת דין אין באצוג צו דעם אידענ'ס גאנג, וועלכער איז שבת באגרעניצט אויף דער מאס פון בלויז צוויי טויזענט איילען, וואס רופט זיך א תחום שבת. די דאזיגע צוויי טויזענט איילען רעכענען זיך אבער פון דער גרעניץ ליניע, וואו זיין אינדיווי־דועלער זיץ פלאץ ענדיגט זיך. צו באשטימען אבער דעם זיץ פלאץ גופא, ווענדעט זיך עס שוין אין דעם ארט, וואו דער מענש געפינט זיך. איז ער צו ביישפיל אונטערוועגענס, וואו עס איז קיין ישוב נימא, לערנט איהם דער דין, ער זאל זיך פרייטאג פאר נאכט אבצאמען און צירקולירען ארום זיך פיער איילען, ווערען דאן אט די פיער איילען באטראכט אלס זיין מקום ישוב, און קען שוין דאן געהן אויסערהאלב דעם גרעניין גאנצע צוויי טויזענט איילען צו אלע פיער זייטען.

געפינט ער זיך אבער אין א שטאט וואו עס איז דא א ישוב, דאן מעג אפילו די שטאט זיין אזוי גרוים ווי די גרויסע "אנטיוכא", און קען פארנעהמען א טעריטאריאלען שטח פון גאנצע טויזענטער מיילען, ווערט דער דאזיגער שטח גאר נים געגומען אין רעכענונג, און דער איד קען זיך שפאצירען פראנק און פריי איבער דער גאנצער לענג און ברייט פון שטאט, און האט נאך די צוויי טויזענט איילען אויסערהאלב די גרעניצען פון שטאט.

זעהט זיך דערביי ארוים דער אונטערשיעד פון אונ־טערוועגענס וואו קיין ישוב איז נימא, און דער שטח איז א צו־

שפּרייטער אַהן וועלכע ס׳איז קאָנציטראַציע ביז דער שטאַט, וואָס ווי גרויס זי זאָל ניט זיין, קוים איז זי אָבער קאָנצענטרירט אין אַ פאָרמע פון ישוב, וועלכער פאַראייניגט דעם דאָזיגען גרויסען שטח, ווערט שוין די גאַנצע גרויסע טעריטאָריע פאַר־רעכענט פאַר דעם אינדיווידועלענס מקום ישוב, כאָטש ער אַליין פאַרנעהמט דאָרטען אפשר ניט מעהר ווי זיינע איינציגע פיער איילען.

באַווייזט עס, ווי געזאָגט, דעם כח פון קאָנצענט־ראַציע און פאַראייניגונג, וואָס מאַכט יענעמס ווי מיינס און מיינס ווי יענעמס, און עס ווערט פון אַלעמענס צוזאַמען איין איינהייטליכקייט.

מיר האָבען פון אילוסטראַציע וועגען געבראַכט די דאָזיגע הלכה, ווייל גראָדע פאַנגט זיך מיט איהר אָן אין מדרש תנחומא דער זאַץ פון די פרשת הדגלים אין דער פאַרגאַנגענער סדרה, און איז סימבאָליש צוגעפּאַסט צום כאַראַקטער פון דעם קאַפּיטעל.

איז אָרגאַניזאַציע, ווי געזאָגט, אַ הויפּט פאַקטאָר אינ׳ם לעבען און אין דער שטאַרקייט פון אַ פאָלק. דער גלות נאַטירליך, האָט פיעל אָבגעשוואַכט דיעזען כח. די צושפּרייט־קייט פון אידען איבער דער גאַנצער וועלט און צווישען אַלע פעלקער פון דער וועלט, האָט אַוועקגערויבט די איינהייטליכ־קייט פון אונז, האָט צוואָרפען די מחיצות פון אונזער רשות היחיד, און מיר זיינען געבליבען אין דעם גרויסען וועלט רשות הרבים מיט אונזער גרויסען פזור הנפש.

אמת, דער קערענדעל פון אחדות, איז נאָך אַלץ פאַר־בליבען, און האָט געקראָגען זיין תקון אין די אידישע קהלות און אין די שוהלען, וואו יעדער קהלה און יעדער שוהל שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט מיט אַן איינהייט־ליכער פּלאַטפאָרמע, אָבער דאָס איז דאָך ניט מעהר ווי אַ מין

מיניאַטור פון אָרגאַניזאַציע און טראָגט פאַר קיינפאַל ניט קיין פאָלקס כאַראַקטער. איין שוהל מיט דער צווייטער האָבען קיין שייכות ניט, און איין קהלה מיט דער צווייטער געהרען זיך ניט אָן.

מיט דער אויפלעבונג פון דעם נאַציאָנאַלען געדאַנק, איז דאַן געקומען די אָרגאַניזאַציע פון פאָלק אין געשטאַלט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַרום וועלכע עס האָבען זיך אָנגעהויבען קאָנצענטרירען די בעסטע אידען פון פאָלק, אַלע פאַר איין צוועק און פאַר איין אידעע — די אידעע פון "תחית ישראל בארצו".

עס הייסט ווידער, אַלזאָ, אַז אונזער רשות-היחיד, ארץ ישראל, האָט אונז אָרגאַניזירט און פאַראייניגט, אָבער ניט די פאַקטישע א"י, נאָר די שטרעבענדע, ניט די רעאַלע, נאָר די פאַנטאַסטישע. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען דער גוואַלדיגער כח פון א"י, אַז אפילו ווען מיר האָבען איהר נאָך ניט נאָר דענקען בלויז וועגען איהר, האָט בלויז די מחשבה פון דעם דאַזיגען רשות היחיד שוין געקענט שאַפען לופט מחיצות איבער אַלע ימים און וועלטען, און פאַרשפּרייטען דעם עירובּ-נעץ אלפים און רבוא רבבות מיילען אַרום די ארבע רוחות העולם, דורך וועלכען די איינהייטליכקייט פון פאָלק האָט צוריק געקראָגען איהר תקון.

איז די הלכה טאַקע גענומען געוואָרען פון יענער מדבר עפּאָכע, וואו די דגלים אָרגאַניזאַציע איז געשאַפען געוואָרען נאָך איידער מען איז געקומען אין ארץ ישראל.

זיינען אָבער פאַראַן מאַנכע מבקרים, קריטיקער, וואָס אָבוואָהל אין עצם פּרינציפּ פון אָרגאַניזאַציע זיינען זיי מודה, זיינען זיי אָבער ניט מודה אין דעם פאָרם פון אונזער ציון אָרגאַניזאַציע, וועלכע דריקט ניט אויס, נאָך זייער מיינונג, די פאַראייניגונג פון דאָס גאַנצע נאַציאָנאַלע

אידענטום אלס איין איינהייטליכע קערפערשאפט, נאר איז צוזאמענגעשטעלט פון מעהרערע ארגאניזאציעס, אין געשטאלט פון די פארשיעדענע פארטייאישע פראקציעס.

זיי גיבען, אמת, צו — די קריטיקער — אז מיינונגס פארשידענהייטען, ווען עס האנדעלט זיך אין אידעען און פרינ־ציפען, איז אן אונפארמיידליכקייט, און זיי ווייסען אויך פון דעם כלל, אז "בני אדם כשם שאין פרצופיהם דומים זה לזה, כך אין דעותיהם שוות". טענה'ן זיי אבער, אז אט די חלוקי־דעות דארפען קריגען זייער אויסדרוק ערשט דאן, ווען מיר וועלען שוין אלע זיין אין אונזער לאנד. דארט, זאגען זיי, איז דער פלאץ, וואו יעדער פארטיי און פראקציע, וועט זיך פאר־מעסטען מיט איהרע כחות און קעמפפען פאר איהרע פרינ־ציפען, אבער ניט דא אין גלות. דא איז עס א צו גרויסע לוקסוס צו זיין צוטהיילט אין גרופען, עס שאדעט ביז א געוויסער מאס אונזערע אינטערעסען, סיי אויסערליך און סיי אינערליך.

איז אבער די טענה דורכאוים פאלש. די ארגאני־זאטארישע ארבייט אין גלות, איז אין דער בחינה פון "מי שטרח בערב שבת", וועלכעס איז די הכנה צום "יאכל בשבת", און אויב, למשל, א פראקציע, וועלכע קעמפפט פאר רעליגעזע אדער סאציאלע אינטערעסען, וואלט דא אין גלות בלייבען פאסיוו און זיך פארלאזען אויף שפעטער, וואלט דער דאזיגער שפעטער קיינמאהל ניט געקומען. די מאסען פסיכאלאגיע איז אזא, וואס שטיצט מיט איהר סימפאטיע, נאר יענעם טהייל פון דער באוועגונג, ביי וועמען זי זעהט ענערגישע און אק־טיווע טהעטיגקייט. דער שפריכווארט: "ווער עס גיט די מאה, דער האט די דעה" איז א פסיכאלאגישער אמת, און קוים וויל מען אין א"י גופא האבען א השפעה, מוז מען נאך אין גלות פארברייטען דעם באדען דאפיר.

אט זעהען מיר דאך, אז אויך דארט אין מדבר, וואו עס איז אוועקגעלייגט געווארען דער גרונד־שטיין פאר ארגא־

ניזאציע, איז עס אויך געווען אין אזא פארם פון פארטייען און פראקציעס. ניט אלע שבטים זיינען געווען ארגאניזירט אונטער איין דגל, נאר זיינען געווען צוטהיילט אין באזונדערע דגלים. די "לויים", צום ביישפיעל. זיינען זאגאר ניט אריין אין דעם אלגעמיינעם צענזוס, מ'האט זיי געדארפט באזונדער צעהלען.

"אך את הלוים לא תפקד ואת ראשם לא תשא בתוך בני ישראל".

מיינט עס ניט, אז די לוים זיינען אין גאנצען געבליבען ניט ארגאניזירט. דארויף איז דאך דא א באזונדער אינסטרוקציע:

"פקד את בני לוי" !

עס מיינט אבער, אז דער שבט לוי האט זיך געדארפט ציילען באזונדער; זיי האבען געדארפט האבען א באזונדער ארגאניזאציע, ווייל אלס די וועלכע האבען געהאט ספעציפישע אויפגאבען, זייענדיג די "שומרי משמרת הקדש" און די רעליגעזע פארשטעהער פון פאלק, האבען זיי ניט געקענט אויסגעמישט ווערען מיט אלעמען, נאר געדארפט בלייבען א "חטיבה בפני עצמה", כדי צו קענען זיך אבגעבען מיט פולער ערנסטקייט און אויפריכטיגקייט צו זייער אויפגאבע און מיסיע, און אויסאיבען זייער איינפלוס אויף די אנדערע שבטים.

עס מיינט אבער אויך ניט, אז די לויים האבען זיך שוין אין גאנצען געמאכט שבת פאר זיך. דער פאקט איז דאך, אז זיי זיינען אלע געשטאנען אונטער איין פיהרער און אונטער איין אלגעמיינעם פאהן, זיי זיינען אבער געווען א באזונדער פראקציע אין דער גרויסער פאלקס ארגאניזאציע.

דאס זעלבע קען מען אויך זעהן פון דעם "דגל מחנה יהודה", וועלכער איז געווען צוזאמענגעשטעלט פון דריי שבטים: יהודה, יששכר און זבולון, יעדערער, וועלכער האט

פארטראַטען אַ גאַנץ באַזונדער געביט; יהודה, אלס דער צו־קונפטיגער קעניג, האָט רעפרעזענטירט דעם פּאָליטישען גע־ביט, יששכר, דער רעפרעזענטאַנט פון דער תורה, און זבולון, די עקאָנאָמישע זייט, און דאָך זיינען זיי אַלע געווען פאַראיי־ניגט אונטער דעם "דגל מחנה יהודה".

אַט דיביידע עלעמענטען, שבט לוי פון איין זייט, און יששכר פון אַנדערען זייט, אילוסטרירען אַמבעסטען די אַרט און ווייזע פון אַן אמת'ע פאָלקס אָרגאַניזאַציע. ווען עס האַנ־דעלט זיך פון ספּעציפישע רעליגעז־טראַדיציאָנעלע אינטערע־סען, דאַן דאַרף דער שבט לוי, אָדער אין אונזער מאָדערנעם טערמין, דער "מזרחי", אַרבייטען גאַנץ באַזונדער און זעלבסט־שטענדיג. צו דער זעלבער צייט אָבער, דאַרפען זיי אויך מיט אַרבייטען אין דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, און צווישען פּאָליטיק און עקאנאמיע, דאַרף אויך דער תורה סענטימענט, אין געשטאַלט פון די יששכר'ס, זיין פאַרטראַטען. יששכר איז אין סאַמע צענטער צווישען יהודה און זבולון, כדי אויסצואיבען דעם דאָזיגען סענטימענט אויף דער אַלגעמיינער אַרבייט, ווייל אויך פּאָליטיק און עקאָנאָמיע קענען און דאַרפען אָנגעפיהרט ווערען אין דער ליניע פון טראַדיציאָן. דער פּאָליטישער לעבען אַזוי גוט ווי דער עקאָנאָמישער. דאַרף זיך צופּאַסען צו דעם תורה גייסט, און ניט פאַרקעהרט...

יאָ, ניט נאָר אָרגאַניזאַציע אָן און פאַר זיך, לערנען אונז די צוויי סדרות, נאָר אויך די אַרט און ווייזע, ווי אַזוי די אָרגאַניזאַציע זאָל אָנגעפיהרט ווערען.

און דאָס איז זעהר אַ חשוב'ער קאַפּיטעל פאַר אונז.

בהעלותך

הקצוניות מימין ומשמאל במחנה ישראל

ותאכל בקצה המחנה — במוקצים שבהם לשפלות, ר״ש בן מנסיא אומר בקצינים שבהם ובגדולים (רש״י).

דער דור המדבר, וועלכער האט ניט ווייניג צרות פארשאפט דעם גרויסען פיהרער, משה רבינו, איז אבער ניט געווען ״מעור אחד״, פון איין קאליר און פון איין ריכטונג. ס׳איז טאקע געווען צווישען די אלע טראבעל-מאכער איין צד־השוות פון פארשאפען צרות, די צרות גופא האבען אבער ניט אלע געקראגען איין אויסדרוק, און זיינען ניט געווען פון איין כאראקטער. ס׳איז געווען, לויט׳ן תלמוד׳ישען אויסדרוק: ״לא ראי זה כראי זה״.

אין די פרשיות גופא ערשיינען זיי פאר אונז אונטער פארשידענע נעמען ווי: ״מתאוננים״, ״אספסוף״, ״מרגלים״, ״אנשי קרח״ א. א. וו.

די היינטיגע פרשה פאנגט אן מיט די ״מתאוננים״ (גראמבלערס), און דער פסוק דערצעהלט: ״ויהי העם כמתאוננים רע באזני ה׳״. עס ווערט אבער ניט אנגעגעבען וואס פאר א מין טיפ עס איז געווען. וועגען דעם ווערט שוין אנגעגעבען מעהר דעטאלען אין די קאמענטארען פון אונזערע חכמים פון וועלכע עס ציינט זיך ארוים, אז די מתאוננים גופא זיינען אויך געווען צוזאמענגעשטעלט פון פארשידענע טיפען.

גרוים אויפמערקזאמקייט דארף געגעבען ווערען צו דעם ציטירטען מאמר פון רש"י (גענומען פון מדרש), וועלכען מיר האבען ארויפגעשטעלט אלס טעקסט צו דער אבהאנדלונג פון היינטיגער פרשה.

צוויי מיינונגען ווערען אויסגעשפראכען וועגען דעם ביבלישען אויסדרוק: "ותאכל ב ק צ ה המחנה", (דער פייער האט געברענט אין ב ר ע ג פון דער מחנה) איינער, לויט וועלכען דער "בקצה" מיינט צו באצייכענען דעם טערמין פון "מוקצים", וואס מיינט, די אבגעשייטע, און באצייכענט די נידעריגסטע קלאס פון פאלק, "מוקצים שבהם לשפלות"; און דער צווייטער מיינונג, לויט וועלכען "בקצה" שטאמט פונ'ם ווארט "קצינים", און באצייכענט גראדע דעם בעסערען עלעמענט, די אריסטאקראטי און די גדולים.

אט די ביידע געגענזעצטע מיינונגען, וועלכע טראץ זייער קאנטראסט, שטאמען אבער פון איינעם און דעם זעלבען ווארט — ב ק צ ה, שאפט דעם איינדרוק, אז וואס אנבעלאנגט דעם פשוט'ען טייטש פון ווארט, דארין איז ניט פאראן קיינע חלוקי דעות. ביידע מיינונגען טרעטען ניט אפ פון פשט. "בקצה" מיינט: "אין ברעג". די מיינונגען טהיילען זיך אבער פארנאנדער אין דעם גופא, וועלכען "ברעג" מען מיינט, ווייל ברעגען זיינען דאך פאראנען צוויי... וויל דער ערשטער מיינונג האבען, אז דא האנדעלט זיך וועגען דעם עקסטרים ש ל ע כ ט ע ן עלעמנט, און דער צווייטער מיינונג באהויפטעט גראדע פארקעהרט, אז דא מיינט עס דעם עקסטרים ג ו ט ע ן עלעמענט.

זיינען טאקע די מיינונגען גופא אויך עקסטרים. עס איז אבער ניט צו שווער זיך פארנאנדערקלייבען אין זיי, ווען מיר ווייסען, אז דא האנדעלט זיך וועגען עקסטרימע ריכטונגען, ווייל קוים איז עס עקסטרים, קען זיך שוין לייגען אויף'ן שכל.

אז ניט בלויז די עקסטרימע פון "לינקס" קענען פארשאפען צרות, נאר אויך די עקסטרימע פון "רעכטס"... עקסטרעמע אידעען און עקסטרעמע האנדלונגען זיינען קיינמאהל ניט ווינשענסווערט. עקסטרעמיטעט דריקט מיט זיך אוים איינגעשפארטקייט, אמביציעזע עקשנות, זאכען פון וועלכע דער מענש פארלירט זיין גלייכגעוויכט, און קען לייכט ארא‌פבלאנדזשען פון גראדען וועג...

און ווילען מיר זיך געניי באקענען מיט די געשטאלטען און כאראקטארען פון די צוויי געגענזעצטע שטרעמונגען אין דער מחנה ישראל, איז גענוג א בליק צו טהאן אין אונזער אייגענער מחנה פון היינט, וועלען מיר דערפון לערנען די מחנה פון נעכטען. פון אונזער מאדערנעם דור המדבר, קענען מיר דערקענען דעם דור המדבר פון משה'ס צייטען.

זיינען זיי דאך פאראנען ביי אונז אין די שווערע מוידענטער אט די עקסטרעמע אידעלאך פון ביידע פליגלען, דער עקסטרים-ראדיקאלער פליגעל פון לינקס און דער עקסטרים טראדיציאנעלער פון רעכטס. דער ערשטער, ביי וועמען דער נאציאנאל-סאציאלער, אדער סאציאל-נאציאנאלער פייער האט זיך אזוי שטארק צופלאקערט, אז ער האט מיט זיינע ברענענדע פייער צינגער אזש געגרייכט צו דער טראדיציאנעלער תורה און איהר פארברענט... און דער צווייטער, ביי וועמען דער תורה פייער פון דעם אש-דת, האט זיך אזוי צוברענט, אז עס איז שוין ניט געבליבען קיין איין אבגעשפארטער פונק פאר קיין אנדער אידעאל, און ציון איז אזוי ארום געפאלען א קרבן אויף דעם מזבח פון תורה. טראדיציע האט פארכאפט די אלע טעריטאריעס פון לעבען, און האט דעם נאציאנאליזמוס ארויסגעשטופט מחוץ למחנה...

און פון דער נעגענווארט צו דער פארגאנגענהייט.

דער קאפיטעל "מתאוננים" פאלגט נאך דעם קא־פיטעל "ויהי בנסוע הארון", און לויט'ן כלל, אז "א וואו עס איז א ויהי דארט איז א צרה", האט זיך ביי יענעם דור המדבר אויך אנגעפאנגען די צרה מיט דעם ויהי בנסוע הארון... עס איז געוועז דער ארון מיט דער תורה, וואס האט ארויסגערופען צום פראנטביידע עקסטרעמע ריכטונגען, די פון "לינקס" און די פון "רעכטס".

ווי מיר ווייסען פון אונזערע חז"ל, האט דא געשעהן דער נס פון קפיצת-הדרך. דער ארון האט געהאט קפיצת הדרך, און האט איבעריאגט די מחנה ישראל אויף א שטח פון גאנצע דריי טעג פום גאנג. און אט דער קפיצת הדרך מצד דעם ארון האט געבראכט ביידע ריכטונגען אין פארלעגענהייט, און ביידע האבען רעוואלטירט. ביידע זיינען געווארען—מתאוננים.

נאטירליך, איז די קריטיק געגען דעם קפיצת הדרך אויסגעזעצט געווארען פון צוויי פארשידענע שטאנדפונקטען, איינער הימעל ווייט פון דעם צווייטען.

דער ראדיקאלער עלעמענט האט גע'טענה'ט: געהן קיין ארץ ישראל — מהיכי תיתי. דארויף זיינען מיר דאך פלאם-פייערדיגע נאציאנאליסטען, אבער אט דער קפיצת-הדרך פון דעם ארון, דאס איז אונז שוין גאר ניט צום הארצען. עס קוקט אוים, ווי דער ארון פארלויפט אונז דעם וועג. ער וויל פאראוים פארכאפען די פאזיציעס אין ארץ-ישראל, און דארט לייגען דעם יסוד פון א רעליגעזען תורה-ישוב... און דאס ווילען מיר ניט. מיר ווילען באין אופן ניט אן אבגעשטאנענעם רעאקציאנערען און קלאריקאלען ישוב אין אונזער נייע היים־לאנד. מיר זיינען פארגעשריטענע, פראגרעסיווע ראדיקאלען, און מיר דולדען ניט דעם "שימעל" פון דער אבגעלעבטער טראדיציע...

אט דעם עלעמענט מתאוננים, האבען אונזערע חכמים באצייכענט מיט נאך א נאמען. זיי רופען זיי אן: די "בורחים

מהר ה׳ ״ (די אנטלאָפענע פון גאָט׳ס באַרג), ״כתינוק הבורח מבית הספר״ (ווי אַ קינד, וואָס אַנטלויפט פון ״חדר״). זיי זייַנען שוין געהרן ״איבערגעקומען״ דעם ״מעמד הר סיני״, און אַנטלאָפען געוואָרען פון דאָרט אונטער דעם איינדרוק, אַז די תורה איז פאַרבליבען אויף׳ן באַרג, און זיי זיינען שוין ״פטור״ געוואָרען פון איהר. און דאָ זעהען זיי מיט אַמאָהל, ווי די זעלבע תורה מיט׳ן ארון לויפען גאָר אין פאָראויס, און זיי דאַרפען אין איין אָטהעם זיי נאָכיאַגען, איז עס ביי זיי טאַקע אויסגעקומען מאָדנע. עפּעס אַ טראַגיש-קאָמישע סצענע, אַ ווידערשפּרוך פאַר זיך אַליין. דאָ אַנטלויפט מען פון דעם ארון, און דאָ לויפט מען גאָר צו דעם ארון ?...

און דאַן קומען די מתאוננים נומער צוויי פון דעם עקסטרעמען רעכטען פליגעל. אויך זיי געפעהלט ניט דער קפיצת-הדרך, אָבער נאַטירליך, אויס אַנדערע מאָטיוון. זייער מאָטיוו איז: געהן קיין ארץ-ישראל — מסכים, אָבער לויפען מיט קפיצת הדרך קיין א״י, דאָס איז שוין עפּעס ניט אין גאַנצען רעליגעז, ניט תורה מעסיג. ס׳איז דאָך אַ בפירוש׳ער דין, אַז: ״אסור לדחוק את הקץ״... קיין ארון זעהען זיי פאַר די אויגען ניט (דער ארון איז דאָך שוין ווייט אַוועק אין פאָראויס), זעהען זיי אין דעם אַ סימבאָל, אַז אויב מען לויפט וויל דער ארון ניט מיט-לויפען, ווייל דאָס לויפעניש איז געגען דעם גייסט פון דעם ארון... אגב — זאָגען זיי — אויב מען לויפט אין א״י אָהן דעם ארון, אָהן אַ תורה, מיינט דאָך עס, אַז די ראַדיקאַלען ווילען דאָרטען פאַרכאַפּען די פּאָזיציעס, און לייגען דעם גרונד-שטיין פאַר אַ ראַדיקאַלען תורה׳לאָזיגען ישוב, און דאַרויף נאַטירליך, קענען זיי באַין אופן ניט איינגעהן...

וואָלט אין אמת׳ן זייער טענה געווען אַ גערעכטע. געווים דאַרף מען האָבען אַ טראַדיציאָנעלע א״י, דערפאַר רופט זיך דאָך א״י אויך ״ארץ הקדושה״... איז אָבער דער חסרון,

וואָס זיי געהען אַוועק צו עקסטרים. מ'האַלט זיך אַזוי פעסט ביים "אסור לדחוק את הקץ", אַז אפילו ווען מען דאַרף שוין דעם "קץ" גאָר ניט "שטופּען", ער לויפט אַליין, און גאָט אַליין, די תורה אַליין לויפען שוין מיט, אויך דאַן האַלט מען איין דעם צוג אויף צוריק, און אונטער אַ מסוה פון צדקות בלייבט מען פּאַסיוו, און מען טהוט גאָר ניט פאַר ארץ ישראל... אַזאַ האַנדלונג קען נאַטירליך ארויסרופען אַ פאַרדאַכט, אַז די אַלע אויסזעצונגען זיינען פשוט אַן "אויסרייד" אויף צו דעקען די גלייכגילטיגקייט און פאַסיוויטעט, וואָס הערשט אין באַצוג צו ארץ ישראל...

און די זעלבע ריכטונגען מיט זייערע אַרגומענטאַציעס קומען ווידער אַמאָהל צום אויסדרוק ביי אַ צווייטען געגענשטאַנד, וואָס פאָלגט נאָך דעם עפּיזאָד פון די מתאוננים, נאָר אונטער אַן אַנדער טיטעל: "אספסוף". איצט האַנדעלט זיך עס וועגען די קריטיק אויף דעם הימלישען "מן". אויך דאָ ערשיינעןביידע אין צענטער פון דער קריטיק, נאָר יעדערער אוים זיינע אייגענאַרטיגע מאָטיוועז, און אויך די מאָטיוועז ברענגען אַרוים דעם שטאַנדפּונקט פון זייער אידעען גאַנג אין באַצוג צו ארץ ישראל.

דער מן איז "לחם מן השמים", און די דאָזיגע קאָמבינאַציע געפעהלט ביידען ניט, נאָר אין דער צייט, וואָס די "לינקע" געפעהלט ניט דער פּונקט פון מן השמים, געפעהלט די רעכטע ניט דער פּונקט פון לחם..:

טענה'ן די ראַדיקאַלען, אַז דער "לחם", די ברויט פראַגע איז אַ ריין עקאָנאָמישע פּראָבלעמע, און עס דאַרף מיט'ן הימעל קיין שייכות ניט האָבען. עקאָנאָמישע פראַגען זאָלען זיין אויסגעזעצט צו הימלישע רעגולאַציעס, דאָס איז ביי זיי אַ ראַדיקאַלער "שעטנז"...

„תנה לנו בשר ונאכלה״ ! — גיב אונז ע ר ד י ש ע פלייש און ניט קיין ה י מ ל י ש ע ן מן... זאָל זיך דער הי־מעל ניט מישען אין אונזערע עקאָנאָמישע פּראָבּלעמען.

קומען ווידער די עקסטרעמיסטען פון רעכטען לאַ־גער, און זעצען אויך אוים געגען דעם לחם מן השמים, אָבער, ווי געזאָגט, איז זייער קריטיק ניט אויף דעם חלק „שמים״, נאָר גראָדע אויף דעם חלק „ארץ״. זיי באַוואונדערען דעם הימלישען נס, וואָס רעגענט מיט ברויט, זיי זיינען אָבער ניט צופרידען דערפון, וואָס די מענשליכע האַנט דאַרף דערין אויך זיין פּארטראַטען... אויב ה י מ ע ל — זאָגען זיי — דאַרף אין גאַנצען זיין הימעל. נס — טאָ זאָל זיין הונדערט פּראָצענט נס און קיין טבע, נאַטור, דאַרף זיך שוין דאָ גאָר ניט אריינ־מישען.

זעהען זיי אָבער, אַז דער הימלישער מן קען אויך ניט גרייכען צום מויל, אויב די מענשליכע האַנט מישט זיך ניט אריין. עפּעס, זעהען זיי, אַז די תורה זאָגט, אַז מען זאָל דעם דאָזיגען מן אַליין אויפקלייבען: „ולקטו העם דבר יום ביומו״, מען דאַרף איהם אַליין צושטויסען, מאָהלען און קאָ־כען, טאָ אויב אַזוי, איז עס דאָך שוין ניט קיין הונדערט פּראָ־צענט נס, עס שמעקט דאָך שוין מיט טבע... די אַלטע טענה פון: „אם ה׳ לא יבנה בית — שוא עמלו בוניו״, מיט וועלכע די פּאַסיווע „הרדים״ באַנוצען זיך אין זייער אַרגומענטאַציע אויף ניט צוריהרען קיין פינגער צו דער אידישער גאולה, נאָר אין גאַנצען איבערלאָזען פאַר משיח׳ן אַליין. עס זאָל קיין זאַך ניט געטהאָן ווערען בדרך הטבע, נאָר אַלעס דאַרף קומען בדרך נס, פאַרגעסענדיג דערביי צו ציהען פון דערמאָהנטען פסוק די שליסע פון דעם בעקאַנטען „מכלל לאו אתה שומע הן״, און דרינגען דערפון לאמר, אַזוי צו זאָגען: אם ה׳ ל א יבנה בית — ווען גאָט זאָל חלילה נ י ט וועלען בויען די הויז, איז

טאקע — שוא עמלו בוניו בו — איז אומזיסט די מיהע פון די בויערס, ווי איז אבער — אם ה׳ יבנה בית — ווען גאט וועט יא בויען, דאן איז — לא לשוא עמלו בוניו בו — וועט די מיהע פון די בויערס ניט זיין אומזיסט, אבער בויערס דאר־פען אין צווייטען פאל אויך זיין, אין אנקלאנג מיט׳ן "וברכתיך בכל אשר תעשה", פון וועלכעס די חז״ל לערנען ארויס, אז דער מענש דארף מקיים זיין דעם "תעשה", ער טאר ניט זיצען בטל און זיך אין גאנצען פארלאזען אויף נסים...

איז טאקע דעריבער קיין חדוש ניט פאר וואס: "וישמע ה׳ ויחר אפו ותבער בם אש ה׳ ותאכל בקצה המחנה", און ווי חז״ל קאמענטירען: סיי "במוקצים לשפלות" און סיי "בקצינים שבהם ובגדולים". פוןביידע איז גאט ניט צופרידען. קוים איז עס עקסטרים, טויג עס שוין ניט אהנע אונטערשיעד, צו די עקסטרעמיטעט געהט אוועק לינקס, אדער אפילו ווען זי געהט אוועק רעכטס...

און משה דער פיהרער, ברייגענדיג די קלאגע פאר גאט, שטעלט זיך אפ אויף ביידע עקסטרעמען. פון איין זייט גרייפט ער אן די "רעכטע", ווען ער זאגט: "כי תאמר אלי שאהו בחקך כאשר ישא האומן את היונק". זיי, די עקסטרים פרומע ווילען, אז מען זאל זיי טראגען אויף די הענט קיין א״י, אליין שטעלען א פוס ווילען זיי ניט. דאס איז שוין ביי זיי "טבע"... און וועגען די לינקע, זאגט ער: "מאין לי בשר"? זיי ווילען איך זאל זיי געבען פלייש, דער הימעל זאל זיך גאר ניט מישען. ביי זיי איז אלעס טבע, און פון הימלישקייט, פון תורה, ווילען זיי גאר ניט וויסען...

יא, ביידע זיינען פארפיהרט. דער ריכטיגער וועג איז דער מיטעל פונקט, דער שביל הזהב. ברוים מיט הימעל, א״י מיט ארון, נס מיט טבע — דאס איז די תורה פראגראמע פאר דעם בנין הארץ.

שלח

המרגלים לפנים — והיום

עלה נעלה וירשנו — — — טובה הארץ מאד מאד

(יג־ל — יד־ז)

ביידע אידישע פיהרער, משה און יהושע, האָבען דורכגעמאַכט דעם עקספּערימענט פון שיקען מרגלים, אָב־וואָהל די רעזולטאַטען פון יענע ביבלישע מרגלים־מיסיאָן זיינען ניט געווען אין ביידע פעלע גלייך, די ערשטע, אַהן ער־פאָלג, און די צווייטע מיט ערפאָלג.

אָבער זייט יענע צייטען איז מעהר ניט באַקאַנט אין דער אידישער געשיכטע פון נאָך אַן עהנליכען מרגלים פאַל. אונזער דור, גלויב איך, איז עס דער "גליקליכער", וואָס שטעהענדיג אויפ'ן שוועל פון "כניסת הארץ" און געפינענ־דיג זיך אין פאַרבינדונג דערמיט סיי ווי אין אַ שווערער קאָמ־פּליצירטער לאַגע, זיינען מיר נאָך אַלס צוגאָב "געבענטשט" געוואָרען מיט אַ פרשת מרגלים, וועלכע פאַרשאַפט אונז ניט ווייניגער צרות, ווי יענער מרגלים קאַפּיטעל פון משה'ס ציי־טען, מיט דעם איינציגען אונטערשיד, וואָס דעמאָלט האָבען מיר כאָטש אַמווייניגסטענס געהאַט אַ משה'ן, און היינט האָבען מיר בלויז פיהרער, אָבער ניט קיין משה'ס...

און נאָך עפּעס: אין משה'ס צייטען, איז געווען בלויז איין מין מרגלים — אידישע, אין אונזערע צייטען אָבער, האָבען מיר געהאַט און האָבען טיילווייז אויך איצט צוויי מינים, אידישע און גוי'אישע מרגלים, און פון ביידע האָבען מיר ניט קיין צופיעל נחת.

וואס אנבעלאנגט די גוי'אישע, ענגלאנד'ס מרגלים, אין געשטאלט פון די פארשידענע קאמיסיעס, מיט וועלכע "זשאהן בול" האט אונז היבש מאהל מזכה געווען אין די לעצ־טע עטליכע יאהר, זיינען דאך די רעזולטאטען באוואוסט. זיי האבען אונז געלאזט פיהלען די קאנזעקווענצען יעדעס מאהל גלייך נאך זייער צוריק קעהר פון זייער באזוך און פארשונגס אדער אונטערזוכונגס ארבייט אין ארץ ישראל. נאך יעדער קאמיסיע, א נייע גזירה'לע, א נייע תוכחה. דערצו אבער, האבען מיר ווייניג וואס געקענט העלפען אויסער — פראטעס־טירען...

די צרה איז אבער מעהר מיט אונזערע אייגענע אידישע מרגלים, אין געשטאלט פון די זאגענאנטע "כשר'ע" אידען, וועלכע פאהרען "ברייגגען א גרוס פון ארץ ישראל", און אין מעהרערע פעלע שטימט דער דאזיגער גרוס כמעט אות באות מיט יענעם גרוס פון משה'ס מרגלים...

אייגענטליך, זיינען דאך משה'ס מרגלים בעת זייער געהן קיין ארץ ישראל אויך געווען כשר'ע אידען, "אנשים צדיקים", און וואהרשיינליך, האבען זיי אויך, פונקט ווי אונ־זערע היינטיגע "צדיקים", געקראגען א "צאתך לשלום באנ־קעט" בעפאר זייער אברייזען, און דאך, ווי עס זעהט אויס, לויט אונזערע חז"ל, איז דער רבונו של עולם ניט שטארק צו־פרידען געווען מיט דער גאנצער אידעע פון שיקען קאמיסיעס. ער האט דאך געזאגט צו משה'ן: "שלח לך אנשים, לך — לדעתך, אם אתה רוצה שלח, אני אינני מצוה לך", (איך היים דיך ניט, אויב דו ווילסט, שיק).

און עס איז דאך גאנץ פשוט. מען מוז דאך געהן אין ארץ ישראל סיי ווי, און אונטער אלע אומשטענדען, טא צו וואס די פארשונגען מיט די אונטערזוכענישען? אבער דע־מאלט אמווייניגסטענס זיינען כאטש די מרגלים אויטאריזירט

געוואָרען, זיי זיינען געווען אָפיציעלע שלוחים, און פּאַלגליך האָט מען אויך געמוזט ליידען פון זיי. היינט איז די צרה נאָך גרעסער. אונזערע מרגלים ווערען פון קיינעם ניט געשיקט, "פליהען" אליין פאַר אַ זומער אָדער פריהלינג'ס "טריפּ", און קריגען דערפאַר אין אַדוועגס באַצאָהלט מיט פולע העמערס פובליסיטי. און קומענדיג קיין ארץ ישראל, קאָרמעט מען זיי דאָרט אויך מיט קבלת פּנים'ס, רעספּעפּשאַנס און באַנקעטען, אָבער אַזוי גיך, ווי זיי קומען צוריק "אַהיים", ווערט מיט אַמאָהל פון זיי אויס אנשים כשרים, און האַלטען זיך פעסט אין דער טראַדיציע פון יענע משה'ס מרגלים צו גיסען שוועבעל אין די אַזוי אויך עצמות היבשות'דיגע נפשות פון די מעהרסטע פאַר'גלות'טע אידען.

משה'ס מרגלים האָבען געדאַרפט זוכען מאַטעריאַל פאַר זייער מרגלים'שער מיסיע, ביי אונטערזוכען די גוים, קיין אידען זיינען דאָך נאָך דעמאָלט ניט געווען אין ארץ ישראל, אונזערע מרגלים אָבער האָבען אַ ברייטערען פעלד פאַר זייער טהעטיגקייט, זיי אונטערזוכען סיי די גוים און סיי די אידען.

וואָלט עס אַמאָהל גראָדע געקענט זיין אַ מעלה. לאָמיר זאָגען, למשל, אין באַצוג צו דער עקאָנאָמישער זייט. ווען אַ טוריסט באַזוכט אַן אַראַבישען דאָרף אין ארץ ישראל און אַ אידישע קאָלאָניע. ער זעהט דעם חורבן און תהו ובהו פון דער ערשטער און דעם זכות. חלב ודבש פון דער צווייטער, וואָלט דאָך אַזא פּאַראַלעל געווען, דוכט זיך, די בעסטע שטאָף פאַר אָפּטאָמיזם און ערמוטיגונג.

אָדער, למשל, אין באַצוג צו טראַדיציאָנעלער אי־דישקייט: ווען אַ באַזוכער אין ארץ ישראל וויל פאַרגלייכען אַ שבת פון אַ "פרומע" ניו יאָרקער אָרטשאַרד סטריט, צו אַ שבת פון אַ "פרייע" תל אביב'ער אַלענבי גאַס, וואָלט ער דאָך

דערפון געקענט פיעל לערנען וועגען דעם אונטערשיעד פון גלות ביז ארץ ישראל. טהוט ער דאָס אָבער ניט. דער אַמערי־קאַנער באַזוכער קוקט בכלל ניט אויף ארץ ישראל מיט פּאַראַ־לעל ברילען, און פון אַ פּשוט׳ען מאַטעמאַטישען ״חבור״ אָדער ״חלוק״ ווייס ער ניט, אָדער בעסער געזאָגט, וויל ניט וויסען. נעהמט ער דערפאַר ארץ ישראל איינזייטיג, און דאַן קומט שוין ממילא ביי איהם אַרויס אַ קרום קיילעכיגער מרגלים גרוס.

און אויב ער נעהמט אַמאָהל יאָ אַ פּאַראַלעל־שנור, טהוט ער עס אין דער פאַרקערטער זייט, און דרעהט איבער די יוצרות. דעם מאַטעריעלען אידישען ישוב פּאַראַלעלירט ער ניט מיט דעם אַראַבישען, נאָר מיט דעם אַמעריקאַנער, און לגבי אמעריקא, נאַטירליך, איז דאָך נאָך ארץ ישראל ניט הונ־דערט פּראָצענט ״אָפּ־טו־דייט״, געפעהלט זי איהם דעריבער ניט, און האָט אויסצוזעצען פיעל חסרונות. דאָס טראַדיציאָ־נעלע ארץ ישראל ווידער, מעסט ער שוין גראָדע ניט מיט אַמעריקאַ, נאָר מיט ארץ ישראל גופא, עס הייסט, די פּראַק־טישע ארץ ישראל מיט די פאַנטאַזירטע, די ארץ ישראל, וואָס איז מיט די ארץ ישראל וואָס דאַרף זיין — געפעהלט זי איהם ווידער ניט...

איןביידע זאַכען אָבער, איז דער חשבון אַ — מרגלים׳שער.

ווען משה האָט געשיקט די מרגלים, האָט ער זיי גע־זאָגט: ״עלו זה בנגב״. ער האָט זיי געהייסען געהן אין דרום זייט. זאָגען די חז״ל, אַז זיין אַבזיכט איז געווען, זיי זאָלען פריהער זעהן דעם ערגערען טהייל און נאָכהער דעם בעסע־רען, ווי עס פיהרט זיך ביי געשעפטסלייט, אַז פריהער ווייזען זיי די פּסולת און דערנאָך דאָס גוטע.

דאָס איז אויך אַנגעמאָסטען פאַר אונזערע מרגלים ביי וועמען ארץ ישראל איז נאָך, אין מאַטעריעלען זין נים קיין פאַריז אָדער נויאָרק. זיי האָבען געדאַרפט זעהן ארץ ישראל מיט אַ צוויי צעהנדליג יאָהר צוריק, דעמאָלט, ווען עס איז נאָך געווען כולה פסולת, ווען תל אביב איז נאָך געווען אַ תל עולם, און עמק יזרעאל אַן עמק הבכא, וואָלטען זיי דאַן געקוקט מיט אַנדערע אויגען אויף די איצטיגע ארץ ישראל.

און וואָלטען זיי געווען געגוי בעקאַנט מיט די פריהעריגע אַראַבישע ארץ ישראל, ווען די לאַנד איז ווירקליך געווען אַן "ארץ אוכלת יושביה", אַ נעסט פון מאַלאַריע און געלען-פיבער, פון אויגען קראַנקהייט, טאַראַכאָמאַ און אַנדערע מינים פורעניות'ן, וואָלטען זיי איצט געקענט אָבשאַצען די אידישע אַרבייט אויף דעם דאָזיגען סאַניטאַרישען געביט, און וואָלטען שוין קיין לשון הרע נים געקענט ריידען.

דאָס זעלבע אויך אין באַצוג צו טראַדיציע. קוים זעהען אונזערע "מרגלים" אַ טהייל פון דער איצטיגער ארץ ישראל יוגענט, וואָס זיינען נים אַזוי פרום, טראָגט מען שוין אַרוים לשון הרע אויף דער גאַנצער לאַנד.

האָט טאַקע משה אויך געזאָגט צו זיינע מרגלים, אַז זיי זאָלען זעהן "היש בה עץ אם אין", און לויט חז"ל, האָט ער געמיינט דערמיט, אויב עס איז דאָרטען פאַראַן צדיקים. משה האָט אָבער גלייכצייטיג אונטערשטראָכען זיין כונה, ווען ער האָט געזאָגט: "והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ", און אין ליכט פון דער דאָזיגער דרשה, הייסט עס אומגעפעהר, אַז די צדיקים דאַרף ער זוכען צווישען די "פרי הארץ", צווישען די אמת'ע ארץ-ישראל קינדער, די וועלכע זיינען דאָרט אויפגעבראַכט און ערצויגען געוואָרען, די וועלכע זיינען בני ארץ ישראל פון היינט און פון נעכטען, און נים ציהען שליסע וועַ-

גען פרומקייט פון די וועמעס נעכטען געהער צום גלות און ניט צו ארץ ישראל...

יאָ, די פרשה פון מרגלים דאַרף און מוז גוט שטו־דירט ווערען. די פרשת הספר דאַרף דיענען אַלס לעקציע פאַר די פרשת החיים, און זאָלען די בעסערע אידען אַזוי אַרום וויסען, וואָס פאַר אַ שטעלונג זיי דאַרפען נעמען צו די וועל־כע זוכען צו לייגען שווערע שטיינער אויף דעם וועג, וואָס פיהרט קיין ציון, דער וועג, וועלכער איז סיי ווי ניט אויסגע־בעט מיט קיין בלומען...

געגוג פאַר אונז די מרגלים פון דרויסען. די פון אינעוויינינג קענען מיר זיך באַגעהן אָהן זיי. זיי פעהלען כלל ניט אוים צום מנין...

און די שטעלונג דאַרף זיין אַ קלאָהרע. עס דאַרף גע־געבען ווערען איין תשובה צו ביידע סאָרטען מרגלים, אַ תשובה, וואָס לאָזט ניט איבער נאָך זיך קיין ספיקות און פקפוקים אין באַצוג צו אונזער שייכות מיט ארץ ישראל, אַ תשובה, וואָס לאָזט ניט איבער קיין צווייפעל אין ביידע זאַכען, סיי אין דער מעגליכקייט און סיי אין דער ווילענסקראַפט פון קריגען ארץ־ישראל.

דאָס איז די זעלבע תשובה, וואָס האָט געקראָגען איהר אויסדרוק אין כלב׳ם מעסעדזש, און וועלכע לויטעט:

עלה נעלה וירשנו!

טובה הארץ מאד מאד!

קרח

התנועה הקרחית לצבעיה ולגוניה

ובני קרח לא מתו

(כו — יא.)

היסטאריע ווידערהאַלט זיך. עס איז אַ "גלגל החוזר בעולם". די געגענוואַרט איז אַ קאָפּיע פון דער פאַרגאַנגענ־הייט. עס ליגט שוין אַזוי אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער מענש־הייט. מ'האָט ליעב צו געהן אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג. מ'ווילט זיך נים זוכען קיין נייע דרכים אַזוי לאַנג ווי די אַלטע זיינען נאָך גאַנגבאַר. בלייבען טאַקע דערפאַר די אַלטע דרכים, און געהען איבער בירושה צו די נייע מענשען. די העלדען בייטען זיך, אָבער די ביהנע איז די זעלבע.

די וועלט טייטשט: "ובני קרח לא מתו", קרח'ס קינדער, זיינע יורשים, זיינען נאָך נים געשטאָרבען. זיי האַל־טען נאָך פעסט אַן דעם זיידענ'ס ירושה... אַ לעבעדי־גען צווייג, אַז מען זעצט אַריין אין דר'ערד, איז ער פּראָ־דוקטיוו, און עס שפּראָצען פון איהם אַרוים פיעל אַנדערע צוויי־גען. קרח איז אויך אַריין אין דר'ערד לעבעדיגערהייד, נו, האָבען טאַקע אַרויסגעשפּראָצט מעהרערע קרח'ס, הגם אין פאַרשידענע קאָסטיומען און פאַרשידענע געשטאַלטען...

ווי עס זעהט אויס, איז דער לעבעדיגער קרח אַליין אויך נים געווען מעור אחד. עס זיינען אין דעם קרח'יזם אויך געווען פאַרשידענע ריכטונגען און פּאַרטייען, און נים קוקענ־דיג דערויף, וואָס ער, קרח, איז געווען דער "טאַטע" פון אַלע פּאַרטייען, און נאָר אַ דאַנק זיין אויסערגעוועהנליכען אָרגאַ־

טאַרישען און אַגיטאַטאָרישען קראַפט, האָט זיך עס איהם איינגעגעבען אויפצובלאָזען אַזאַ שטאַרקע רעוואָלוציע און אויפשטעלען אַזאַ מעכטיגע אָפּאָזיציע געגען משה מיט אהרן'ען איז איהם אָבער דאָך ניט געלונגען צו פאַראייניגען אַלע אָפּאָזיציאָנערען אין איין לאַגער, און בילדען אַן איינהייט־ליכען פראָנט געגען זיינע געגנער. ער האָט בלויז באַוויזען צו שאַפען דעם נעגאַטיווען פאָרם פון דער מחלוקת, אָבער ניט דעם פּאָזאַטיווען. אַלע זיינען געווען בדעה אחת צו נעהמען אַ נע־גאַטיווע רעוואָלוציאָנערע שטעלונג צו משה'ן, אַלע זיינען אָבער נ י ט געווען בדעה אחת אין באַצוג צו זיך אַליין. קיין האַרמאָניע אין קרח'ס לאַגער גופא, איז אויך ניט געווען.

דאָס וואַרפט אַ ליכט אויף דער בעקאַנטער משנה אין אבות, וואו דער תנא שטעלט אַוועק אין פּאַראַלעל די מחלוקת פון הלל מיט שמאי געגען די פון "קרח ועדתו", באַ־צייכענענדיג די ערשטע, אַלס אַ מחלוקת לשם שמים, און די צווייטע — אַ מחלוקת שלא לשם שמים. ווערענד אָבער ביי די ערשטע, גיט דער תנא אָן ביידע צדדים, הלל און שמאי, דערמאָהנט ער ביי די צווייטע בלויז איין צד — קרח ועדתו, און זאָגט ניט: "קרח ומשה"?

מאַנכע מפרשים ערקלעהרען עס דערמיט, וואָס טאַקע דערין ליגט דער אונטערשיעד פון אַ מחלוקת לשם שמים ביז שלא לשם שמים. אין ערשטען פאַל, וואו ס'איז קיין בייזע כונות ניטאָ ביי קיינעם פון די באַטרעפענדע צדדים, לאָזען זיך איינע די אַנדערע אויסהערען, ביידע דעות זיינען פאַר־טראַטען, און טאָלעראַנץ הערשט פון איין לאַגער צום צוויי־טען. וואו עס איז אָבער "שלא לשם שמים", דאָ וויל גאָר איינער דעם אַנדערען ניט אויסהערען, און דערפאַר ביי קרח'ס מחלוקת ברייגנט ער נאָר קרח ועדתו, איין צד, דעם צווייטען צד, משה מיט אהרנ'ען, האָבען די אנשי קרח גאָר ניט גע־וואָלט אויסהערען, אַ באַווייז, אַז ווען יענע האָבען אָנגעבאָטען

שלום און געוואָלט קומען צו אַ פאַרשטענדניס, האָבען די אנשי קרח צוריקגעוויזען דעם אַנבאָט, און געענטפערט: לא נעלה ! . . .

אין ליכט פון דאָס אויבענגעשריבענע, ווערט אָבער דעם תנא'ס אויסדרוק אויך סימבאָליש פאַר זיך אַליין. ער כאַראַקטעריזירט דערמיט, אַז קרח ועדתו אַליין זיינען אויך ניט קיין איין צד, זיי צווישען זיך אַליין בילדען אויך פאַר־שידענע פאַרטייען פון וועלכע איינע מיט די אַנדערע שטימען ניט און פיהרען אויך מחלוקת'ן, עס איז מחלוקת צווישען דעם קרח מיט דעם עדתו אויך.

און אַקוראַד ווי דער ציוניזם, להבדיל, איז צוזאַמען־געשטעלט פון פאַרשידענע פאַרטייען און פראַקציעס, אַזוי איז עס אויך געווען מיט דעם קרח'יזם, אין וועמעס פּאַלעס עס האָבען זיך געטוליעט קרח'יסטען מכל המינים, אַסימילאַטאָ־רען, נאַציאָנאַליסטען און אפילו טראַדיציאָנעליסטען, וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם קרח גייסט. און ביי די אַלע האָט געבושעוועט די קרח עפּידעמיע פון מחלוקת און רעוואָלט.

בלעטערען מיר נאָר דורך דעם קרח־אַלבום, און זיי ערשיינען אַלע פאַר אונז אין זייערע געשטאַלטען באַגלייט מיט די באַקאַנטע פזמונים און שלאָג־ווערטער פון יעדער גרופּע און ריכטונג.

אונזערע חכמים קאָמענטירען איבער דער שטראָף פון קרח מיט זיינע גרופּען, ווי פאָלגט:

"רבי יהודה אומר באותה שעה נפתחו לארץ פיפיות הרבה שנאמר בקרב כל הארץ", (ר' יהודה זאָגט, אַז אַ סך מיילער האָט די ערד געעפענט צו פאַרשלינגען די זינדיגע). אמר לו רבי נחמיה, והלא כתיב ותפתח הארץ את פיה ? ("פיה" איז דאָך לשון יחיד, איין מויל ?) אלא שנעשית הארץ

כמשפך, וכל מקום שהיה אחד מהם או ממונו מתגלגל ובא ויורד עמו" (די ערד איז געוואָרען ווי אַ "לייקע", און יעדערער פון די קרח לייטע צוזאַמען מיט זיין געלט האָט זיך געקייקעלט צום באַשטימטען שלונג-פּלאַץ).

אויפ'ן פסוק פון "ובני קרח לא מתו", קאָמענטירען די חכמים און זאָגען, אז "מקום נתבצר להם בגיהנם ונשארו חיים", (אין די סאַמע גרויסע גיהנם-כוואַליעס האָט זיך געבילדעט אַ רעטונגס אינזעל פאַר די בני קרח, וואָס האָט זיי דערהאַלטען ביים לעבען).

עס זעהט אלזאָ דערפון אוים אז ווערהרענד איין טהייל פון די קרח'יסטען האָבען געזונקען יעדערער אויף זיין פּלאַץ וואו ער איז געשטאַנען, איז אַ צווייטער טהייל געשלעפּט געוואָרען צו אַ געוויסען צענטראַלען זינק-פּונקט און אַ דריטער טהייל איז אין גאַנצען געראַטעוועט געוואָרען, אָבער בלויז אויף אַ מין שווים-ברעט, וואָס איז פון אַלע זייטען ארומגערינגעלט מיט גיהנם...

דאָס אַלעס, ווי געזאָגט, מאַכט נאָך מעהר בולט, אז מיר האָבען דאָ צו טהאָן מיט קרח'ן מכל המינים פון וועלכע יעדערער ערשיינט פאַר אונז מיט זיין באַשטימטען קאָליר.

אָט קומט צו פראָנט דער אַסימילאַנטען טיפּ. געזירט, איהר געמאַכט פאַר אַ "בית שכולה ספרים", אַ "טלית פעהלט איהם אין גאַנצען ניט דער נאַציאָנאַליזם מיט דער ציון באַוועגונג. אידען האָבען איין ציעל — טענה'ן זיי — און דאָס איז "צו פאַרשפּרייטען די ליכט פון קדושה צווישען אַלע פעלקער". אַזוי גיך ווי דאָס ווערט ערדייכט, איז שוין די מיסיע געענדיגט, און ס'איז ניט מעהר נויטיג צו בילדען אַ באַזונדער נאַציאָנאַלע איינהייט מיט ספּעציעל אידישעס. דעמאָלט, ווען עס איז "כל העדה כולם קדושים", מ'האָט שוין מתקן געווען די וועלט מיט ציוויליזאַציע און איהר באַדייטענד קולטוו-

שכולה תכלת", איז, "מדוע תתנשאו" , צו וואס א באזונדער ארגאניזאציע מיט באזונדערע "נשיאות" ? וועלט "שמשים" דארפען ניט ווערען קיין וועלט "גבאים"...

נאטירליך, פיהרט די דאזיגע שיטה צו פולשטענדיגער אסימילאציע, פאר וועמענס אנהענגער עס איז באשטימט שטראף נומר איינס פון "נפתחו לארץ הרבה פיות". יעדער אסימילאטאר ווערט אסימילירט און פארשלונגען צווישען די גוים פון זיין לאנד. האבען מיר דאך דייטשישע, רוסישע, ענגלישע, פראנצויזישע און פיעל אנדערע אסימילאטארן — פיות הרבה...

זיינען אבער אויך פאראן, זאל אונז צו קיין גנאי ניט זיין — נאציאנאליסטישע קרח'ן — זיי, ווילען שוין דוקא יא ארץ ישראל, אבער די "ציצית" מיט די "מזוזה" אלס רעליגעזע סימבאלען זיינען זיי אויך ניט גורם. מיט נאציאנאליזם אליין קען מען שוין אויך יוצא זיין אידישקייט. ניט בלויז מיט גלייכגילטיגקייט, זאנדערן אויך מיט שפאט און פאראכטונג באציהט מען זיך אין געוויסע ראדיקאלע קרייזען פון אונזער נאציאנאלען לאגער צו דער אידישער רעליגיע און טראדיציע. ווי יענע קרח'ן אמאהל שרייען זיי אוים: "קלאריקאלען עליך ישראל !" מען וויל "פארשווארצען" דעם אידישען לעבען מיט "רעאקציאנערער פינסטערקייט" פון דעם "אבגעלעבטען" רעליגעזען אידענטום. און דערביי "באווייזען" זיי, ווי שווער די אידישע רעליגיע דריקט זיך אפ אויף דעם מאדערנעם לעבען (דער באקאנטער קרח משל פון דער אלמנה מיט דער שעפס, וועמען די "קאפיטאליסטישע" כהנים עקספלאאטירען, און שינדען אפ די הויט דורך דעם שעפסענעם "בכור", דעם "ראשית הגז", "חזה ושוק" א. ד. ג., און אלץ אויף'ן חשבון פון דער אידישער תורה... זעה מדרש פרשת קרח).

פאַר דעם דאָזיגען מין קרח, איז באַשטימט שטראָף נומער צוויי. די דאָזיגע קאָנען שוין ניט, ווי די ערשטע, פאַר־שלונגען ווערען אין די פאַרשידענע גלות לענדער, וואו זיי געפינען זיך, ווייל זיי זיינען דאָך נאַציאָנאַליסטען, און קייק־לען זיך דאָך, צוזאַמען מיט זייער געלט, צו אַ געוויסען צענט־ראַלען פונקט — צו ארץ ישראל. איז טאַקע ביי זיי ניט קיין „פיות הרבה". אָבער אויב ארץ ישראל, האָט נאָר אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע באַדייטונג, און דריקט זיך נאָר אויס אין אַן עקאָ־נאָמישער און קאָלאָניזאַטארישער אויפפאַסונג, איז עס דאָך דאָן אויך ניט מעהר ווי אַן ע ר ד י ש ע ר שלונג־אָרט — מען ווערט פאַרשלונגען אין אַן ע ר ד י ש ע ר ארץ־ישראל...

קומט ווידער אַ געוויסער סאָרט טראַדיציאָנעלער איד, אַ נאָהנטער קרוב צו קרח'ס „מאתים וחמשים ראשי סנהדראות", און זעהט, אַז אין דעם נייעם מענשען־מאַטער־יאַל פון דעם דור התחיה אין ארץ ישראל, מישט זיך אויך אריין „חלבנה", אַביסעל צולאָזענע קינדער אין געשטאַלט פון ניט פרומע „חלוצים", און זעהט אויך, אַז ביים רודער פון דער באַוועגונג שטעהען אַזעלכע, וואָס זיינען חשוד אויף חלול התורה והמצות, ברוגז'ט ער זיך אָן און בלייבט שטעהן מחוץ למחנה, און וויעדער מיט דער טענה פון ציצית און מזוזה, נאָר אין אַן אַנדער פאָרם.

דער ציוניזם — טענה'ן זיי — מוז זיין אַ „טלית שכולה תכלת", אַ „בית שכולו ספרים". איין „פתיל־תכלת" און איין „מזוזה" אין געשטאַלט פון, למשל, אַ מזרחי'שען ציוניסט, קען ניט כשר'ן די גאַנצע באַוועגונג, און דערפאַר — באַהויפטען זיי — טאָר מען ניט צו שטעהן צום ציוניזם, נאָר מען דאַרף און מען מוז זיך „מאַכען שבת פאַר זיך"...

נו, געווים, דיעזע לייטע ווילען שוין ביידע זאַכען, אי ארץ ישראל און אי תורת ישראל, און קאָנען שוין פאָלג־

ליך ניט פארשלונגען ווערען אין דער ע ר ד י ש ק י י ט, ניט אין גלות און ניט אין ארץ ישראל. זיי בלייבען לעבען. קוים אבער קימערט זיי ניט דער גאנצער כלל ישראל, בלייבען זיי דאך, נאך זייער אויפפאסונג, ניט מעהר ווי אויף א שווימע־דיגען אינזעל, וואס איז ארומגערינגעלט מיט א "זינדיגען גיהנום", און אונטער אזעלכע אומשטענדען, איז דאך אפילו ווען עס איז "לא מתו", ניט געשטארבען, אבער "געלעבט" הייסט עס דאך אויך ניט. ס'פעהלט דאך ארום זיך די גן־עדן אט־מאספערע, און אליין געפינט מען זיך שטענדיג אויף א שא־קעלדיגע שווים־ברעט, וואס יעדער מינדעסטער שטורעם פון די ארומיגע גיהנם־כוואליעס קען איהר צעהן מאהל איבער־קערען און שטעלען איהר "מאנשאפט" אין סכנה... און ווען אפילו פאר זיך אליין זאל מען שוין ווי עס איז זיין געזי־כערט, כאטש ס'איז א זאך פון זעהר ווייטלויפיגער מעגליכ־קייט, איז עס דאך אבער ניט אידיש צו זיין פון די וועלכע קומען אפ זייער חוב מיט דעם "שלום עלי נפשי", און איבער צו לאזען די גאנצע שטוב פריהרען בלויז דערפאר, ווייל מ י ר איז ניט קאלט, איך געה אנגעטהאן אין פעלץ, איז דאך פיעל בעסער איינהייצען דעם אויווען און דאדורך פארטרייבען די קעלט פון גאנצען הויז. דאס איז דאך א פיעל גרעסערע "צדקות" ווי אין ערשטען פאל, ווען מען בלייבט "א צדיק אין פעלץ"...

ווייל דארט, וואו מען האט נאר אין זינען איין צד, זיך מיט'ן "עדתו", קען עס שוין ניט הייסען קיין "מחלוקת לשם שמים"...

עגאאיזם דריקט זיך ניט אוים בלויז אויף די וואַ־כעדיגע געביטען פון מאטעריאליזם אדער כבוד, עס איז אויך פאראן א ג י י ס ט י ג ע ר עגאאיזם, און יעדער "לשם יחוד", וואס מען איז איהם "מיחד" נאר פאר זיך אליין, און מען פאר־געסט דערביי דעם "ביחודא שלים בשם כ ל י ש ר א ל",

קען ניט קאָמפּלימענטירט ווערען, אפילו ווען עס באַציהט זיך צו געטליכקייט, ווי עס איז געוועהנליך דער פאַל מיט די מעהרסטע לשם יחוד'ס...

ווי געזאָגט, איז די קרח פרשה, א פּרשת החיים, אין וועלכע עס שפּיגעלט זיך אָפּ דער לעבען מיט זיינע אַלע פיעל פאַרביגע קאָלירען. און וואָלט מען געלערנט די דאָזיגע פרשה מיט פולער ערנסט און אויפריכטיגקייט, וואָלטען דאַן א סך איבלען פון לעבען באַזייטיגט געוואָרען. מען וואָלט זיך באַמיהט אויסוואָרצלען דעם קרח'יזם אין זיינע פאַרשידענע פאָרמען. יעדערער וואָלט צוגעטראָגען זיין חלק צו דעם "הבדלו", און מען וואָלט זיך אַלע גרופּירט אַרום דער משה גרופּע, וואו דער שקר האָט קיין פלאַץ ניט, ווייל, וואו עס געפינט זיך א משה, דאָרט איז:

"משה אמת ותורתו אמת"!...

קרח

עדת משה ועדת קרח

צו דער לאגע פון אמעריקאנער שוהל־רבנים.

דער מדרש אויף ויקח קרח זאגט: "לקח את טליתו והלך לטול עצה מאשתו", ער האט גענומען זיין טלית און געגאנגען זיך באראטען מיט זיין פרוי.

און עס ווילט זיך פרעגען: וואס פאר א מחותן איז דער טלית דערצו? משמעות, אז דער טלית און די עצה האבען עפעס א פארוואנדשאפט צווישען זיך, טא וואס איז עס די דאזיגע קרובה׳שאפט?

ווילט זיך מיר בויען די דאזיגע אבהאנדלונג אויף אן השערה פון א חשוב׳ען מחבר (מנחת משה), מיט מיינע אייגענע ציגעל און צעמענט.

אויבענאויף זעהט עס אויס, אז ער, קרח, איז עס געווען דער הויפט העלד אין דעם דאזיגען אויפשטאנד געגען משה מיט אהרנ׳ען, און אז דתן ואבירם זיינען נאר געווען די אזוי גערופענע נאכשלעפערס, די טענצערס ארום דעם קרח געזינדעל. אין אמת׳ן איז אבער ניט אזוי. דתן ואבירם האבען נאך אויפגעשטעלט זייער אפאזיציע א סך פריהער פון קרח׳ן.

זיינען דאך עס געווען דתן ואבירם, וועלכע האבען רעוואלטירט געגען משה׳ן נאך פון דער ערשטער מינוט ווען משה האט ערשיינט אויף דער היסטארישער בימה. זיי זיינען

דאַך נאָך אין מצרים אַרויס מיט דער רעוואָלוציאָנירעשער אַטאַקע פון "מי שמך לאיש שר ושופט עלינו", און צוליעב זיי און זייערע אונטערגעטראָגענע מסירה׳לאַך, האָט דאָך משה געמוזט אַנטלויפען פון מצרים, פון פרעה׳ס שווערד.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען, קען מען זיך שוין פאָרשטעלען, אַז די דאָזיגע דתן ואבירם׳ס מיט זייער חבריא זיינען די גאַנצע צייט געווען אָבגעטהיילט פון משה׳ן, און האָבען זיך געמאַכט "שבת פאַר זיך", אַ באַזונדער קהלה מיט אַ באַזונדער קלייזעל, ווי עס איז געוועהנליך דער שטייגער פון אַלע בעלי מחלוקת און אינטריגאַנטען. שטעלט זיך אַרויס אַזאַ מין בילד, אַז אין מדבר זיינען שוין געווען צוויי קהלות, די אמת׳ע, די ריכטיגע, הייליגע קהלה פון משה רבינו און די פאַלשע, די ניט הייליגע פון די אָפּאָזיציאָנעלע דתן ואבירם׳ס; די ערשטע, אַ קהלה כדת וכהלכה אונטער דער אויפזיכט פון אַ רב, אַ מנהיג, און די צווייטע, אַ קהלה שלא כדת ושלא כהלכה, אָהן אַ רב און אָהן אַ מנהיג, אַ פשוט׳ע אַנאַרכיע אין קליינעם פאָרמאַט.

קרח, וועלכער איז געווען "מטועני הארון" און פון משה׳ס משפחה, איז קיין ספק ניט, אַז ער האָט באַלאַנגט צו משה׳ס קהלה, און איז געווים געווען פון די "נכבדים" אין דער דאָזיגער קהלה.

ווען מיט אַמאָהל, פון דער העלער הויט, האָט קרח באַשלאָסען צו רעוואָלטירען, איז דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געטהאָן, "גענומען דעם טלית" (דער טלית איז וואהר־שיינליך געלעגען אין משה׳ס שוהל), אַוועק צו דער ווייב זיך באַראַטען וועגען דעם דאָזיגען טלית צו איהם איבערטראָגען פון משה׳ס שוהל אין די דתן ואבירם׳דיגע.

זי, די "מיסעס קרח", האָט נאָך צוגעגאָסען אויל אויפ׳ן פייער, און האָט איהם שטאַרק צוגערעדט אַזוי צו

טהאָן, טענה'נדיג (לויט דעם מדרש אויף דער פרשה), אַז משה מיט אהרנ'ס הערשאַפט, פאַראַרעמט דער קהלה, די דאָזיגע "רבנים" ליגען ווי אַ משא אויף'ן קאַרק פון קהל, טהוען אַליין גאָר ניט אויסער, וואָס זיי "קאָלעקטען" זייערע "וויידזשעס" און "הכנסה" פון די תרומות ומעשרות און מתנות כהונה, און עקספּלאָאַטירען אַזוי אָרום די אָרעמע באַפעלקערונג, די אלמנות מיט די יתומים, (זעה דעם מדרש מיט די מעשה פון די אלמנה מיט די צוויי שעפּסען).

קרח ווערט איבערגערעדט פון זיין ווייב, און איהר עכּא קלינגט אָפּ אין קרח'ס אַטאַקע, ווען ער שרייט אויס:

ר ב — ל כ ם... איהר אנשי משה, האַלט אייך אַ "רב" אין אייער קהלה, מיר נויטיגען זיך ניט דערין. פאַר אונז איז "כל העדה כולם קדושים", מיר זיינען אַלע רבנים... ממש די זעלבע טענות, וואָס מיר הערען היינט פון די "בני קרח" אויף וועלכע דער פסוק זאָגט עדות, אַז זיי זיינען נאָך ניט געשטאָרבען (ובני קרח לא מתו), זיי לעבען נאָך, און שרייען נאָכנאַנד, אַז דער רב איז אַן איבעריגע זאַך, אַן אַנשיקעניש אויף דעם שוהל בודזשעט, און מ'קען זיך באַגעהן אָהן איהם, בפרט אין אַ קריזיס צייט, אין צייט פון "דעפּרעסיע", ווייל וואָס האָבען מיר פון איהם, מה יתן לנו ומה יוסיף לנו.

ווער איהר אפשר מיינען, אַז די דאָזיגע בני קרח, וועלכע זאָרגען אַזוי שטאַרק פאַר עקאָנאָמיע און קמוצים, הערט מען פון זיי געוויס די זעלבע טענות אויך אין באַצוג צו "חזנים", און אויך אויף דעם געביט פון שירה און זמרה טענה'ן זיי, אַז מ'קען זיך דערין באַגעהן, האָט איהר אַ טעות, ווייל וואָס אַנבאַלאַנגט שירה וזמרה איז גראַדע: "לבני קרח מזמור שיר"... חזנות איז אפילו פון דעם שטאַנדפּונקט פון די קרח עקאָנאָמיסטען אויך אַן אומבאַדינגטע נויטיגקייט אפילו אין אַ צייט פון דעפּרעסיע, דער גאַנצער צאָרן איז גאָר אויסגעגאָסען אויף די אָרעמע רבנות.

אלזא, צוריק צו קרח׳ן. ער נעהמט דעם טלית און געהט אוועק אין די דתן ואבירם קאנגרעגיישאן, דארט, וואו ס׳איז קיין רב ניטא, דארט באפעסטיגט ער זיין פאזיציע און פארשטארקט די אפאזיציע מיט די הילף פון די אלטע שונאים משה׳ס.

דתן ואבירם פון זייער זייט ווידער, זיינען שטארק צופרידען מיט דער נייער ״קראפט״, וואס ס׳איז זיי צוגעקומען כמעט בהיסח הדעת. אהן קרח׳ן וואלטען זיי געווען מאכט־לאז, ווייל פון זינט זיי זיינען ארעם געווארען (כי מתו כל האנשים — שירדו מנכסיהם), האבען זיי פארלארען די גאנצע השפעה אין געזעלשאפטליכען לעבען. איצט אבער מיט אזא צוגעקומענע קראפט ווי קרח דער ״אלרייטניק״, דער עושר, וועט מען שוין ווידער קענען דייסטעווען און באנייען די מלחמה. פאר א גביר האט מען דאך דרך ארץ, ווייל ״ווער עס האט די מטבע, דער האט דאך די דעה״...

כאטש דער דאזיגער בעל מטבע איז גאר אין אמת׳ן א גרויסער קמצן, א קארגער חברה־מאן, און לאזט זיך גאר ניט דערקענען מיט זיין געלט אין קהל׳שע אנגעלעגענהייטען.

ווי טייטשט דארטען הרב סילווערסטאן פון וואשינגטאן, דעם מאמר הגמרא, אז ״שלש מאות פרידות טעונות מפתחות בית גנזיו של קרח״, וואס אין אמת׳ן איז גאר ניט נויטיג אזוי פיעל טויזענטער שליסלען צו א ״סייף״, היינטיגע צייטען באגעהט מען זיך גאר אהן שליסלען, גענוג דער ״קאמבינייישאן״ פון סייף, און די געלט איז געזיכערט ?

אבער — זאגט דער דערמאנטער רב — דא איז א כאראקטער שטריך אין באצוג צו קרח׳ס קארגשאפט, זיין קאסע, אדער סייף איז סגור ומסוגר מיט צעהנדליגע טויזענט שליסלען, מען זאל זיך ניט קענען צו ריהרען צו איהר... מיר

גלוסט זיך נאך מוסיף זיין, אז די דאזיגע שליסלען זיינען אי־בערגעגעבען אין די הענט פון "פרידות", באשעפענישען, וועלכע זיינען באטיטעלט אין דער גמרא אלם מלאכי מות, און דארט, וואו דער מלאך המות איז דער שומר, ווייכט מען שוין, מ'האט שוין מורא אין זיינע ד' אמות צו שטעהן, און בינו לבינו איז שוין די קאסע זיכער...

איז באטש, ווי געזאגט, איז דאך גאר דער בעל־מטבע ניט קיין געבער, אבער די "דעה" האט ער אלץ. זאגט זיך דאך ניט, אז דער וואס גיט די מטבע האט די דעה, ס'זאגט זיך דאך נאר, אז דער וואס האט די מטבע — כאטש ער האלט איהר ביי זיך — האט די דעה...

ובכן, איז שוין הכל שריר, בריר וקים, דער אויפ־שטאנד איז שוין אין פולער קראפט דורך קרח, דתן ואבירם און קאמפאני ..

משה, הערענדיג די טענות פון די קרח גרופע, אז דער רב איז א פאראזיט, וועלכער ווערט "רייך" אויפ'ן חשבון פון צבור. און דער צבור האט פון איהם גאר ניט, ענטפערט אפ על ראשון ועל אחרון:

לא חמור אחד מהם נשאתי, ולא הרעותי את אחד מהם!

מיר ווייסען דאך, אז אמאהל פלעגט דער עזעל פאר־נעהמען דעם פלאץ פונ'ם אטאמאביל, און גרויסע לייט, שררות, פלעגען זיך דאמיט באנוצען ווי היינט מיט די אטא־מאבילען. אבער — טענה'ט משה — דער ארטאדאקסישער רב האט זיך דאך נאך ניט "ארויפגעארבייט" צו קיין עזלען מיט אטאמאבילען, ווי א שטייגער די "קאנסערוואטיווע" און רעפארם ראביים, און איז נאך ווייט פון עשירות...:

און — "ולא הרעותי את אחד מהם". איהר טענה'ט, אז דער רב פארארעמט די קהלה, אדרבה, זאל אונז ווער

ווייזען, אויב ער איז שוין פאַראַרעמט געוואָרען אויפ'ן חשבון פון רב, און אויב אַ "מעמבער" געפינט אוים ביי זיך אַ דעפעציט, איז עס דאָך אויפ'ן חשבון פון די ספעקולאַציעס אָדער די קאָרטען, אָבער בשום אופן ניט אויפ'ן חשבון פון דעם "בעבור שנדר בעד הרב"... דער סך הכל איז, אַז ביידע זאַכען זיינען ניט אמת, ניט דער רב איז פון אייך רייך געוואָרען און ניט איהר זיינט פון איהם אָרעם געוואָרען.

און וואָס אַנבאַלאַנגט די טענה: "וואָס גיט אונז דער רב?" דאָס וועט איהר זיך איבערציייגען נאָכדעם, ווי איהר וועט פון איהם "פטור" ווערען. אין דער צייט ווען דער רב איז דאָ, שטעהט אויף זיין בימה און מיט זיין מויל ערציהט ער די מאַסען אַנווייזענדיג דעם וועג פון גאָט, דאַן פיהלט זיך אַ גייסטיגע דערהויבונג; ווען אָבער איהר וועט דעם רב'ס מויל צומאַכען, וועט זיך דאַן עפענען אַנאַנדער מויל... ס'וועט זיין —

"ותפתח הארץ את פיה"!

די "ארציות", די ערדישקייט. וועט דאַן עפענען איהר מויל, און דער פאָלק וועט איינזינקען אין תהום פון עם הארצות, דער "עם הספר" וועט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַן "עם הארץ"... און די שוהל וועט דאַן זיין אַ פוסטע ראָם אָהן אַן אינהאַלט.

אָט דאָס, רבותי, איז דער אונטערשיעד צווישען די ביידע שוהלען: די אין וועמעס שפיצע שטעהט אַ רב, אַ גייסטיגער פיהרער, די איז משה'ס שוהל, און די, וועלכע האָט ניט קיין רב און מנהיג, די איז די שוהל פון די קרח'ס מיט די דתן ואבירם'ס...

אַ שעהנע לעקציע גיט אונז היינטיגע פרשה!

חקת

פרה אדומה תשובת המשקל לחטא העגל

דריי שותפים אפערירען אין דעם אידישען ערציהונגס אנשטאלט: 1) די פיהרערשאפט, 2) די תלמידים און 3) די לעהרער. יעדערער פון די דריי טראגט צו זיין חלק צו דעם ערציהונגס וועזען, און אויף יעדער איינעם'ס חשבון דארף צוגעשטעלט ווערען א געוויסער טהייל פון דעם פארדינטען קרעדיט: עס משל'ט זיך מיט א פרוכט-גארטען, וואו אויך דריי עלעמענטען אפערירען: דער באדען, די זוימען און דער גערטנער: די פיהרערשאפט פון אן ערציהונגס אנשטאלט שאפט צום אלעם ערשטען דעם נויטיגען באדען, דעם אנשטאלט גופא, דאן קומען די קינדער און ליפערען די קערנער, עס הייסט זיך אליין, און ווען די צוויי עלעמענטען זיינען שוין דא, קומען דאן די לעהרער אלס די גערטנער, אין וועמעס הענט דער באדען מיט די קערנער ווערען איבערגעגעבען און זיי קולטעווירען דעם באדען, אקערען איהם אויס, פארזייהען די קערנער, און מיט א וואכזאמער אויג און געניטער פעהיגקייט, זיינען זיי זיך מטפל מיט דעם אלעמען ביז עס וואקסען אויס די פרוכטבארע פירות, די "זרע ברך ה'", די "שתילים בחצרות אלקינו".

דאס איז דער פאל אין אירגענד וועלכען ערציהונגס אנשטאלט, צו וועלכע ערציהונגס סיסטעם ער זאל ניט געהרן: די קאאפעראציע פון אלע דריי, איז אין יעדען פון זיי אן אונבאדינגטע נויטינקייט, און דערפאר פארדינט זיך, ווי געזאגט, יעדערער זיין חלק קרעדיט.

אין פאל אבער פון דער אמעריקאנער "ישיבה קטנה" אדער "פאראקיאל סקול", דאס איז, דער ערציהונגס סיסטעם, וואו "חול וקודש משמשים בערבוביה", וואו דער אידישער קינד קריגט זיין גאנצע ערציהונג, די אלגעמיינע אזוי גוט ווי די ספעציפיש אידישע — אין דעם פאל, איז דער קרעדיט, וואס פאלט אוים אויף יעדען איינעמס חלק פון די דריי שותפים, פראפארציאנעל א פיעל גרעסערער און א בעסער פארדינטער. דאס איז דערפאר, וואס דא נויטיגט זיך א גרעסערע מאס אידעאליזם און כמעט א פיאנערישע אפפערוויליגקייט מצד יעדער איינעם פון די באטרעפענדע שותפים.

עס איז שטענדיג פיעל גרינגער אנצופיהרען מיט אן אידעאליסטישע אונטערנעהמונג, דעמאלט ווען די דאזיגע אונטערנעהמונג געפינט אנהענגער און סימפאטייזער; דאס גיט די טהוער מוט און קוראזש, ווייל זיי וויסען, אז דארט, וואו עס איז דא סימפאטיע און מאראלישע שטיצע, דארט וועט אויך זיין גרינגער צו קריגען די מאטעריעלע שטיצע צו קענען פינאנסירען די אונטערנעהמונג; דארט, וואו עס פעהלט אבער די מאראלישע שטיצע און די סימפאטיע, דארט, וואו די ארומיגע באציהען זיך סקעפטיש צו דער גאנצער זאך, און דער גאנצער חלק אידעאל פון דער זאך איז נאך ביי זיי א "דבר המוטל בספק" — אין אזעלכע פעלע ווערען די פאראינטערעסירטע גופא אויך בארויבט פון זייער מוט, און עס פאדערט זיך א באזונדער אנשטרענגונג און א פעסטע אמונה אין דער דורכפיהרבארקייט פון דער אונטערנעהמונג, טראץ די קליינע מאס סימפאטיע און די גרויסע מאס מכשולים, וואס די עסקנים טרפען אן אויף זייער וועג.

אין אזא לאגע געפינט זיך די אמעריקאנער ישיבה קטנה. זעהר ווענ׳ג זיינען פאראן, וואס זיי פארשטעהן איהר. ביים גרעסטען טהייל איז דער טיפ ערציהונגס אנשטאלט, א פרשה סתומה, א מין "פרה אדומה"... עס האט ביי זיי

ניט קיין טעם. זיי פארשטעהען ניט די נויטיגקייט פון אזא פארט סקול. געווים — זאגען זיי — דארף מען האבען א אידישע סקול פאר למודי קודש, כדי אונזערע קינדער זא־לען ניט בלייבען קיין עמי הארצים, און זאלען וויסען, וואס אידישקייט איז, אזא מין סקול אבער, וואו דאס קינד זאל אויסער די אידישע למודים אויך לערנען די אלגעמיינע, די למודי חול, דאס קומט ביי זיי אוים אן אבסאלוטע איבעריגע זאך. פאר אלגעמיינע למודים—ארגומענטירען זיי—האבען מיר דאך די אלגעמיינע רעגירונג׳ס שוהלען, וועמעס בודזשעט עס ווערט געדעקט פון דער שטאדטישער קאסע, און וואצו זיך נעהמען בידים אריינווארפען אין א ים פון חובות און דע־פיציטען אומזיסט און אומגישט, אין צייט ווען מען קען זיך גאנץ גוט באגעהן אהן דעם, און זי פעלט אונז כלל ניט אוים ?

איז עס לכאורה א גאנץ הארבע קשיא, און עס שלאגט, ווי געזאגט, אן א פרה אדומה טאן מיט דעם בעקאנ־טען נוסח פון: ״מה טעם יש בחוקה זו״ ? און גענוג איז שוין די קשיא אליין, אן און פאר זיך, צו לייגען שטיינער אויף׳ן וועג פון די פיהרערשאפט פון אזא אנשטאלט מיט זיינע עסקנים.

דארפען מיר טאקע דעם תירוץ אויך זוכען און גע־פינען מיניה וביה, עס הייסט, אויב מיר געפינען די קשיא אין פרה אדומה, דארפען מיר פרובירען דעם תירוץ אויך דארט געפינען:

און — יגעת מצאת.

די תורה אליין רופט טאקע די פרה אדומה אן חוקה, פון דעסטוועגען ערלויבט זיך רבי משה הדרשן, און ווארפט א שטיקעל ליכט אויף דעם דאזיגען מיסטעריעזען געזעץ, פאסט צו דערצו א משל, און קומט צו נמשל, אז ״כך תבא פרה ותכפר על העגל״ ; עס הייסט, אז ווייל אידען האבען גע־

זינדיגט מיט'ן "עגל", דאַרף קומען די "פּרה", די מאַמע פון "עגל" און אָבווישען די שמוץ פון קינד.

איז אָבער ביי מיר קיין ספק ניט, אַז איצט אפילו, נאָך דעם "הסבר" פון ר' משה הדרשן, וועלען זיך נאָך געפינען אַזעלכע, וואָס וועלען זאָגען "ערביך ערבא צריך", דער הסבר גופא נויטיגט זיך נאָך אין אַ הסבר.

צו אונז אָבער, איז ר' משה הדרשן'ס ערקלעהרונג פון אַ סימבאָלישער זייט זעהר פּאַרטרעפליך און געלונגען:

ווייסען מיר דאָך, אַז די גאַנצע עגל-עפּידעמיע, לויט די חז"ל, איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם "ערב רב", דער פרעמדער, ניט אידישער עלעמענט, וואָס האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם אידישען לאַגער. רש"י באַטאָנט עס שטאַרק אויף'ן פּסוק: "לך רד כי שחת עמך" — שחת העם לא נאמר אלא עמך, ערב רב שקבלת מעצמך — — — " עס הייסט, אַז גאָט האָט געמאַכט פאַרוואורף משה'ן דערפאַר, וואָס ער האָט געלאָזט אריין אָט דעם ניט אידישען עלעמענט אין דער מחנה ישראל, ניט אויסרעכענענדיג אין פאַראויס, אַז אָט די געמישאַכץ פון אידען מיט ניט-אידען קען פאַרשאַפען היבשע צרות אין אידישען לאַגער, ווייל גיכער ווי מ'קען ערוואַרטען, אַז דער ניט-אידישער עלעמענט זאָל פאַר'אידישט ווערען, קען מען ערוואַרטען פאַרקעהרט, אַז די אידען זאָלען פאַר'גוי'אישט ווערען...

און דערפאַר, האָט גאָט געהייסען ברענגען די פּרה אדומה, וועלכע איז דער סימבאָלישער "תשובת המשקל" אין פאַראַלעל צום עגל. די פּרה-אדומה, וועלכע האָט געמוזט זיין "תמימה" אין גאַנצען רויט, אין גאַנצען פון איין קאָליר, אָהן אַ שום געמישאַכץ פון פרעמדע קאָלירען, און אפילו בלויז "שתי שערות שחורות פוסלות"... איז דער בעסטער ענטפער צום זינד פון עגל. עס טאָהר ניט זיין קיין

"ערב רב", קיין געמישאכץ פון פרעמדע עלעמענטען: אין דעם ליגט דער סוד פון "טהרה": "זאל קומען די פרה, וואס דריקט אויס מיט איהר "תמימות", די איינהייטליכקייט פון קאליר, און אבווישען די טומאה פון עגל, וואס איז פעראור־זאכט געווארען פון דעם מיש־מאש פון פרעמדע עלעמענטען".

און אויב די קשיא אין באצוג צו די פאראקיאל סקולס איז פארמולירט געווארען אין דעם זעלבען נוסח ווי די קשיא פון פרה אדומה, האבען מיר דערצו אויך דעם זעלבען תירוץ. די פאראקיאל סקול איז אן ענטפער צו דעם געמיש־טען חנוך פון דער ניט־אידישער פאבליק־סקול, דארט, וואו עס איז פאראן דער ערב־רב, וואו דער אידישער קינד איז אויסגעמישט מיט דעם ניט אידישען און געפינט זיך אין דער פרעמדער סביבה, דארט קומט ארויס אן — עגל... וואו עס איז אן ערב־רב, דארט ווערט אויך א "כי שחת עמך"... די פאראקיאל סקול אבער, איז די בחינה פון דער פרה אדומה, און איהר "טרייד מארק" איז — "תמימה", אין גאנצען אידיש, אהן א תערובת פון פרעמדע עלעמענטען.

און ביי די פרשה פון פרה אדומה שטעהט ניט "זאת חקת הפרה", נאר "זאת חקת התורה", ווייל די זעלבע דערמאהנטע לעהרע פון "תערובת", איז ניט בלויז ביי די איינצעלנע מצוה פון די פרה, נאר ביי דער גאנצער תורה...

זעהר סימבאליש איז אויך די צווייטע פרשה אין דער זעלבער סדרה, וואו עס האנדעלט זיך וועגען די טומאה פון א מת, און עס ווערט געזאגט: "זאת התורה אדם כי ימות באהל", אז א מת ליגט אין געצעלט אדער אין הויז, איז אלעס וואס געפינט זיך דארט ווערט טמא. מען זעהט דער־פון, אלזא, אז בלויז דער "אהל" אליין קען אויך טמא מאכען; און דא איז דער סימבאלישער ענטפער צו די קריטיקער, וואס פרעגען: וואס קען די גוי'אישע סקול שאדען די אידישע קינ־

דער ? מען לערנט דאך דארטען די זעלבע אלגעמיינע למודים ווי אין די פאראקיאל סקולס, איז דאך נאר א פראגע פון דעם פלאץ, פון די ניט אידישע קלאס צימערען, און וואס קען דער קלאס-צימער קאליע מאכען ?

איז דער ענטפער: יא, דער קלאס צימער, דער אוהל אליין קען א סך שעדיגען, און ניט נאר שעדיגען, ער קען זאגאר טויטען... ווייל:

"זאת התורה אדם כי ימות באהל"! ביי די תורה קען אמאהל דער אהל אליין אויך טויטען...

אמת, פון דעם פסוק אליין לערנען גראדע די חכמים אפ, אז "קברי עכו"ם אינם מטמאים" (גוי'אישע קברים קענען ניט טמא מאכען), ווייל: "אתם קרוים אדם ולא אומות העולם קרוים אדם", אבער דאס איז בלויז געזאגט געווארען אויף גוי'אישע קברים... טויטע גוים קענען ניט טמא מאכען באהל, אבער לעבעדיגע גוים — גע-ווים און געווים...

אדם כי ימות באהל!

און לאמיר ניט פארגעסען, אז אט דער "אדם" אויף וועמען עס איז געזאגט געווארען: "אדם יסודו מעפר", משל כחרס הנשבר" פארגלייכענדיג איהם צו א "חרס", און ביי א "כלי חרס" איז דא א ספעציעלער דין, און טאקע אויך אין דער היינטיגער פרשה, אז "כלי חרס מטמא מאוירו", א כלי חרס ווערט טמא בלויז פון אויר, און דער "אדם", וואס איז גע'משל'ט צו חרס ווערט דעריבער אויך טמא אפילו בלויז דורך דעם אויר, דורכ'ן אהל, דורך די אטמאספערע...

מעג מען זיך טאקע לערנען די גוי'אישע תורה יא אבער אין דעם גוי'אישען אהל, ניט... די פרה אדומה אליין איז אויך ניט געווען "כולה טהור", דער

באוויז איז דאָך דערפון, וואָס זי איז דאָך געווען "מטמא טהורים", איז זי דאָך פאַלגליך געווען פארטראַטען אויך פון דעם טומאה עלעמענט, ווייל אָבער, זי איז געווען פון איין קאַליר, אָהן תערובת, האָט דער חלק טומאה ניט געקענט שטערען דעם חלק טהרה...

יאָ, די גוי'אישע תורה, ווען עס זאָל אפילו באַצייכענט ווערען אַלס חלק טומאה, קען עס דאָך ניט אויסאיבען קיין איינפלוס אויף די אידישע למודים, אַזוי לאַנג ווי דער אהל, די סקול, איז פון איין קאַליר... און דערויף איז דאָך שוין דאָ אַ בפירוש'ער פסוק: "יפת אלקים ליפת וישכון באהלי שם", וואָס אויף דעם זאָגען די חכמים: "להכנים יפיפיתו של יפת באהלי שם", עס הייסט: יפת'עס שעהנקייט, זיין תורה, זיין חכמה, מעגסטו אויך זיך ערוווערבען, אָבער מיט דעם באַדינג, דו זאָלסט עס אריין ברייננען אין דעם אהל פון שם. דער אהל מוז זיין שם'ס און ניט יפת'עס...

מיר האָבען אין פארבינדונג מיט דער פּאַראָקיאַלסקול אויך דערמאָהנט די קינדער מיט זייערע עלטערען: אויך זיי, די עלטערען, ערשיינען דאָ אַלס פּיאָנערען: ס'איז ניט אַזוי לייכט פאַר טאַטע-מאַמע זיך ענטשליסען דעם קינד ניט צו שיקען אין דער גוי'אישער פּאַבליק סקול, נאָר אין דער אידישער ישיבה קטנה. זיי ווערען דערביי ענטמוטיגט דורך זייערע קרובים און פריינד און אפילו דורך זייערע שכנים, די "נעקסט-דאָריגע", וועלכע ווילען זיי איינרעדען, אַז אין די אידישע סקול וועט די אַלגעמיינע בילדונג ניט ערדייכט ווערען אין אַזאַ מאָס ווי אין דער ניט-אידישע, אָדער דער "טהיאייטש" וועט ניט "פּראָנאַנסט" ווערען מיט דעם עכט יענקישען אַקצענט... כאָטש אין גרונט גענומען, איז עס דורכאויס פאַלש. דער רעקאָרד פון דעם איבער אַ צעהנדליג יאָהר עקזיסטענץ פון די ישובות קטנות אין ניו יארק, האָט באַווי-

זען, אַז זייערע תלמידים געווינען פּראָפעסיאָנעל פּרייזען און אויסצייכענונגען פאַר די ענגלישע למודים ניט ווייניגער ווי די תלמידים פון די שטאַדטישע סקולס.

יעדענפאַלס אָבער, איז עס ביי די עלטערן אויך פאַר־בונדען מיט אַ געוויסע מאָס אַפּערוויליגקייט.

און די ווייניגע באַוואוסטזיניגע פון זיי האָבען קע־נען געלערנט דעם סוד פון די פרה אדומה, אויף וועלכעם דער תלמוד דערצעהלט, אַז "ווען משה רבינו איז אַרויף אויפ'ן הימעל, האָט ער געפונען דעם רבונו של עולם, ווי ער איז זיך עוסק אין די פרשה פון פרה אדומה, און פּסק'נט דעם דין ווי רבי אליעזר, אַז "פרה בת שתים", האָט דאַן משה מתפלל געווען, אַז ר' אליעזר זאָל זיין פון זיינע קינדער". . .

יאָ, אויב עלטערן זיינען מתפלל און שטרעבען, אַז זייערע קינדער זאָלען זיך פּאַסען צו זיין משה רבינו'ס אייניק־לאַך און זאָלען ניט זיין ווייט פון משה'ס תורה, דאַן דאַרפען זיי די דאָזיגע תפלה פאַרבינדען מיט ר' אליעזר'ס הלכה, אַז "פרה בת שתים", ווייל נאָר דאַן קען די פרה זיין אַ פרה "תמימה" "וטהורה", אָהן אַ טומאה פון ערב־רב, אויב איהר תורה פאַנגט זיך אָן נאָך דעמאָלט, ווען דאָס קינד איז גאַנץ יונג, ווען מען ברייננגט איהם אַריין אין שם'ם אוהל נאָך איידער זיין נשמה ווערט פאַרגיפטעט אין דער פרעמדער אַטמאָספערע פון די בני יפת.

און דער דריטער שותף, די לעהרער, זיינען אויך פּיאָנערען. אויך זיי, זיינען אונטערוואַרפען די קריטיק פון די סקעפּטיקער, וועלכע צווייפלען אין דער מעגליכקייט צו קענען אויסלערנען אַן אַמעריקאַנער קינד אַ שקלא וטריא פון אַ סוגיא גמרא מיט תוספות. זייערע פיילען פון קריטיק ווערען אויך פאָרמולירט אין אַ ביבלישען סטיל, און באַנוצען זיך אויך מיט אַ מליצה פון דער היינטיגער סדרה ביי די מעשה פון די "מי

מריבה", ווען זיי ווענדען זיך צו די לעהרער, און זאָגען צו זיי אין אַ סאַרקאַסטישען טאָן:

"שמעו נא המורים! — הערט זיך נאָר איין איהר אידעאַליסטישע לעהרער — "המן הסלע הזה תוציאו מים", — דענקט איהר דען, אַז עס איז פאַראַן אַ מעגליכקייט פון אַמעריקאַנער "שטיינער" (קינדער בלע"ז) ארויסציהען וואסער? (אין "מים" אלא תורה).

און אַנשטאָט צו געבען דעם אידעאַליסטישען לעה־רער קוראַזש און מוט, איז גאָר פאַרקעהרט, מען ענטמוטיגט איהם גאָר, און מען זאָגט איהם, אַז ער "אַקערט אויף האַרטע שטיינער"...

און ער, דער ישיבה לעהרער, פאַרלירט זיך אָבער ניט, און זאָגט: יאָ, דער נס וועט געשעהן, און מיט אונזער "ודברתם אל הסלע" וועט אויך זיין: "ונתן מימיו"..

פאַרדינען טאַקע די דריי שותפים אַ ברכה־משולשת פאַר זייער אידעאַליסטישע מסירות נפש, און וואָלטען אונזערע זאָגענאַנטע סקעפּטיקער געלערנט די פרשה פון פרה אדומה ניט נאָר "כפשטה", נאָר אויך "כמדרשה", און טאַקע מיט רבי משה הדרשן'ס דרשה, וואָלטען זיי דאַן אויך געוואָרען אויס סקעפּטיקער, און די צאָהל פון אונזערע ישיבות קטנות אין אַמעריקאַ וואָלט פיעל פאַך פאַרגרעסערט געוואָרען. אַלע וואָלטען פאַרשטאַנען דעם סוד פון.

"תבוא הפרה ותכפר על העגל"!..

בלק

הבלעמים שלהם והבלעמים שלנו

מה טבו אהליך יעקב משכנותיך
ישראל (כד־ה).

מערקווירדיג: א פאלק, וואס איז אזוי רייך אויף אלע קולטורעלע געביטען, האט זיינע אייגענע חכמים, אייגענע סופרים, אייגענע פיליזאפען, אייגענע קינסטלער און אייגענע משוררים; האט זיי אין אזא באדייטענדע צאהל, אז ניט נאר האט ער זיך ווען עס איז ניט גענויטיגט אין "אויסלייען" וועל־בען עס איז קולטורעלען טאלאנט ביי אנדערע פעלקער, נאר אין געגענטהייל, האט נאך געהאט אן "איבער פראדוקציאן" פון דעם מין אויף צו קענען אויסבארגען אנדערע פעלקער פון זיין קולטורעלע מאנשאפט...

און דאך האבען מיר געפונען פאר נויטיג אוים צו לייהען א פראזע, אמת, א געלונגענע, פון איינעם פון די בא־ריהמטע ביבלישע גוים, און איהר אזוי ווייט "נאציאנאליזי־רען", אזש אויף ניט צו דערקענען איהר אבשטאמונג. מיר האבען זיך אנגעכאפט אין דער דאזיגער פראזע און איהר צו־געטהיילט דעם גרעסטען כבוד, איהר ארויפגעשטעלט אין דער שפיצע פון אונזערע אלטעגליכע תפלות, און איהר אוועקגע־געבען דעם סאמע אויבענאן...

איך מיין דערמיט אונזער טעקסט־פסוק: "מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל", וועלכער איז די פאעטישע יצירה פון בלעם הרשע, דער נביא פון די אומות העולם.

אמת, אין היינטיגע דורות איז עס טאַקע געוואָרען אַזאַ כראָנישע שוואַכקייט, אַרויפצונעהמען דעם גוי אויבען-אָן ביי אַלע אידישע אונטערנעהמונגען. שווער צו זעהן עפּעס אַ חשוב'ע אונטערנעהמונג, וועלכע זאָל ניט זיין פאַרטראַ-טען פון עפּעס אַ גוי'אישען גדול. מיר לאַדען זיי איין צו אונ-זערע שמחות אַזוי גוט ווי צו אונזערע צרות. מיר טרעפען זיי ביי אונזערע מיטינגען, קאָנפערענצען, קאָנווענשאָן און קאָנגרעסען, און מ'טהוט זיך ממש ניט קיין ריהר אָהן אַ פּראָ-מענענטען חשוב'ען גוי. דער גוי איז געוואָרען ביי אונז דער "אטרעקשאָן", די צוציהונגס קראַפט, די סענסאַציע פון אַלע אונזערע געשעהענישען.

דאָס איז אָבער, ווי געזאָגט, אַן "ערפינדונג" פון אונ-זערע היינטיגע דורות. בלעם'ס "מה טובו" אָבער געהער נאָך צו די גאָר אַלטע פאַרצייטיגע דורות, ער איז נאָך "נאַצי-יאָנאַליזירט" געוואָרען אין יענע אוראַלטע צייטען, ווען דער איד האָט זיך נאָך ניט אַזוי שטאַרק גע'יחס'נט מיט'ן גוי. און אויב נאָך אויך דעמאָלט, איז דער "מה טובו" אַזוי פּאָפּולאַזירט געוואָרען און געקראָגען אַזאַ גרויסע "צירקולאַציע", מוז עס נאָר זיין דערפאַר, וואָס די פּראָזע, אָן און פאַר זיך, איז פון אַזאַ וויכטיג גרויסע אָבשאַצונג אַזוי, אַז עס איז כדאי געווען צו פאַרקוקען דעם "יוצר" און זיך רעכענען מיט דער "יצירה". מיר האָבען דאָ פּראַקטיצירט דעם "אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו", און דעם "והוי מקבל את האמת ממי שאמרו"...

יאָ, בלעם'ס מה טובו, דאַרף ביי אונז דיענען אַלס עקספּלאָדירענדער שטאָף און מלחמה מאַטעריאַל געגען אַ צווייטען סאָרט בלעם, אָדער בלעם'ס פון אַנאַנדער מחנה, יענע בלעם'ס, וועלכע זיינען פאַר אונז פיעל שמערצליכער פון דעם ביבלישען בלעם בלויז דערפאַר, וואָס זיי זיינען ניט קיין

בלעם׳ס פון דער פרעמד, נאָר אונזערע אייגענע אידישע בלעם׳ס.

און ווי שמערצליך די לעצטע ווערטער זאָלען ניט זיין, איז עס אָבער אַ ביטערער און טרויעריגער אמת. מיר האָבען אַ היבש ביסעל פון דעם מין אין דער מחנה ישראל. און וואָס נאָך מעהר שמערצליכער איז דאָס, וואָס דער דאָזיגער מין בלעם איז ניט קיין אינדיווידועלער, נאָר אַ קאָלעקטיווער און בילדעט אַ גאַנצע מחנה, אַן אָרגאַניזירטע בלעם׳שאַפט, עס איז אַ בלעם׳יסטישע שיטה, וואָס ציילט היבשע אַנהענגער, און פאַרמאָגען צווישען זיך אויך בעדייטענדע בלעם-טאַלאַנ־טען מיט געשאַרפטע אָראַטאָרישע צינגער, וועלכע זיינען אַ בלעם-קללה פאַר׳ן אידענטום.

און דאָס איז דער טראַגישסטער פונקט אין אונזער אידישען לעבען. אונזערע חכמים האָבען אונז געזאָגט: ״ולא קם בישראל כמשה — בישראל הוא דלא קם אבל באומות העולם קם ומנו בלעם בן בעור״. עס הייסט: ביי אידען איז קיין צווייטער משה ניט אויפגעשטאַנען, ביי גוים, אַ צווייטער בלעם, און אויך אַ דריטער, פערטער א. א וו. איז יאָ אויפ־געשטאַנען... האָט עס אונז טאַקע היבשליך געערגערט פאַר וואָס די גוי׳אישע בלעם פראָדוקציאָן האָט זיך ניט אָבגע־שטעלט, און די אידישע משה-פראָדוקציע האָט זיך יאָ אָבגע־שטעלט, דאָך, אָבער האָבען מיר געהאַט אַ נחמה, וואָס אויב מיר האָבען קיין משה׳ס ניט, האָבען מיר כאָטש קיין בלעם׳ס אויך ניט אין אונזער לאַגער. ווען אָבער עס האָט זיך דער מין יאָ אָנגעהויבען ווייזען אין דער מחנה ישראל, איז די טראַ־געדיע אַ דאָפּעלע. מיר האָבען אוים צושטעהן פון ביידע בלעם׳ס מיט אַמאָהל, פון די גוי׳אישע און אויך פון די אידישע...

און די קללה פון די אידישע בלעם׳ס, איז נאָך אַ פיעל ערגערע פון די גוי׳אישע. די גוי׳אישע בלעם-קללה, איז

אמווייניגסטענס געווען א באגרענעצטע, איהר האריזאנט האט זיך געענדיגט ביי די טויערען פון דער אידישער שוהל און פון דער אידישער הויז, זי האט ניט געקענט אריבער טרעטען די טיהר פון ביידען, ניט פון שוהל און ניט פון הויז. דארטען איז דער גוי'אישער בלעם שטום געווארען, און אנשטאט צו שעלטען, האט ער גאר געמוזט בענטשען. ביידע, דער אהל און דער משכן, די הויז און די שוהל, האבען איהם אין אן אינספירירענדען עקסטאז אריינגעווארפען, און האט פאר ביי־דען אנגעהויבען שירה זינגען:

מה טובו אהליך יעקב — משכנותיך ישראל ! ...

און אונערע חכמים געהען נאך ווייטער, ווען זיי זאגען, אז: "כולן נהפכו לקללות חוץ מבתי כנסיות ובתי מדרשות", דאס הייסט, אז אפילו ווען אלע אנדערע בלעם'ס קללות, וואס אין צייט האבען זיי קיין ווירקונג געהאט, האבען זיי אבער שפעטער יא געווירקט, איז אבער די געפלאנטע קללה אין באצוג צו דער אידישער שוהל קיינמאהל ניט פארווירקליכט געווארען. פאר די אידישע שוהל, האט דער גוי'אישער בלעם שטענדיג געציטערט. זי האט פאר איהם שטענדיג געמוזט זיין א סימבאל פון ברכה.

די אידישע בלעם'ס אבער, זיינען א קללה פאר דער שוהל אויך. נאך מעהר: פון דער "שוהל" גופא ווערען זייערע בלעם פיילען געשיקט. דארט, איז זייער טריבונע פון וואנען די סם־המות פולווער ווערט אריינגעשאסען אין אלע הייליגע אידישע קנינים.

די גוי'אישע בלעם'ס זיינען בלויז געווען בלינד אויף איין אויג. די צווייטע אויג, איז נאך ביי זיי אפען געבלי־בען, און דורך איהר געזעהן די העלע ליכטיגע שיין, וואס שיינט אין אידענטום, און די אפענע אויג האט געגרייכט אין

דעם אידישען א ו ה ל און אין אידישען מ ש כ ן, ווערענד, די אידישע בלעמ'ס זיינען בלינד אויף ב י י ד ע אויגען... זייער זעהונגס קראפט איז פון זיי אין גאנצען צוגענומען גע-ווארען, און קענען לחלוטין ניט זעהן די ליכטיגע הייליגע שיין, וואס שיינט אין דער מחנה ישראל.

און נאך מעהר: די גוי'אישע בלעמ'ס זיינען בלויז א ל י י ן בלינד געווען, ווערענד, די אידישע בלעמ'ס מאכען אויך אנדערע בלינד, ווייל זיי זיינען, צום באדויערען, די זאגענאנטע פיהרער פון זייערע געמיינדען, די "עיני העדה", און ווען די דאזיגע "אויגען" זיינען אליין בלינד, ווערען פון די פיהרער, פארפיהרער, און פארבלענדען אויך די אויגען פון זייערע געפיהרטע פארפיהרטע...

אלס אילוסטראציע, וועלכע כאראקטעריזירט אמ-בעסטען אט די אידישע בלעמ'ס, קען דיענען דער טראגישער עפיזאד, וואס די צייטונגען האבען אונז ניט לאנג געבראכט אלס באריכט פון א קאנווענשאן, וואס איז אבגעהאלטען גע-ווארען פון די "ראבאים" פון די אמעריקאנער קאנסערוואטיווע "שוהלען" אין דער שטעדטעל טענערסוויל, ניו יארק.

דארטען, איז רעקאמאנדירט געווארען א רעזאלוציע "אריינצוברייננגען ענדערונגען אין די אידישע געזעצען פון "גיטין, "קדושין", "חליצות", וועלכע זיינען, לויט די איצטיגע געזעצען פון תלמוד און שלחן-ערוך א צו שווערער דרוק און לאסט אויף'ן אידישען פאמיליען לעבען, און עס איז אבסאלוט נויטיג זיי צו ענדערען אזוי, אז זאלען זיין אין אנקלאנג מיט'ן גייסט פון דער צייט, און אין פולער הארמאניע מיט די לעבענס באדינגונגען פון אונזער מאדערנער צוויליזירטער תקופה".

נו, איז נאך ווייניג אט די דאזיגע "רעזאלוציע" אויף צו אילוסטרירען דעם בלעם גייסט פון אזעלכע, כביכול, אידישע "פיהרער" ?

אזעלכע, וואָס רופען זיך כלומר'שט "רבנים", אוים־געבריהטע פון די בעקאַנטע אַמעריקאַנער "פעקטאָרים", און אויסגעקאָכטע אין דעם קעסעל פון אַסימילאַציע, "תלמידים", וואָס "לא קראו ולא שנו ולא שמשו תלמידי חכמים" — אַט די קליינע מענשעלאַך, נידעריגע נפשות'לאַך, וואגען עס אויפ־הויבען זייער פאַרזשאַווערטען שמוציגען האַק אויף דעם קדש־קדשים פון דער אידישער אומה, אויף דעם "אוד מוצל מאש", אויף די איינציגע נקודה, וואָס איז נאָך איבערגעבליבען אין דעם אידישען לעבען — אויף דער טהרת-המשפחה"...

דער גוי'אישער בלעם האָט געזונגען "מה טובו" פאַר די "אהלי יעקב". אַזוי ווייט האָט ער ניט געוואַגט צו געהן. דער אידישער הייליג-ריינער פאַמיליען לעבען, איז גע־ווען פאַר איהם דער שווער פונקט און דער שטרויכלונג שטיין, אין וועלכען אַלע זיינע קללות האָבען זיך אַנגעשלאָגען און צושמעטערט געוואָרען, און נאָר אַ דאַנק דעם אוהל און משכן, זיינען די אַנטיסעמיטישע העצעס פון יענע בלעם'ס געבליבען מאַכטלאָז. דער אהל און משכן זיינען געווען די פעסטונגען, וואָס האָבען באַשיצט אויף'ן אידען, ער זאָל ניט אַסימילירט ווערען, און זאָל דורכדעם האָבען אַ דויערהאַפטיגען און אייבי־גען קיום — און זיי, די אידישע בלעם'ס, די פאַרעווע, ניט פליישיגע און ניט מילכיגע ראַבאַים, זיי קומען פון די טריבו־נעס פון זייערע "משכנות ישראל", און שיסען גיפטיגע קוילען אין די "אהלי יעקב". יענע האָבען ענטוזיהאַסטיש אויסגע־שריהען "מה טובו אוהליך יעקב", און די שרייען "מה רעים אהליך יעקב"...

ניין, ניט דער גוי'אישער בלעם איז פאַר אונז גע־פעהרליך, נאָר דער אידישער. עס איז פאַר אונז אויך ניט גע־פעהרליך דער גאַנצער גוי אין געשטאַלט פון דעם רעפאָרם ראַביי, נאָר דער האַלבער גוי אין געשטאַלט פון דעם קאָנסערוואַטיווען ראַביי. דער רעפאָרם ראַביי איז אַמוויינינגס־

טענם פון אַ באַשטימטען קאָליר, מען קען איהם, מען ווייס איהם, און מען ווייסט זיך דעריבער ווי צו היטען פון איהם. ער טאַנצט ניט אויף צוויי חתונות. דער קאָנסערוואַטיווער ראַביי אָבער, איז אַ מין פיפטי־פיפטי בריאה, אַ פוסח על שתי הסעיפים, מיט איין פוס אין רעפאָרם, און מיט דער צווייטער אין דער אָרטאָדאָקסי, מישט זיך אין ״הכשרים״, און רעקאָמאַנדירט רעזאָלוציעס פאַר קדושין, גיטין און חליצות, אַזאַ ווינקעל אין דער אידישער תורה, וואָס זיי קענען דאָרט פשוט קיין ״עברי״ ניט.

און דוקא דערפאַר, וואָס זיי האָבען ניט קיין באַשטימטען קאָליר און טאַנצען אויף אַלע חתונות, ווערען דערי־בער דורך זיי פאַרפיהרט אַ טהייל פון די אידישע מאַסען, וועלכע קענען ניט אונטערשיידען פון ״תכלת״ ביז ״קלא אילן״, און שפּרינגען ״קדוש״ נאָך זייער ״קדושה״ — וכדי בזיון וקצף ! . . .

און זאָלען קומען די גוי'אישע בלעם'ס מיט זייערע ״מה טובו'ס״ און פאַטשען אין פנים זייערע אידישע ״קאָלע־גאָן״, די וועלכע האָבען דעם ״מה טובו״ ניט אַרויסגעוואָרפען פון ״סידור״, אָבער האָבען איהם אַרויסגעשטויסען פון הארצען.

ניט אומזיסט האָבען מיר, אַלזאָ, דעם מה טובו אַרויפ־געשטעלט אויבענאָן, ווייל דאָרטען, אין יענעם ווינקעל פון אי־דישען לעבען, אין אהל און אין משכן, איז דער אויבענאָן, דער כבוד פון דער אידישער אומה, און דאָרטען, ליגט דער סוד הקיום פון אידישען פאָלק, און דאָס וואָס אַ געוויסער טיפּ אי־דישער ראַבאַי ווייסט ניט, האָט עס דער גוי בלעם יאָ גע־וואוסט, און אַזוי אייביג ווי דער פאָלק וועט בלייבען, אַזוי אייביג וועט דער מה טובו בלייבען.

מה טובו אוהליך יעקב ! . . .

פנחס

שירי חופש על עדמת נכר

צום 4טען יולי דעקלערײשאָן אָף אינדעפּענדענטס.

מען דערצעהלט אויף דעם באַריהמטען גאון רבי פּנחס הורוויץ, דער מחבר פון "הפלאה", אַז ער פלעגט זיך נוהג זיין, אז ווען ער איז געווען אין דערהיים, האָט ער געלעבט זעהר אין דחקות און אָרעמקייט, אונטערוועגענס אָבער, פלעגט ער זיך פיהרען ווי אַ רייכער געשעפטסמאַן. ווען זיינע מקורבים האָבען איהם געפרעגט וועגען אַזאַ זאָנדערבאַרע הנהגה, האָט ער געענטפערט וויציג: "איך פּנחס פיהר זיך אַזוי ווי די סדרה פּנחס. אויך זי, די סדרה, ווען זי איז אויף איהר פּלאַץ, אין דערהיים, פאַלט זי אוים אין די "דריי וואָכען" און איז איינגעהילט אין טרויער און אין אַרמוט, איז זי אָבער אונטער־וועגנס, אין דער פרעמד, דאַן איז זי יום־טוב׳דיג, (ווייל די פרשה פנחס לייענט מען דאָך אין אַלע ימים טובים)...

דער פאַקט אָבער, אַז אויך ווען פּנחס איז אין "דער־היים", אין די "דריי וואָכען", היפּט מען ניט איבער קיין איין שטעל אין דער סדרה, און מען לייענט אויך די יום־טוב׳דיגע פּרשיות, דאָס איז זעהר סימבאָליש פאַר אונז, און ס׳איז כדאי וועגען דעם זיך אַביסעל פאַרטראַכטען.

אין די מעהרסטע יאָהרען פאַלט גראַדע אוים, אין דער וואָך פון פּנחס, דער אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער יום־טוב פונ׳ם פערטען דזשולאַי, דער טאָג, ווען עס איז אַמעריקאַ גע־

געבען געוואָרען די באַריהמטע "דעקלערײשאָן אָף אינדעפּענ־דענטס", און האָט זיך באַפרייט פון בריטישען יאָך, ווערענדיג אַ זעלבסטשטענדיגע אומהאָבהענגיגע נאַציאָן.

מען זאָגט נאָך פון גרויסע צדיקים, אַז אין דעם גוי'אישען ניי־יאָהר, פלעגען זיי זיך באַגריסען מיט'ן טראַדי־ציאָנעלען וואונש "לשנה טובה תכתבו". זיי האָבען געגעבען אַ רמז דערצו דעם פסוק אין תהלים: "ה'יספור בכתוב עמים", דאָס הייסט, אַז גאָט ציילט אויך די צייט־רעכענונג פון די פעלקער, ממילא האָט זייער ראש השנה אויך אַ געוויסע באַ־דייטונג.

פון אָט דעם שטאַנדפּונקט, האָבען די ניט־אידישע נאַציאָנאַלע ימים טובים פאַר אונז אויך אַ חשיבות, און עס איז ניט קרום צו מאַכען אַ אידישען "לחיים" אפילו אין ז י י ע ר ע ן אַ יום טוב...

האַנדעלט זיך עס אָבער וועגען יו"ט פון פערטען דזשולאַי, האָט עס פאַר אונז אוודאי און אודאי אַ גרויסע באַ־דייטונג. ווייל, אָבגערעדט דערפון, וואָס דאָס איז אַ בירגערלי־כער יו"ט, און אַלס בירגער, האָבען מיר דאָך אין איהם ניט קיין קלענערען חלק ווי אַלע אַנדערע בירגער פון לאַנד, נאָר פאַר אונז אַלס אידען, גלויב איך, איז אונזער יו"ט חלק אַ גרע־סערער ווי דער פון די סתם בירגער. ביי אונז רופט דער יו"ט אַרויס אַ טיעפערען געפיהל פון אָבשאַצונג. ווייל ווער נאָך ווי מיר אַלס אַ גלות פאָלק, פאַרפאָלגט און גע'רודפ'ט איבעראַל, האָבען געקענט שפּירען דעם גרויסען געווינס פון דעם פריי־הייטס יו"ט, ווען די לאָזונג פון אונזער ביבלישען "וקראתם דרור" איז אַרויסגעלאָזען געוואָרען מיט איבער הונדערט פופ־ציג יאָהר צוריק דורך די קעמפפער פאַר אַמעריקאַ'ס פרייהייט און אומאבהענגיקייט, און האָט אין צייט געדיענט אַלס די־רעקטע איינלאַדונג פאַר היימלאָזע צו קענען געפינען אויף דעם

אמעריקאנער באדען א היים פון רוה און פרידען, אהן פאר־אורטהייל און דיסקרימינאציע פון ראסע און רעליגיאן?

און דער אמעריקאנער פאלק, וועלכער האט זיך דע־מאלט אין יאהר 1776 באפרייט פון בריטאניעס יאך, האט זיך מיט די דאזיגע פרייהייט נים באנוצט בלויז פאר זיך אליין, ער איז ניט געווען עגאאיסטיש, נאר האט זיין פריידעס בעכער אויך געטהיילט מיט אנדערע. די דערמאהנטע לאזונג פון "וקראתם דרור", וועלכעס איז אויסגעקריצט געווארען אויף דער "ליבערטי בעלל" אין דעם "אינדעפענדענטס האל" אין פילאדעלפיא, איז נים געווען בלויז א שעהנע מליצה, נאר האט געקראגען דעם אויסדרוק אין ממשות'דיגע רעאלע מעשים. די טויערען פון אמעריקע זיינען ברייט און פריי געעפענט גע־ווארען פאר אלע פארוואגעלטע, און אמעריקא האט זיי געגע־בען א הערצליכען ווילקאמען.

און ווי גרויס איז דעמאלט געווען די שמחה פון די אידישע ערשטע אימיגראנטען, וועלכע זיינען געקומען קיין אמעריקא פון יענעם טהייל אנטיסעמיטישע לענדער אין אי־רופא, און האבען דא געפונען זייערע "ערי מקלט", וואו זיי זיינען באשיצט פון פארפאלגונגען און דיסקרימינאציעס. אויף זייער פארצווייפעלטען "מן המצר" געשריי פון יענער זייט ים, האט זיי אמעריקא געענטפערט מיט א ליעבליכען "פתחו לי שערי צדק"; און קומענדיג אהער, אין דער פרייער אמע־ריקא און זעהענדיג, אז זיי, די איינוואנדערער, וועלכע זיינען אין זייערע היימען באטראכט געווארען אלס א "אבן מאסו הבונים", איז ביי זיי דא מקוים געווארען דער "היתה לראש פנה", האבען זיי טאקע מיט פריידען טרעהרען אויפגעהויבען די הענט צום הימעל און געזאגט: "מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו"... און דערפאר איז טאקע יענער טאג גע־ווען ביי זיי א טאג פון "הלל" און פרייד:

"זה היום עשה ה' — נגילה ונשמחה בו"!

וואלט אבער דיעזער עקסטאז פון באגייסטערונג גע־קענט ברענגען מיט זיך א שטראם פון אסימילאציע אונטער דעם מאנטעל פון לאיאליטעט (א זאך, וואס איז טאקע טהייל־ווייז געשעהן), און דערמיט שעדיגען אונזער נאציאנאלען באַ־וואוסטזיין, האט הפנים די השגחה דערפאר פאראוים גע־זארגט און באווארענט, אז אונטער די בעסטע אומשטענדען זאלען מיר אויך אין דיעזען גליקליכען לאנד פיהלען, אז מיר זיינען דאך ניט מעהר ווי אורחים, אפילו ווען די גאסט־פריינד־ליכקייט צו אונז איז געווען און איז ביז א געוויסער מאס אויך היינט אזא, וואס מיר האבען ניט געהאט אין אנדערע לענדער.

עס זיינען פאראן אמאהל אזעלכע דיסקרימינאציעס, וואס זיינען ניט צו שטארק בולט און ניט צו פיהלבאר, אבער דאך זיינען זיי פאראן, און אלס אורחים, קענען מיר געגען זיי ניט אויסזעצען, ווייל עס וואלט געווען אומנאטירליך, אז אורחים זאלען באמת זיין הונדערט פראצענט ווי דער בעל הבית אליין...

עס איז ניט וויכטיג אנצוצייגען אויף דיסקרימי־נאציעס פון דיעזען סארט, וואס זיינען דא אין א באדייטענדער צאהל. איך גלויב, אז דער פאקט, למשל, וואס דער געפלאנטער מאנומענט פאר חיים סאלאמאן, דער איד, וועלכער האט מיט זיין פינאנציעלען בייטראג ניט ווייניגער געהאלפען צו דער דערגרייכונג פון דער "דעקלערישאן אף אינדעפענדענטס" ווי אירגענד וועלכער העלד פון יענער תקופה, און דאך האט די דאזיגע מצבה זיינע דורכצומאכען אזעלכע שווערע געבורטס־וועהען — דיזער פאקט אליין, קען אויך דינען אלס אילוסט־ראציע צו דאס אויבענגעזאגטע.

אידען האבען א באזונדער גורל און זעהר א מאדנעם גורל. האנדעלט זיך עס אין דער שלעכטער זייט, ווערט דעם יהיד'ס זינד ארויפגעשטעלט אויפ'ן חשבון פון צבור, עס זינדיגט ר' ישראל און שולדיג איז כל ישראל, איז עס ווידער,

אין דער גוטער זייט, דאַן ווערט אפילו דער אינדיווידועלער ר' ישראל אויך פאַרקוקט אוים מורא, טאָמער וועט זיין גוטער טהאַט חלילה צוגעשטעלט ווערען צום קרעדיט פון גאַנצען כלל ישראל.

דאָס דערמאָהנט מיך אָן דעם אַנעקדאָט וועגען יע־נעם אורח־קבצן, וועלכער האָט געשנאָרט אויפ'ן חשבון פון זיין דלות, און לסוף האָט מען אויסגעפונען, אַז ער האָט היבשע "קניפּלאַך" און איז גאָר אַ באַהאַלטענער גביר. ווען מען האָט איהם געמאַכט אַ פאַרוואורף פאַר אַזאַ שענדליכען טהאַט, אָב־צונאַרען אַ וועלט, האָט דער "אָרימאַן" נאַאיוו געענטפערט: "הלמאי געפינען זיך צווישען אייך בעלי בתים אַזעלכע, וואָס גיבען זיך אָן אַלס גבירים, און באמת, זיינען זיי גאָר כפול שמונה'דיגע קבצנים, מעג דאָך אַמאָהל זיין פאַרקעהרט אויך"... דער תירוץ איז אָבער, אַז אַ בעל הבית מעג אַלץ, אַ פרעמדער אָבער, אַן אורח, טאָר גאָר נישט, און ווען אפילו בלויז איין אָרימאַן באַגעהט אַזאַ שווינדעל, ווערט שוין דער גאַנצער כלל אָרימעלייט באַטראַכט אַלס שווינדלער...

יאָ, אַזוי לאַנג ווי מיר זיינען אורחים, מעג עס אפילו זיין אין בעסטען פאַל, לאָזט מען אונז דאָס פיהלען. איז עס טאַקע דעריבער סימבאָליש, וואָס גראַדע דער יום־טוב פון פערטען דזשולאַי פאַלט אַממעהרסטענס אוים אין אונזערע אומעטיגע דריי וואָכען"...

און דאָס איז, ווען מיר קוקען אויפ'ן פערטען דזשו־לאַי אין דער ליכט פון דער פאַרגאַנגענהייט, קוקען מיר ווידער דערויף אין ליכט פון דער געגענוואַרט, דאַן שמעקט עס נאָך מעהר מיט'ן ריח פון "שבעה עשר בתמוז". מיר זעהען דאַן בלויז אַ בלאַסען אָבשיין פון פרייהייט, אַ שאָטען פון אַ שאָטען פון יענעם ערהאבענעם אידעאַל, וועלכער האָט אין זיין גע־בורטס פעריאָדע געדיענט אַלס יסוד פאַר אַ נייע וועלט אַנ־שויאונג.

מען זאגט, אז דער "פרייהייטס גלאָק" אין דעם אינדעפּענדענטס האָל, איז שוין זינט אַ היבשע צייט ניט אין פונקציע. איז דאָס גופא אויך סימבאָליש. די מקובלים זאָגען, אַז אַזוי ווי דעם מענשענ׳ס רמ"ח אברים ושס"ה גידים זיינען מכוון אַנטקעגען די רמ"ח מצות עשה און שס"ה לא תעשה, איז דעריבער, ווען אַ מענש פאַרזינדיגט זיך און איז פוגם אין אַן עשה אָדער לא תעשה, ווערט יענער אבר אין זיין קערפּער, וואָס איז מכוון אַנטקעגען יענער מצוה, אויך נפגם... און אויב דער "ליבערטי בעל", איז אין די לעצטע יאָהרען אַביסעל מכולה׳דיג געוואָרען, איז עס דער בעסטער סימן, אַז אויך די "נשמה" פונ׳ם גלאָק איז מכולה׳דיג... שוין ניט די פרייהייט פון אַמאָהל. יענע אָפענע טהויערען זיינען שוין פון לאַנג פאַר־שלאָסען געוואָרען, און דער "טרעהרען אינזעל", וואָס מען רופט "עלים איילאַנד" איז שוין פון לאַנג פאַרוואַנדעלט געוואָ־רען אין אַ ים־הגדול פון טרעהרען. און קומט מען היינט צו צום "פּתחו לי שערי צדק", דאַרף מען די גאַנצע שטיק איבערהי־פּען און גלייך אָנפאַנגען דעם "אנא ה׳ הושיעה נא"...

עס איז אַ פרייהייטס יו"ט אָהן פרייהייט, אַ פּוסטע ראָם אָהן אַן אינהאַלט...

דער פערטער דזשולאַי האָט אָבער פאַר אונז אידען נאָך אַ באַזונדער באַדייטונג. דאָס איז דער טאָג, ווען דער "פעלקער ליעג" האָט מיט איבער אַ צעהנדליג יאָהר צוריק באַשטעטיגט דעם בריטישען מאַנדאַט אויף ארץ ישראל, אָבער וואָס פאַר אַ ווייטער אונטערשיד פון דעם כאַראַקטער פון דעם אַזוי גערופענעם "אידישען" פערטער דזשולאַי ביז דעם אַמע־ריקאַנער, אַך, וואָס פאַר אַ מערקווירדיגער קאָנטראַסט צווי־שען די צוויי ימים טובים! אין ביידע פון זיי איז ענגלאַנד פאַר־מישט; אָבער אין דער צייט, וואָס דער אַמעריקאַנער פערטער זשולאַי דריקט אוים דעם יום־טוב פון גט׳ן זיך מיט ענגלאַנד, דריקט דער אידישער פערטער דזשולאַי אוים דעם יום־

טוב פון שטעלען "חופה וקדושין" מיט ענגלאַנד. און עס דאַרף כלל ניט זיין שווער צו אַנטשיידען, וועלכער פון זיי איז דער גרעסערער יום-טוב... די לאַגע אין און אַרום ארץ ישראל, די גזירות און באַגרעניצונגען, די אומרוהען און עקצעסען, די "וויים-שוואַרצע פּאַפּירען" פון טשוירטשעל ביז פּאַספילד, (די קאָלאָניאַל מיניסטאָרען אין ענגלאַנד), די ראַפּאָרטען פון די ענגלישע קאָמיסיעס, אָנהויבענדיג מיט דער שאָא-קאָמיסיע און ענדיגענדיג מיט דער סימפּסאָן-קאָמיסיע, דאָס פאַרשלי-סען די טיהרען פאַר די אידישע חלוצים, די באַגרענעצונג פון דער לאַנד ערווערבונג, און בכלל די "פריינדליכע" באַציהונ-גען צו די אידישע אינטערעסען מצד דער פּאַלעסטינער רע-גירונג מיט איהרע אַדמיניסטראַטאָרען — אַט דאָס אַלעס צייגען אונז אָן אויף די קאָנזעקווענצען פון דעם "גליקליכען" שדוך מיט גרויס בריטאַניע, און באַווייזען ווי די אומגליקליכע "באַלפור דעקלערייאַן", איז נאָך ווייט פון צו חבר'ן זיך מיט דער אינדעפּענדענטס דעקלערייאַן, אויף וויפיל ס'איז דער לעצטער'ס באַדייטונג לפּחות פאַר'ן אַמעריקאַנער פאָלק אליין.

און אויב דער גוי'אישער פערטער דזשולאַי דער-וועקט אין אונז פאַרדרוס אין באַצוג צו דעם דערמאָהנטען חיים סאָלאָמאָן מאָנומענט, טאָ וויפיעל פאַרדרוס דאַרף שוין דער-וועקען דער אידישער פערטער דזשולאַי אין באַצוג, למשל, צום נייטען שטרויס מאָנומענט, ווען די רעגירונג האָט געפונען פאַר נויטיג אויסצובייטען דעם נאָמען פון אַ געווויסע גאַס אין ירושלים, וואָס האָט זיך גערופען "רחוב נתן שטרויס" אויף'ן נאָמען "רחוב סער טשענסלאָר"? דער סאָלאָמאָן-מאָנומענט איז סוף-סוף אַ פראַגע וועגען אַ אידישען מאָנומענט אין אַ ניט-אידישע מדינה, וועהרענד דער שטרויס מאָנומענט. איז אַ אי-דישער מאָנומענט אין דער אידישער מדינה, און דערצו ביים סאָלאָמאָן מאָנומענט, איז אַ פראַגע פון שטעלען דעם מאָנומענט וועהרענד ביי שטרויס מאָנומענט, איז געווען אַ פראַגע פון

אראפּוואַרפען אַ לאַנג געשטעלטע מצבה, און דער אונטערשיד איז היבש גרויס...

פאַסט זיך טאַקע דעריבער נאָך פיעל מעהר די קאָמבינאַציע פון אונזער פערטען דזשולאַי מיט אונזערע טרויעריגע "דריי וואָכען"...

און דאַרף עס טאַקע זיין פאַר אונז אַ לעקציע, פון וועלכען מיר זאָלען ציהען די נויטיגע שליסע, אַז אויף פרעמדע חסדים קענען מיר אונזער היימלאַנד ניט בויען. עס איז שוין צייט צו קומען צו דער אַנערקענונג, אַז אונזער אַרבייט דאַרף הונדערט פּראָצענט קאָנצענטרירט ווערען אויף אינוויינינג, צווישען זיך אַליין וואו מיר פיהלען זיך מעשה בעל הבית, און ניט פון דרויסען וואו מיר זיינען מעהר ניט ווי מעשה אורח. אין דעם פאַל איז, פנחס אין דערהיים מעהר יום־טוב'דיג ווי פנחס אין דער פרעמד...

נאָר איין זאַך דאַרף אָבער פאַר אונז קלאָר זיין, און דאָס איז — ניט צו פאַרלירען דעם מוט. מיר זיינען אַ פאָלק מיט אַ סך נסיונות; און אַקוראַט ווי עס איז געמאָלט, אַז די פרעהליכע פרשה פון פערטען דזשולאַי זאָל פאַראומעטיגט ווערען מיט די "דריי וואָכען", אַזוי איז עס אויך געמאָלט, אַז די אומעטיגע פרשה פון די דריי וואָכען (פרשת פנחס) זאָל פאַרפרעהליכט ווערען מיט דעם אינהאַלט פון פרשיות המועדים...

ווייל — עוד לא אבדה תקותנו!

פנחס

רועה ישראל וצאן קדשיו

אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם (כז — יז)

אַמעריקאַ איז אַן אינטערעסאַנטע מדינה. יעדער זאַך האָט זיך דאָ אַ סעזאָן, אפילו די גייסטיגע רוחניות'דיגע זאַכען. אַט אין דיעזע וואָכען צום ביישפּיעל, איז דער סעזאָן פון די "כלי קדש", ווי רבנים, חזנים, שמשים א.ד. גל. וועלכע דיענען זייערע קהלות טערמינענוויז ניט לעבענסלענגליך, ווי ס'איז געוועזן דער שטייגער אין דער אַלטער היים. נו, טהוט זיך עס עפּעס אביסעל! אַ רעגעלער "יאריד". ביי יעדער שוהל, גרויס אָדער קליין, פאַרעמט זיך אַ מין "באַלאַנגערונג" פון די דוכאַוור־נע משמשי בקודש, וועלכע קאַנדידאַטירען פאַר די "אָפּענע" שטעלע, ווער פאַר דער בימה און ווער פאַר דעם עמוד, און יעדערער וויל קריגען דעם שאַנס צו "ליפערען די גודס", מיט וועלכע ער איז זיכער "אויסצוגעהמען". דער רב מיט דער דרשה, און דער חזן מיט די חזנות. און די "פריצים", די שוהל פיהרער, וועלכע האָבען נאָך פון שבועות־צייט אָנגעהויבען "אַדווערטייזען" די באַקאַנטע פזמונים: "פערלאַנגט אַ רב", "פערלאַנגט אַ חזן", "פערלאַנגט אַ שמש", זיצען זיך "על כסא ממשלתם", מעסטען אָפּ יעדען קאַנדידאַט פריהער זיין "חצוניות", ווי ער קוקט אויס, צו וועט ער מיט זיין "אויסזעהן" קענען מאַכען אַן איינדרוק, און דאַן ערשט גיבען זיי דעם גע־ווינשטען "שאַנס".

אין די ערשטע שבתים געהט עס נאָך כשורה, ס׳איז נאָך דאָ גענוג צייט, און מען קען זיך נאָך פאַרגינען צו געבען דעם רב אָדער חזן אַ ״גאַנצען״ שבת, און זיי טוהען עס געהרן, ווייל וואָס הארט זיי, אַז די שוהל וועט האָבען דאָס וואָס מ׳רופט אַ ״פרי שאו״, דער חזן אָדער דער רב מאַטערען זיך, ״טרייען זייער בעסט״ און זיי, די אַפּיסערס מיט די בעלי בתים, האָבען אַן עונג שבת און זאַמלען, אגב, מאַטעריאַל פאַר זייער קריטיק, וועלכער פאַלגט נאָך יעדער דרשה אָדער דאַוונען, פאַנגט זיך אָן אין שוהל און שפּרייט זיך אויס ביז עטליכע ״בלאָק״ ארום שוהל; יעדערער, נאַטירליך, איז אַ מבין סיי אויף׳ן רב און סיי אויף׳ן חזן...

ווען עס דערגרייכט שוין אָבער, אין די שפּעטערע וואָכען, אין די צוויי מאָנאַטען אָב און אלול, און די שוהל האָט זיך נאָך אַלץ ניט צוגעקליבען איהרע כלי-קדש, און די ליסט פון די קאַנדידאַטען איז נאָך גענוג גרויס, דאַן קען מען זיך שוין ניט פאַרגינען אָוועקגעבען אַ קאַנדידאַט אַ גאַנצען שבת, ניטאָ אַזוי פיעל שבתים, טהיילט מען עס שוין איין אין שטיק-לאַך, איינעם אַ קבלת שבת, דעם צווייטען אַ מעריב; דעם דריטען אַ שחרית און דעם פערטען אַ מוסף, און דאָס זעלבע מיט די רבנים, איינעם בעפאָר׳ן ״לייענען״, איינעם דערנאָך און איינעם פאַר מנחה, און אַזוי ירייד׳עלט זיך עס אויף דער אַמעריקאַנער שוהל יאַריד. ס׳איז ״אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם״ אַ רב אַרויס, אַ רב אַריין, אַ חזן אַרויף, אַ חזן אַראָפּ, און ס׳איז פרעהליך אין שטעטעל... וכדאי בזיון וקצף!...

נאָר אויב אין וואָס אַנבאַלאַנגט די חזנים און שמשים איז די תורה געבליבען נייטראַל, זי ״מישט זיך ניט״ דערין, און האָט זייער גורל קענטיג אין גאַנצען איבערגעלאָזען צו די פּרעזידענטען, פּרנסים, גבאים און די ספּעציעלע קאָמיטעס, וועלכע וועלען שוין וויסען וואָס זיי האָבען צו טהאָן, ״את מי

לשבט ואת מי לחסד", איז אָבער אין באַצוג צו רבנים ניט אַזוי. דאָ האָט קענטיג די תורה אליין אויך געוואָלט נעהמען אַ וואָרט אין דער פראַגע, און אויך זאָגען מבינות אויף דעם באַטרעפענדען קאַנדידאַט, ווי ווייט ער געפעהלט א י ה ר, די תורה...

און אָט איז דער וואָרט:

"יפקד ה' אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם, אשר יוציאם ואשר יביאם ולא תהיה עדת ה' כצאן אשר אין להם רועה".

אָט דאָ איז אַ פאָלשטענדיגע לעקציע, וועגען דאָס אויפנעהמען פון אַ רב, און אַ קלאָהרע פראָגראַמע פאַר'ן רב גופא, וואָס זיינע אויפגאָבען און פליכטען זיינען.

אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם!

אַ מערקווירדיגע ערשיינונג: די מעהרסטע אַמע-ריקאַנער אידישע שוהלען האָבען איינגעפיהרט צוויי מאָסען, אין וואָס אָנבאַלאַנגט די געהאַלטען אָדער "סאַלאַרים" פון רבנים און חזנים. די ערשטע, גיט מען דעם מינימום, און די צווייטע, דעם מאַקסימום. דער חזנ'ישער געהאַלט, שטייגט אין מעהרערע פעלע איבער דעם רבנישען געהאַלט צוויי מאָהל, אָדער זאָגאַר דריי מאָהל אַזוי פיעל.

ווייסען מיר, אמת, ניט פאַר וואָס דאָס איז אַזוי און וואָלטען מיר מעסטען די דאָזיגע פראַגע מיט דער מאָס פון שכל, וואָלטען אפשר די "צוויי מאָסען" ביי אונז אַנדערש אויס-געקומען ווי ביי די שוהל פרעזידענטען, ווייל דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך אין ש כ ל, איז נאָך אַ גרויסע שאלה אויף וועלכע וואָגשאָל דער שכל וואָלט מכריע געווען, צו אויף די רבנישע אָדער חזנ'ישע...

ווי זינגט דארטען ה. הירש אין זיין פאבעל : "די צילענדערהוט און די יארמולקע". כ'לעבען, ס'כדאי איבער-געבען דעם דאזיגען פאבעל ווי ער שטעהט און געהט, און די לעזער וועלען שוין אליין שכל האבען אויסצוטוישען דעם מחבר'ס צילענדער אויף דער חזנ'ישער "מיץ", וועלכעם וואלט זיך נאך אפשר גיכער צוגעפאסט צום פאבעל, לויט די כאראק-טעריסטיק פונ'ם פאבעליסט . . .

אט אזוי זינגט זיך עס דארט :

"דער גלאנציגער צילענדער - הוט געטריבען האט אנומעלט שפאס

און אויסגעלאכט די יארמולקע די קליינע :

"דו ארימע, בטל'ניש היטעלע, געמיינע !

עס איז דאך גאר ניט שעהן ארויסצוגעהן מיט דיר אין גאס :

ווערסט געטראגען נאר פון תהלים זאגער און בית-עולם קאנדידאטען,

זעהסטו, מיך דא טראגען לעבע יונגען און ארים-טאקראטען !"

אויף דעם האט די יארמולקע געענטפערט איהם מיט טאלאנט :

איך קען ניט לייקענען, מען גיט דיר אפ פיעל עהרע,

בעציערסט די רייכסטע בעלער, די סאלאנען, טהעאטערע,

ביזט זעהר עלעגאנט, דער שטאלץ פון יעדען פראנט;

אבער ניט פארגעס זיך, דו ביזט פוסט פון אויבען
ביז אראפ

ווערענד איך בין אויסגעפילט דורכאוים מיט
קאפ !..."

איז נאך טאקע, הייסט עס, א פראגע ווי וויט ריכ-
טיג עס איז דער אורטהייל פון די שוהל פיהרער, צווישען דער רבנישער יארמולקע און די חזנ'ישע הויכע מיץ, אבער א סך פראגעס זיינען פאראנען, וואס בלייבען ניט פארענטפערט, טא שטעלט צו נאך איינע...

נאר, אז איהר ווילט, איז מצד דער שוהל זייט אויך פאראן א תירוץ, די חזנים, זאגען די שוהל פיהרער, שטעלט מען אן צוליעב "ביזנעס", צוליעב געשעפט הייסט עס, איז דערפאר א חזן, וואס העכער ער קען שרייען, און וואס מעהר ער קען "דרעהען" (קאלאראטור בלע"ז), מעג זיך זיין "אין פרקו נאה ואין זקנו מגודל", און מעג ער אליין זיך טאקע זיין דער אמת'ער "הנני ה ע נ י ממעש", מאכט ער אבער ר י י ך דער שוהל, ס'איז קענטיג די "ברכה" אין דעם "סיט פארקויף"; אנדערש איז עס אבער אין באצוג צום רב. איהם, דעם רב, בעהויפטען די שוהל פיהרער, נעהמט מען ניט אויף צוליעב ביזנעס, נאר "לשם שמים", און ווי באלד אזוי, אז דער חזן איז צוליעב עולם הזה און דער רב צוליעב עולם הבא, דארף מען דעריבער דעם חזן צאהלען מיט עולם הזה און דעם רב מיט עולם הבא, דעם "ערדישען" חזן, דארף מען געבען "משמני א ר ץ", און דעם "הימלישען" רב, "מטל ה ש מ י ם", מען קען יוצא זיין מיט'ן פסוק פון "קרנם תרום ב כ ב ו ד", און מיט דער משנה פון "הקרן קימת לעולם הבא"...

איז עס אפשר טאקע א תעודת-זכות פאר די שוהלען, וואס זיי דערהויבען דעם כבוד הרבנות עד ל ש מ י ם, (זאל

עם אפילו זיין אין דער בחינה פון "מוסר דינם לשמים"...) און מאכען ניט די תורה פאר א "קרדום לחפור בה", פאר קיין ביזנעס, נאר ממש תורה לשמה... מהיכי תיתי!

װעלען מיר דעריבער ניט קריטיקירען די שוהל, װאס נעהמט ניט דעם רב פאר ביזנעס, מיר װעלען אבער יא קריטיקירען דעם רב, װאס נעהמט די שוהל יא צוליעב ביזנעס.

און לײדער, מוזען מיר צוגעבען, איז פאראן אזא מין "רבנים", װאס די גאנצע רבנות זײערע איז דורכאוים א רײן ביזנעס פראפאזיציאן, ד י, נאטירליך, האבען שױן יא א גוטע מערכה, בײ זײ איז שױן טאקע יא פאראן דער משמני ארץ, און טאקע אין א גרעסערע מאס, װי דער מטל השמים...

און אט גענען אזעלכע רבנים פראטעסטירט אונזער תורה, און װײזט אן אין דעם דערמאהנטען טעקסט־פסוק, װאס א רב דארף באמת זײן.

אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם!

עס װערט דערצעהלט אין מדרש:

"אנטנינוס אמר לרבי צלאי עלי אמר ליה יהא רעוא דתשתזיב מן צנתא, א"ל דא צלותא בתמיהה, חד כסותא יתר וצנתא אזלא א"ל יהא רעוא דתשתזיב מן שרבא א"ל דא ודאי צלותא דכתיב ואין נסתר מחמתו, א"ל יהא רעוא דתתקים מלכותא בידך".

אנטינינוס האט געזאגט צו רבי: טהו תפלה פאר מיר, האט איהם רבי געװאונשען, ער זאל באשירעמט װערען פון קעלט; זאגט איהם אנטנינוס: דאס איז א נויטיגער װאונש? איין מלבוש מעהר, און די קעלט פארשװינד. האט איהם רבי געװאונשען, בעשירעמט װערען פון היץ. דאס איז שױן אנטנינוס'ן יא געפעהלען, װײל פון היץ קען מען זיך שױן

ניט אויסהיטען, "ואין נסתר מחמתו". האט איהם רבי דאן געזאגט: "הלואי, אז דיין מלוכה זאל ביי דיר א קיום האבען".

און די פראגע איז: וואס פאר א שייכות האט דער לעצטער רבי'ס וואונש צו די פריהעריגע ברכות, ס'איז דאך עפעס גאר ניט פון איין סוג?

איז מיר שטארק געפעהלען, וואס הרב א. א. יודעלע-וויץ ז"ל שרייבט וועגען דעם אין זיין ספר "דרש אב".

ער זאגט: רבי איז געווען אונטער'ן איינדרוק, אז די ברכה, וואס אנטנינוס פארלאנגט, איז מעהר א קאלעקטיווע ווי אן אינדיווידועלע, אלס הערשער, מיינט ער דאך מסתמא דעם פאלק זיינעם, ווייל דאס איז דאך פון זיינע פליכטען צו זארגען פאר דעם "וואויל און בעסטען" פון זיינע אונטערטא-נען, האט ער דערפאר איהם געוואונשען, באשירעמט צו ווע-רען פון קעלט, מיינענדיג דערמיט, אז דאס פאלק זאל ניט ליידען פון קיין דחקות, און די ארעמע זאלען זיך האבען צו קליידען ווארעם; ווען ער הערט אבער פון איהם דעם ענט-פער, אז "מיט איין מלבוש מעהר און די קעלט פארשווינדט", פארשטעהט ער דאך, אז אנטנינוס האט דא ניט געמיינט די ארעמע בירגער ביי וועמען עס פעהלט נעבאך דער "איין מלבוש מעהר", נאר איז אויסעגגעווען זיין אייגענעם איך, האט ער איהם אין אנקלאנג דערמיט געגעבען די פאסענדע ברכה. גלייכ-צייטיג האט ער איהם אבער אויך געוואונשען, אז זיין מלוכה זאל א קיום האבען, און דערמיט געגעבען אן אנצוהערעניש, אז אזא הערשער ווי ער, ביי וועמען די אינטערעסען פון פאלק שפילען קיין ראלע ניט, דארף טאקע האבען רחמים, אז ער זאל זיך קענען האלטען אויפ'ן טראהן, און דער פאלק זאל ניט רעוואלטירען...

אשר יצא לפניהם!

אַ קעניג, אַ פיהרער, אַ רב, זיינען נאָר דעמאָלט ראוי צו זייער אמת, אויב זייער שטרעבונג און מטרה איז "לפניהם", פאַר זייער "צאן מרעיתם", אָבער ניט פאַר זיך אליין, ווייל אין אַזאַ פאַל, בלייבט דער פאָלק "כצאן אשר אין ל ה ם רועה", אַ רועה, אַ פאַסטוך איז טאַקע יאָ דאָ, ער איז אָבער ניט "להם", נאָר פאַר זיך אליין...

און רבנים פון דעם דערמאָהנטען מין, וואָס נעהמען די רבנות לשם "ביזנעס", זיינען אויך אין דער דאָזיגער בחינה "כצאן אשר אין ל ה ם רועה"...

דער דערמאָהנטער מחבר באַטאָנט ווידער דעם אויס-דרוק פון "להם", ווען ער זאָגט, אַז "כצאן בלי רועה", איז ניט אַזאַ אומגליק, און ווען עס טרעפט אַמאָהל, אַז די "צאן קדשים" בלייבען פאַר אַ ווײַלע אָהן אַ רועה, מעגט איהר זיכער זיין, אַז ס'וועט ניט נעהמען לאַנג, און זאָגאַר אָהן דעם "פערלאַנגט אַ רב" אין די פרעסע, וועלען זיך יאָווען רבנים אָהן אַ שיעור, וועלכע שטעהן אין דער "ליין" און וואַרטען פאַר זייער "נעקסט", און די "צאן קדשים" וועלען ווידער אויפגעריכט ווערען, און אַלע דריי, די בימה, דער "רועה" און די "הייליגע שעפעלאַך", וועלען קריגען זייער "תקון"...

שלעכט איז נאָר, ווען דער דאָזיגער רועה וועט זיין "אין ל ה ם", ניט די שאָף וועט ער פאַשען, נאָר זיך אַליין, ס'וועט זיין אין דער בחינה פון "מאשריך מתעים"...

דערמאָהנט עס מיר דעם עפּיזאָד פון יענע צוויי חדר אינגלאַך, וואָס ווען זייער רבי איז קראַנק געוואָרען, האָט איי-נער "מתפלל" געווען, אַז דער בבי זאָל שטאַרבען, וועט ער אַזוי אַרום פּטור ווערען פונ'ם רבי'ן מיט'ן חדר צוזאַמען, דער צווייטער אָבער, האָט איהם אויסגעלאַכט: שוטה, זאָגט ער צו איהם, אויב ד ע ר רבי וועט שטאַרבען, וועט זיין אַנאַנדער רבי אויף זיין פּלאַץ, און מיר'ן אַלץ דאַרפען געהן אין חדר

אריין, בעסער, זאגט ער, לאמיר מתפלל זיין, אז דער חומש'ל זאל שטארבען, און דאן וועט שוין קיין אנדער חומש'ל ניט פארנעהמען זיין פלאץ...

יא, ווען עס פעלט אמאהל א רועה, איז ניט אזוי גע־פעהרליך, צעהן אנדערע וועלען זיין אויף זיין פלאץ, געפעהר־ליך איז נאר ווען דער חומש'ל שטארבט אין דעם רועה'ס מויל, ווען זיי, די רועים הרג'ענען אוועק דעם חומש'ל, און ציהען פון איהם ארויס זיין נשמה, זיי פיטערען ניט זייערע שאף על דרכי התורה והיראה, און די גאנצע רבנות זייערע איז, ווי געזאגט, א ביזנעס רבנות. עס איז ניט דער אומגליק אין רבנות, ווען עס איז "רבנות המקברת את בעליה", ווייל דאן וועלען קומען אנדערע "בעלים", דער אומגליק איז נאר ווען ס'איז פארקעהרט, ס'איז "בעליה הקוברים את הרבנות"... אויף דעם איז זיך געווים דא מצטער צו זיין.

יא, אין רבנות נעהמט די תורה אויך א ווארט, און דער דאזיגער ווארט איז:

אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם!...

מטות-מסעי

החלוצים של משה וחלוצינו אנו

ועבר לכם כל חלוץ את הירדן לפני ה'!

(לב־כא).

שוין לאנג, לאנג אין דער אידישער געשיכטע, ווען מיר זאלען האבען געהאט אזא פעריאדע ווי די היינטיגע, ווען די פרשה פון "חלוצים", וועלכע איז, אזוי צו זאגען, דער הויפט "פשוט" פון היינטיגער סדרה, זאל האבען פאר אונז ניט בלויז א היסטארישען ווערטה, נאר אויך א פראקטישען. די פרשת חלוצים, איז אין דער געגנווארטיגער תקופה געווארען א פרשת החיים, א לעבעדיגער קאפיטעל פון א רעאלען כא־ראקטער, און אין ליכט פון דער ביבלישער חלוצים־פרשה, האבען מיר פיעל צו לערנען אויך אין באצוג צו אונזער פרשת החיים, די פארגאנגענהייט, איז א בנין־אב פאר דער געגענ־ווארט.

עס איז, אמת, דא א גרויסער אונטערשיעד פון די חלוצים פון די בני גד ובני ראובן ביז די חלוצים פון היינט. יענע חלוצים אין משה'ס צייטען, האבען טאקע פארדינט זייער נאמען אלס פיאנערען צוליעב זייער אפפערווילליגקייט צו געהן אין פראנט פון דער מחנה ישראל און זיך שטעלען אין די ערשטע רייהען פון קאמפף פאר דעם כבוש הארץ.

זייער פיאנערישער אנבאט איז אבער געגעבען געווארען אונטער געוויסע באדינגונגען פון זייער זייט, די הויפט

פון וועלכע איז געווען, אז זיי, די בני גד ובני ראובן, זאָלען צום אַלעם ערשטען זיך באַפעסטיגען מיט זייערע פאַמיליעס און פאַרמעגען אויף דעם טעריטאָריאַלען באָדען, וועלכען זיי האָבען פאַר זיך אויסגעקליבען אין דעם שטח פון מזרח זייט פון ירדן, און ערשט נאָכדעם, ווי זיי וועלען זיך האָבען "גע־סעטעלט", אויסגעבויט זייערע שטעדט, און אויסגעשטאַט זייער ווירטשאַפטליכקייט, ערשט דאַן, וועלען זיי אין זינען האָבען די אינטערעסען פון פאָלק, און געהן פאַרזאָרגען זייערע ברידער פון די אַנדערע שבטים מיט דער הילף פון זייער וואָ־לונטירענדען חלוצים־גייסט. אין אַנדערע ווערטער: פריהער האָבען זיי געוואָלט זאָרגען פאַר זיך אַליין, פאַר דעם חיי הפרט און ערשט נאָכהער פאַר'ן פאָלק, פאַר דעם חיי הכלל.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען, האָט משה געפונען פאַר נויטיג אויך פון זיין זייט אַוועקשטעלען אַ תנאי, דער בע־קאַנטער "תנאי בני גד ובני ראובן", וועלכער איז אַזוי פּאָפּו־לאַר געוואָרען אין דעם חלק הלכה פון דער תלמוד'ישער ליטע־ראַטור, משה האָט זיך געמוזט פאַרזיכערען, אַז זיי וועלען ער־פילען זייער פאַרשפּרעכונג, און זיי זאָלען דערנאָך ניט אויס־זוכען קיין פּריטשעפּקעס און אורזאַכען אויף צוריק צו ציהען זייער צוזאַג.

פון אַ פּסיכאָלאָגישען שטאַנדפּונקט, האָט משה שטאַרק געצווייפעלט, אויב נאָכדעם, ווי די בני גד ובני ראובן וועלען שוין אַליין זיין באַזאָרגטע און געסעטעלטע, אויב אויך דאַן וועלען זיי נאָך באַזיצען דעם פּיאָנערישען גייסט מיט די הלוצי'שע אינספּיראַציע. "אַ זאַטער גלויבט נישט דעם הונ־געריגען" — לויטעט אַ פאָלקס שפּריכוואָרט — און דאָס איז טהיילווייז אַ פּסיכאָלאָגישער אמת, וועלכער האָט זיינע וואָרצלען אין דעם בעקאַנטען "וישמן ישורון ויבעט"... האָט דעריבער משה זיך געדאַרפט באַוואָרענען מיט אַ געשלאָסע־נעם קאָנטראַקט אום צו נעהמען זיינע חלוצים אויף זיכער...

אנדערש, פיעל אַנדערש, איז אָבער די זאַך מיט אונ־זערע היינטיגע חלוצים. ניט זיי שטעלען וועלכע ס'איז באַדינ־גונגען צום פאָלק, און ניט דער פאָלק דאַרף דעריבער זיי שטעלען באַדינגונגען. אונזערע חלוצים, ווען זיי פאַרלאָזען זייערע פלעצער אויף צו געהן אין זייער חלוצים־מאַרש, פאַר־לאָזען זיי, זיי ניט אין זייער אייגענע לאַנד, ווי ס'איז געווען דער פאַל מיט די ב"ג וב"ר, זיי פאַרלאָזען זייערע פלעצער אין ג ל ו ת, וואו זיי לאָזען ניט אונטער זיך, ניט קיין "ערים לטפם", און ניט קיין "גדרות לצאנם"... זיי א נ ט ל ו י־פ ע ן פון דאָרט, פון די בלוטיגע גלות היימען נאָכדעם ווי פון זייער פאַרמעגען איז שוין סיי ווי געוואָרען אַש און פאַרך, און נאָכדעם, ווי זייערע קינדער זיינען שוין ניט איינמאָהל גע־שטאַנען אין שאָטען פון טויט דורך די בלוטיגע פאָגראָם אַטאַקעס.

און אויב מען ווערט אַ "חלוץ" אונטער אַזעלכע אומשטענדען, איז כלל ניט נויטיג, פון קיין זייט, צו שטעלען באַדינגונגען; אויב מען א נ ט ל ו י פ ט פונ'ם יאַמער־טאָהל, דאַן ווערען די בריקען פון אונטער די אַנטלאָפענע פון זיך אַליין אָבגעבורענט, און ס'איז ניטאָ, ניט דער ווילען און צומאָהל אויך ניט די מעגליכקייט צו לויפען צוריק און חרטה האָבען אויף דעם חלוצים־אָפּפער...

די חלוצים פון ב"ג וב"ר זיינען געוואָרען חלוצים "מתוך נחת והרחבה", נאָכדעם ווי זיי האָבען שוין זייער איי־גענעם חיי הפרט אויפגעבויט, און האָבען איצט בלויז דעם צווייטען געדאַרפט אין זינען האָבען, האָט מען טאַקע מיט רעכט געמעגט צווייפלען און ציהען אַ שאָטען פון פאַרדאַכט אויף זייער אויסגעהאַלטענקייט. אונזערע חלוצים אָבער, דאַרפען מיט זייער חלוצים־מיסיע ניט בלויז דעם צווייטען אין זינען האָבען, נאָר אויך זיך אַליין, ניט בלויז דעם חיי הכלל גע־הען זיי בויען, נאָר אויך דעם חיי הפרט, און קוים האָבען זיי אָן

אייגענע פניה דערביי, איז דאס גופא דער בעסטער גאראנטי אויף די אויסגעהאלטענקייט פון זייער אפפער . . . ניטא מורא צו האבען, אז זיי וועלען לויפען צוריק אין גלות. פון דעם פלאץ פון וואנען מען אנטלויפט, לויפט מען ניט צוריק . . .

און דערפאר איז, ווי געזאגט, ניט נויטיג קיינע באדינגונגען צו שטעלען, די לעבענס באדינגונגען אליין זיינען אין אזא פאל די בעסטע פארזיכערונג, אז די מיסיאן וועט דורכגעפיהרט ווערען מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט.

* * *

אויב אבער, וואס אנבעלאנגט דעם עצם חלוצים-מארש אן און פאר זיך, איז ניט נויטיג קיינע תנאים צו שטעלען, איז אבער יא נויטיג צו שטלען באדינגונגען, אין וואס אנבעלאנגט די ארט און ווייזע פון דעם חלוצים-צוג, עס הייסט, אז ווען מיר זיינען שוין אפילו זיכער מיט אונזערע חלוצים, אז זיי וועלען שוין בלייבען אין ארץ ישראל און וועלען ניט געהן צוריק אין גלות, דארף מען נאך אבער אויך זיין זיכער, וואס פאר א פארם זייער ישוב א"י וועט אננעהמען, און אויף וועלכע יסודות און גרונד פרינצי-פען זיי וועלען דארט עטאבלירען זייער נייע היים . . .

אין דעם הינזיכט האט נאך די ביבלישע חלוצים-פרשה ניט פארלאזען איהר פראקטישען ווערטה אויך פאר דעם חלוצים קאפיטעל פון היינט.

א טיעפערען בליק אין דער פרשת החלוצים פון די בני גד ובני ראובן, דעקט פאר אונז אויף נאך א מין תנאי וואס משה האט זיי געשטעלט, און וועלכער איז אויבען אויף ניט אזוי שטארק קענטיג. *)

---

*) אנמערקונג פון פערפאסער :

דער געדאנק, וואס געהט דא געזאגט ווערען, איז געבויט אויף די יסודות פון דעם באריהמטען גאון בעל "בינה לעתים" (דרוש ג' לפרקים).

אייגענטליך זעהט עס אויס אז געוויסע שטעלען אין דער דאזיגער פרשה זיינען כמעט ווי איבעריג. אזוי צו ביי־שפיל, זעהען מיר. אז נאכדעם ווי די ב"ג וב"ר האבען אויף משה'ס פראגע פון: "האחיכם יבואו למלחמה ואתם תשבו פה," געענטפערט: — — — "ואנחנו נחלץ חושים לפני בני ישראל עד אשר אם הביאנם אל מקום — — — לא נשוב אל בתינו עד התנחל בני ישראל איש נחלתו".

(משה פרעגט: ווי קען עס זיין, אייערע ברידער זאלען געהן אין מלחמה און איהר זאלט בלייבען זיצען דא? און זיי ענטפערען: "מיר וועלען מיט פיאנערישע געשיקט־קייט לויפען אין פאראוים ביז מיר וועלען די אידען ברייננגען אויף זייער ארט — — מיר וועלען ניט צוריק קעהרען אהיים ביז יעדער איד וועט זיך ערווערבען זיין נחלה".)

ווערטער, דוכט זיך, וועלכע לאזען ניט איבער נאך זיך דעם מינדעסטען צווייפעל. זיי זאגען קלאהר און דייטליך, אז זיי וועלען ניט צוריק קעהרען אהיים איידער די אידען וועלען זיך סעטלען אויף זייער באדען.

און דאך האט משה קענטיג נאך ניט געפונען אין די ווערטער קיין צופרידענשטעלענדען ענטפער, ווען ער געפינט פאר נויטיג ווידערהאלען אין אן אויספיהרליכען און אולטא־מאטיווען טאן די זעלבע פאדערונג, ווי צו וועלען זיין מעהר זיכער אין זייער ערנסטקייט און אויפריכטיגקייט.

משה זאגט ווייטער:

"אם תעשון את הדבר הזה, אם תחלצו לפני ה' למלחמה: ועבר לכם כל חלוץ את הירדן לפני ה' עד הורישו את אויביו מפניו: ונכבשה הארץ לפני ה' ואחר תשובו והייתם נקים מה' ומישראל, והיתה הארץ הזאת לכם לאחוזה לפני ה'".

דאָס אויפפאַלענדסטע אין די ציטירטע פּסוקים איז דאָס, וואָס אויסער די גאַנצע זאַך קוקט אויס צו זיין איבעריג, נאָכדעם ווי די ב"ג וב"ר האָבן שוין פריהער פאַרזיכערט אַזוי צו טהאָן, אויסערדעם, ווערט אין די רייד פון משה'ן גאַנ־צע פינף מאָהל אונטערשטראָכען לפני ה'...

זעהט עס טאַקע דעריבער אויס, אַז אָט דערין, אין דעם "לפני ה'", ליגט דער גאַנצער שווער פּונקט, און אַז דער פּונקט איז דער "חדוש", וואָס משה האָט מחדש געווען אין זיין ווידערהאַלטע פאָדערונג.

פאַר משה'ן, זעהט אויס, איז נאָך ניט געווען גענוג די עצם פאַרזיכערונג מצד די "חלוצים" צו געהן קעמפפען און אַקופּירען דאָס לאַנד, משה האָט אויך געוואָלט קריגען די פאַרזיכערונג, אַז דער גאַנצער חלוצים-צוג פון דעם אלף ביז דעם תי"ו, פון דעם "ועבר לכם כל חלוץ" ביז דעם "ונכבשה הארץ" זאָל זיין — לפני ה'... אין גייסט פון געטליכ־קייט, אין גייסט פון דער אידישער טראַדיציע. משה וויל, אַז די "עליה" און די "התישבות", זאָלען זיין אין אַנקלאַנג מיט דעם גייסט פון דער אידישער תורה: א"י זאָל ניט זיין בלויז אַ נאַציאָנאַלע לאַנד, אַ לאַנד ווי אַלע לענדער, נאָר זאָל זיין אַ בעסערע אַלנד פון אַלע לענדער, אַקוראַט ווי דער עם ישראל דאַרף ניט זיין אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, נאָר בעסער פון אַלע ניט "ככל הגוים בית ישראל", נאָר אַ "בחרתנו מכל העמים"...

משה וויל, אַז אידען זאָלען זיין ניט בלויז נאַציאָ־נאַלע ציוניסטען, נאָר אויך טראַדיציאָנעלע ציוניסטען. אַ נאַ־ציאָנאַלער ציוניסט איז בלויז מקים דעם "והייתם נקים מישראל", אַ טראַדיציאָנעל - נאַציאָנאַל ציוניסט, איז אָבער מקים דעם גאַנצען פּסוק, והייתם נקים מה' ומישראל...

און דעריבער, אַז משה האָט געהערט אין דער ערש־טער תשובה פון די בני גד ובני ראובן, ווי זיי דריקען זיך אויס:

"ואנחנו נחלץ חושים לפני בני ישראל", און דערמאָה־נען בלויז די נאַציאָנאַלע זייט, די זייט פון בני ישראל, ווערענד די געטליכע זייט, דער לפני ה' ווערט אויסגעלאָזען, האָט דעריבער משה געפונען פאַר נויטיג זיך באַזונדערס דארויף אָבשטעלען, און מעהרערע מאָהל אונ־טערשטרייכען און באַטאָנען דעם דאָזיגען פּונקט פון — לפני ה'...

און ער זאָגט: "אם תעשון את הדבר הזה", מיינענ־דיג דעם עצם, געהן קיין א"י, און דאַן: "אם תחלצו לפני ה' למלחמה", באַטאָנענדיג די אָרט און וויי־זע פון'ם חלוצים-גאַנג, אַז עס זאָל אויך זיין געטליך, טראַ־דיציאָנעל, דאַן — "והייתם נקים מה' ומישראל" — "ואם לא תעשון כן", אויב איהר'ט אָבער אַזוי ניט טהאָן, ווען איהר'ט אפילו יאָ געהן, אָבער ניט אַזוי ווי איך ווינש: "הנה חטאתם לה'", וועט איהר האָבען דערפילט בלויז איין טהייל, דעם טהייל פון לפני בני ישראל, איהר וועט אָבער בלייבען זינדיג צו גאָט, דעם טהייל פון לפני ה', וועט איהר ניט האָבען מקים געווען.

אין אַנקלאַנג דערמיט, האָט דעריבער משה אויך גע־פונען פאַר נויטיג צו ענדערען די פּראָצעדורע, לויט ווי זי איז פריהער געווען איינגעליידעט אין דעם "סטייטמענט" פון די בני גד ובני ראובן. זיי, די ב"ג וב"ר האָבען געזאָגט: "גדרת צאן נבנה למקננו וערים לטפנו", פריהער האָבען זיי דער־מאָהנט די שאָף און נאָכהער די קינדער, מאַכענדיג אַזוי אָרום די עקאָנאָמישע זייט פאַר'ן עיקר און די קולטורעלע זייט פאַר'ן טפל. משה אָבער האָט געזאָגט: "בנו לכם ערים לטפכם וגדרת לצאנכם", פריהער די קינדער, די קולטורעלע זייט, און נאָכהער די שאָף, די עקאָנאָמישע, ווייל דאָרט וואו עס בויעט זיך אַן ארץ ישראל פון לפני ה', דאָרט קומט די גייסטיגע זייט פון לעבען צום ערשטען.

און ערשט איצט, נאָך משה'ס אולטימאַטיווע פאָדערונג, באַטאָנענדיג די געטליכע זייט, הערען מיר שוין דעם ריכטיגען ענטפער פון די ב"ג וב"ר מיט דער פולער הסכמה צו משה'ס פראָגראַמע, ווען די ב"ג וב"ר אונטערשטרייכען שוין איצט די געטליכע און טראַדיציאָנעלע זייט פונ'ם ישוב הארץ, און זאָגען:

"ועבדיך יעברו כל חלוץ צבא לפני ה' למלחמה כאשר אדוני דובר"...

אָט דער פונקט, וואָס משה האָט געשטעלט אַלס תנאי צו די ב"ג וב"ר, קען אויך, ווי געזאָגט, געשטעלט ווערען צו אונזערע היינטיגע חלוצים. מיר מעגען זיין זיכער מיט זייער ערנסטע אויפריכטיגקייט צום עצם געדאַנק פון בנין הארץ, און דארויף דארף מען זיי קיינע תנאים ניט אוועקשטעלען. מען דארף זיי אָבער סיסטעמאַטיש ערציהען צום געדאַנק פון בויען אַ תורה'דיגע ארץ ישראל. אין דעם הינזיכט, האָבען מיר דאָס רעכט צו צווייפלען, ווייל די מעהרסטע חלוצים קומען פון אַזעלכע גלות טעריטאָריעס, וואו דאָס טראַדיציאָנעלע אידענטום איז אַ היבש ביסעל פארשוועכט געוואָרען, און עס וואָלט ניט געווען אידיש געגנוג, אַז דער נייער לעבען אין ארץ ישראל זאָל זיין אַ קאָפּיע פון דעם אַלטען לעבען אין גלות...

— ועבדיך יעברו כל חלוץ צבא לפני ה'!

אָט דאָס איז די מאָטאָ פאַר דעם בוי פּלאַן אין אונזער ארץ ישראל הבנויה.

דברים

דברים

שבת חזון

דאַרפֿען, דאַרפֿען אַלע אידישע שבתים זיין פרעה־ליכע אפילו שבת חזון אויך. דערצעהלט מען טאַקע אויף דעם גרויסען רבי׳ן, ר׳ אהר׳עלע קאַרלינער אַז שבת חזון איז ביי איהם כלל ניט קענטיג געווען אַז דער שבת איז אַנדערש פֿון אַנדערע שבתים, ער פלעגט זינגען ביים טיש די שבת זמירות מיט די זעלבע התלהבות און חסיד׳ישע פרעהליכקייט ווי אין אַנאַנדער שבת. און ווען עס האָט איינמאָהל פֿאַרבלאָנדזשעט צו זיין שבת־טיש אַ געפֿראָרענער מתנגד אויף וועמעס פנים עס איז שוין געלעגען אויסגעלייגט די גאַנצע תשעה באב׳דיגע מעלאַנכאָליע און נאַטירליך האָט עס איהם שטאַרק געאַרט דעם רבינ׳ס שמחה און דער רבי האָט עס קענטיג באַמערקט, האָט ער נאָכהער אין זיין ״כל מקדש״ איהם געגעבען דעם ריכטיגען ענטפֿער ווען ער האָט בנוסח קאַרלין אויסגעזונגען דעם פערז: ״אוהבי ה׳ המחכים בבנין אריאל״ און דערביי אַ קנאַק געטהאָן מיט׳ן פינגער און צוגעלייגט דעם אידישען וואָרט ״פון דעסטוועגען״ און אויסגעזונגען — — ״פון דעסט־וועגען ביום השבת שישו ושמחו כמקבלי מתן נחליאל״ און דאָמיט ״געבראָכען דעם אייז״ פון דער פֿאַרפֿראָרענע ליט־ווישע נשמה...

יאָ, ס׳איז טאַקע ״מחכים בבנין אריאל״ און פיהלענ־דיג דעם שמערץ פון דעם ״חורבן אריאל״ וואָלט זיך טאַקע געדאַרפט קרעכצען, אָבער ״פון דעסטוועגען״ ביום השבת

שישו ושמחו... שבת איז שבת און מען טאָר קיין עצבות ניט האָבען.

נאָר צום קאַרלינער׳ס ״פון דעסטוועגען״ וואָלטען מיר זיך ערלויבט צולייגען נאָך אַ מין ״פון דעסטוועגען״ און דוקא ניט בנוסח קאַרלין. מיר וואָלטען נעמליך געזאָגט: כאָטש באמת דאַרף מען שבת חזון אויך פרעהליך זיין ״פון דעסטוועגען״ וואָלטען מיר שוין ווי עס איז מוחל געווען דעם איינעם שבת ווען די אַנדערע שבתים פון יאָהר וואָלט מען כאָטש געפיהלט ווי פרעהליך צו זיין. עס איז אָבער זעהר טראַגיש אַז דאָ אין אונזער אַמעריקאַנער מדינה קוקען ליידער אַלע שבתים פון יאָהר אויס ווי שבת חזון מיט זייער וואָכעדיגע וואָכעדיגקייט. מיר זעהען אין זיי דעם גייסטיגען חורבן פון דער אידישער נשמה און די פאַרשוועכונג פון די שבת׳דיגע הייליגקייט.

שבת איז אָבער בלויז אַן איליסטרירענדער שטריך אין דער טרויעריגער סיטואַציע. דער חורבן איז קענטיג אויף יעדען טריט און שריט פון אונזער לעבען. הויפּטזעכליך איז עס פיהלבאַר אויף׳ן געביט פון אונזערע קינדער׳ס ערציהונג וואו מיר זעהען דעם גרעסטען חורבן מיט דער שריפת נשמה אין דעם שוידערליכסטען פאָרם.

איז אפשר דערפאַר קיין חדוש ניט פאַר וואָס דאָ אין אמעריקא, די לאַנד פון סענסאציעס, איז אויך סענסאציאָניזירט געוואָרען דאָס אידישקייט, און יעדער מינדעסטע געשעהניש אינ׳ם גייסטיגען לעבען רופט אַרויס אַ גוואַלדיגע באַגייסטערונג און עס ווערט צו פּויקט אויף טיש און ביינק.

אַזוי איז עס, למשל, דער פאַל מיט די בר מצוה פייערונג וועלכע ווערט אַזוי צערמאָניאַל דורכגעפיהרט און מיט אַזוי פיעל פּאָמפּ וואָס מיר האָבען אַזעלכעס ניט געזעהן אין די אירופּעאישע לענדער און ניט אין א״י. אַזוי איז עס

אויך דער פאַל מיט דער גרינדונג פון אַ תלמוד תורה וואָס ווערט געיובעלט און געשאַלט בתופים ובמחולות און עס שאַפט דעם איינדרוק ווי דאָ וואָלט עפּעס געגרינדעט געוואָרען אַ מין צווייטע "יבנה" אָדער "פּומבדיתא", אָדער כאָטש אַ "וואָלאָזין" און "טעלז" ווערהענד אין דער אַלטער היים וואָלט אַזאַ ערציהונגס אַנשטאַלט אפילו קיין אויפמערקזאַמ-קייט ניט צו געצויגען ווי יעדער "חדר דרדקי" פון דיעזען סאָרט. זאָגאַר דער נאָמען איז סענסאַציאָנעל, יעדער "חדר'ל" רופט זיך "ישיבה" און יעדער מלמד'ל — ראש ישיבה . . .

אָבער דאָס איז טאַקע דערפאַר וואָס דער גאַנצער אידישער לעבען אַרום איז אַזוי וואַכעדיג און קוים זעהט זיך אין דעם דאַזיגען לעבען אַ שטראַהל פון קדושה, מעג עס אפילו זיין פון דעם קלענסטען מינימאַלסטען סאָרט, איז עס ווי יענער אַאַזיס אין דעם וויסטען מדבר פאַר דעם מיעדען היץ - פאַרשוויצטען וואַנדערער אָדער ווי דער שווים - ברעט אין דעם שטורמדיגען ים פאַר דעם טרינקענדען. יעדער יצירה פון דיעזען סאָרט איז ווי דער "שבת נחמו" אין די טרויעריגע טעג וועלכער פרישט אָפּ די פאַרטרויערטע מעלאַנכאָלישע גע-מיטער און שאַפט אַטאַמאַטיש אַ געהויבענע פרעהליכע שטימונג.

די צערמאָניאַלע סענסאַציאָנעלע פייערונגען פון דיעזען סאָרט זיינען ניט, ווי אַנדערע מיינען, אַ געקינסטעלטע אימיטירטע ערשיינונג זאָנדערען אַ נאַטירליכע און אָרגינע-לע. און דערפאַר דאַרף מען ניט קוקען דאַרויף פון אויבען אַראָפּ, מ'דאַרף עס ניט מבטל זיין כלאחר-יד. אין געגענטהייל, עס דאַרף אַרוים רופען אַ געוויסע מאָס פון רעספּעקט, פון הויכשאַצונג. דער בטול און יאוש קען דאָ ווייניג וואָס העלפען, עס קען נאָך פיעל מעהר פאַרערגערען די לאַגע. וואו ס'איז דאָ יאוש דאָרט קומט פאַרנאַכלאַסונג; יאוש רויבט אַוועק די ענערגיע און וואו עס פעלט ענערגיע דאָרט קומט אַ פאַר-

גליווערטע פאסיוויטעט און דער רעזולטאט איז געווים א טרויעריגער.

איז טאקע דער גייסטיגער לעבען ניט ווי עס האט געדארפט זיין, עס איז טאקע היבש טרויעריג נאר "פון דעסט־וועגען" (ווידער דער קארלינער פון דעסטוועגען...) טאר מען ניט פארצווייפלען.

די סענסאציעס און די איבערטריבענדע מאס פון שאלען און יובלען זיינען אין דעם פאל דער "טל של תחיה" אין די "עצמות היבשות"; עס גיט מוט און שטארקט די הענט פון די עסקנים, זאל עס זיין צוליעב כבוד אדער וועלכע עס איז פניות. די טהוערס און עסקנים הויבען אליין אן צוגלויבען אין די נוצען פון זייער ארבייט, זיי הויבען אן צו גלויבען אין דער חשיבות פון זייער יצירה, און קוים גלויבען זיי, למשל, אז זיי האבען טאקע געשאפען א "ישיבה", באמיהען זיי זיך טאקע אויך די דאזיגע ישיבה ביסלעכווייז צו ברענגען צו אזא מדרגה אז איהר נאמען זאל זיך וועניגער אדער מעהר צו־פאסען צו איהר אינהאלט. אין דעם פאל פאסט זיך זעהר ארויין דער בעקאנטער "מתוך שלא לשמה בא לשמה", אין אנהויב איז עס טאקע "שלא לשמה" זי פאסט זיך ניט צו צו איהר נ א מ ע ן, מיט דער צייט אבער קומט עס צום "לשמה" און פארדינט יא דעם נאמען, אמווייניגסטענס ביז א געוויסער מאס.

דאס דערמאהנט מיר א בעקאנטע אנעקדאטע וואס מען דערצעהלט אויף א געוויסען גרויסען גאון צו ועמען מען פלעגט זיך ווענדען מיט רבנ'ישע "שאלות ותשובות" און נא־טירליך פלעגט מען איהם שרייבען חשוב'ע טיטולען ווי ער האט זיך פארדינט. פלעגט דער דאזיגער גאון האבען א טבע אז לייענענדיג די בריעף פלעגט ער זיי אנפאנגען פון סאמע אנהויב און האט הויך אויפ'ן קול אויך געלייענט דעם גרויסען

טיטול וואָס מ׳שרייבט אויף איהם. זיין קליינעם זוהנ׳עלע וועלכער האָט זיך שוין אויך געשניטען אויף אַ צוקונפטיגען גאון, איז די זאַך קשה געווען. היתכן? דער טאַטע, אַזאַ גרויסער מענש זאָל זיך מאַכען אַזוי קליין און דורכלעזען די שבחים וואָס מ׳שרייבט אויף איהם? דאָס שמעקט דאָך עפּעס ניט מיט צדקות און איז דאָך ניט אין פולער האַרמאָניע מיט די מדה פון ענוה? האָט ער טאַקע אויף אַ באַשיידענעם אופן דעם פאָטער געשטעלט די פראַגע, און דער פאָטער האָט איהם דאַרויף געענטפערט אַז דאָס טהוט ער דערפאַר אום צו זעהן ווי די וועלט דענקט פון איהם, וועט ער זיך טרייען צו פּאַסען און גרייכען צו אַזאַ מדרגה כדי די וועלט זאָל ניט בלייבען קיין ליגנער...

די זעלבע רבנ׳ישע פּסיכאָלאָגיע קען אויך דיענען אַלס גרונט פון פאַרטיידיגונג אויף די קלינגענדיגע גרויסע נעמען און טיטולען מיט וועלכע מען באַצירט אונזערע עלע־מענטארישע ערציהונגס אַנשטאַלטען אין דיעזען לאַנד, און אויף די גרויסע דעמאָנסטראַציעס מיט וועלכע מען דעמאָנ־סטרירט אַ בר־מצוה שמחה אַקוראַט ווי אונזער העלד: דער ״חתן דנן״ וואָלט ווירקליך געווען עפּעס אַ ״מר בר רב אשי...

יאָ, אַזוי דאַרף עס אָבער זיין. מ׳דאַרף די ראַם מעהר אויס־ברייטערען, מ׳דאַרף דעם קינד אָנמעסטען אַ גרויסע שטריימעל אום מיט דער צייט זאָל די קאָפּ אויסוואַקסען נאָך איהר מאָס...

אין די געשיכטע פון חורבן בית שני ווערט אין דער גמרא דערצעהלט אַ מעשה מיט ר׳ יהושע בן חנניא אַז ער איז איינמאָהל פאַרבייגעגאַנגען דעם פריזאָן הויז און זיין אויג איז געפאַלען אויף אַ קליינינקען אידישען אַרעסטאַנט, אַ קינד פון שעהנעם אויסזעהן מיט קלוגע אויגעלאַך. דער תנא האָט זיך אָבגעשטעלט לעבען קינד און איהם געפרעגט מיט׳ן ביב־לישען נוסח: ״מי נתן למשסה יעקב וישראל לבוזזים?״ ווער האָט געגעבען יעקב׳ן צום רויב און ישראל׳ן צו די פּליג־דערערס? דאַרויף האָט איהם דער קינד געענטפערט אויך

מיט'ן ביבלישען נוסח די צווייטע העלפט פון דעם זעלבען פסוק, געמליך, "הלא ה' זו חטאנו לו". דאס האט דאך גאט געטהאן דערפאר וואס מיר האבען געגען איהם געזינדיגט. דער תנא איז אזוי באגייסטערט געווארען פון דעם קינד'ס ענטפער אז ער האט דארויף באמערקט: "מובטחני שיהיה מורה הוראות בישראל", איך בין זיכער אז דאס קינד וועט ווערען א "מורה-הוראה" ביי אידען. און אלע וואונדערען זיך אויף דעם תנא'ס באגייסטערונג און אויף די שליסע וואס ער האט געצויגען פון דעם קינד'ס "בקיאות" וואס איז אייגענט-ליך באשטאנען בלויז אין א פסוק פון תנ"ך, זאל מען דערפון שוין ווערען איבערצייגט אז דאס קינד וועט שוין ווערען א רב? פון די בקיאות אין א פסוק תנ"ך ביז צו קענען זיין א רב איז דאך נאך א היבשער מהלך?

זעהען מיר אבער אין דעם תנא'ס באמערקונג, אמ-וויניגסטענס פון דער סימבאלישער זייט, א פסיכאלאגישען שטריך אין דער פעדאגאגישער לעהרע. דעם תנא'ס רייד דאר-פען דיענען אלס פראטעסט געגען די טויזענטער אידישע על-טערען אין אונזער מדינה וועלכע צוקוקענדיג דעם גייסטיגען חורבן אויף דעם ערציהונגס געביט פאלען זיי גלייך אריין אין יאוש, בלייבען אבהענדיג, פאסיוו, און גיבען אויף די האפנונג אז פון זייערע קינדער זאל עפעס קענען ערווארטעט ווערען. עס איז געווארען א באנאלישער שפרוכווארט ביי די עלטערען פון דעם מין ווען איהר קומט מיט זיי ארגומענטירען און מאכט זיי פארווירפע פאר וואס זיי זיינען אזוי גלייכגילטיג צו זייערע קינדער'ס אידישע ערציהונג, ענטפערען זיי אייך כמעט אלע מיט דעם זעלבען נוסח: "און וואס וועט שוין ארויסקומען אז מיר וועלען זיי יא שיקען אין דער אמעריקאנער "היברו סקול", וואס קען אונז דער דאזיגער פארקריפעלטער חנוך, וואס בא-שטעהט פון אביסעל עברי מיט א פסוק חומש און נביאים, געבען? קיין רבנים וועלען זיי שוין סיי ווי סיי ניט ווערען".

עס איז ניט נויטיג צו רעאגירען אויף דער איגנאָ־ראַנטישער זייט פון דעם דאָזיגען ענטפער, אַקוראַד ווי דער גאַנצער אידישער חנוך באַשטעהט נאָר צו מאַכען פון אונ־זערע קינדער רבנים, און אויב קיין רבנים וועלען זיי שוין סיי ווי סיי ניט זיין דאַרפען זיי שוין קיין אידען אויך ניט זיין... אונזערע חכמים האָבען נאַטירליך געהאַט אַן אַנדער השקפה אויפ'ן חנוך ווען זיי האָבען געזאָגט: "אלף נכנסים לבית המדרש ואחד יוצא להוראה", טויזענט תלמידים געהען אריין אין בית המדרש און בלויז איינער פון זיי ווערט אַ רב... אָבער מיט דעם גאַנצען אמת פון אַזאַ אַרגומענט איז עס נאָך אַליין ניט גענוג אויף צוגעבען אַ צופרידענשטעלענדען ענטפער צו דעם טיפ עלטערען ביי וועמען אידישקייט מיט רבנות איז איינע און די זעלבע זאַך. פאַר זיי דאַרף מען געבען אַן ענט־פער לויט זייערע אייגענע השקפות, און אַזאַ ענטפער האָט געגעבען ר' יהושע בן חנניא. דער תנא שטעהט לעבען אַ פריזאָן הויז אין דער תקופה פון חורבן און געפינט דאָרט אַ שעהנעם אידישען אינגאַלע. און ניט ווייניג אין צאָהל זיינען זיי, אָט די אידישע שעהנע אינגאַלאַך, אין דער תקופה פון אונזער גייסטיגען חורבן, וואָס זיינען געפאַנגען געוואָרען צווישען די גוים און אַריינגעזעצט אין די גייסטיגע פריזאָנס אין געשטאַלט פון די גוי'אישע סקולס... דער גרויסער תנא, רעכענענדיג זיך מיט די חורבן אומשטענדען, ווערט גע־ריהרט פון באַגייסטערונג ווען ער געפינט אַזאַ מציאה אַז אַ געפאַנגענעם קינד צווישען גוים ווייסט נאָך אַ אידישען פסוק, און אין געגענזאַץ צו דעם דערמאָהנטען באַנאַלישען פזמון מצד די עלטערען רופט ר' יהושע בן חנניא אוים: כ'בין זי־כער אַז ער וועט יאָ ווערען אַ רב! ניט ווי איהר זאָגט: ער וועט שוין קיין רב סיי ווי ניט ווערען. זאָל עס זיין איין פסוק, איין קאַפּיטעל, איין משנה, אויב איהר וועט נאָר דעם מוט ניט פאַרלירען וועט מיט דער צייט די ישיבה קטנה ווערען אַ ישיבה גדולה און פון ישיבה גדולה וועלען אַרויס רבנים.

דער עיקר איז אויסצושרייען אַז אונזערע קינדער ווערען רבנים, און שרייען הויך. ווי יענער רב האָט זיינע טיטולען געלייענט . . . דאָס איבעריגע וועט שוין אַליין קומען . .

עס איז טאַקע שבת ח ז ו ן, "פון דעסטוועגען" — ביום השבת שישו ושמחו...

"פון דעסטוועגען" ! ...

ואתחנן

שבת נחמו

נחמו נחמו עמי !

נחמו נחמו עמי !

איך גלויב קוים אויב עס קען נאָך זיין אַ מעהר שעהנערער און מעהר צויבערנדער פערז וואָס זאָל דערקוויקען די אידישע גלות נשמה ווי דיעזער נביא׳שער רוף צום פאָלק:

נחמו נחמו עמי ! ...

אַזוי אַלט ווי דער גלות אַליין אַזוי אַלט איז די נחמה פון שבת נחמו, אָבער טראָץ איהר אַלטקייט איז נאָך קיין שימעל אויף איהר ניט געפאַלען, זי איז נאָך אימער פריש און ניי. קענטיג אַז אַ נחמה פון אַ פאָלק איז ווי דאָס פאָלק אַליין... און נאָר אַ דאַנק אַט די שבת נחמו׳ס האָבען מיר געקענט אויסהאַלטען אונזער דויערהאַפטיגען גלות לעבען און ניט אַריינפאַלען אין יאוש.

וואָס קימערט אונז דער שבת חזון אַז דער שבת נחמו איז אַזוי נאָהנט... און אַ פאָלק וואָס האָט געקענט אַריינוועבען אין זיינע אני מאמין׳ס אַן אמונה פון "אחכה לו בכל יום שיבוא", אַזאַ פאָלק קוקט אימער מיט נחמו-ברילען אין זיין צוקונפט. ביי אַזאַ פאָלק זיינען די שווארצסטע טעג וויים און פון די פאַרוואָלקענטסטע הימלען שיינט אַרויס די ליכטיגע זון... און נאָר אַזאַ פאָלק האָט געקענט שאַפען אַזאַ פאָעטישע לאָזונג ווי: "בתשעה באב נולד משיח"...

און אין אמת גערעדט איז דאך דאס טאקע דער ריכטיגער באגריף פון נחמה. בשעת עס איז גוט אויפ'ן האר־צען, בשעת מען איז שוין אן אויפגעריכטער, דעמאלט נויטיגט מען זיך ניט אין קיין טרייסט ווערטער. משיח'ס "מנינות" וואלט אונז א קנאפער אונטערשיעד געווען ווען עס קומט אויס, אויב משיח וואלט נאר שוין מיט אונז געווען. ביי אידען פארנעהמט בכלל ניט קיין גרויסען פלאץ דער געבורטס־טאג פון אונזערע גדולים, מיר פראווען גיכער "יאהרצייטען" ווי "מנינות'ן". איז עס אבער נאר א מנינות פון דעם "עבר". ווען ער איז געבוירען געווארען איז אונז א קנאפער אונטער־שיד, א מנינות פוג'ם "עתיד" אבער, ווען ער דארף געבוי־רען ווערען, דאס איז שוין פאר אונז יא וויכטיג. די וויכטיגקייט באשטעהט ערשטענס אינ'ם פאקט אליין אז ער דארף געבוירען ווערען, אז ער וועט געבוירען ווערען, און צווייטענס אין דעם דאטום... דער דאטום איז ביי אונז זעהר וויכטיג; ווייל אויב דער משיח געבורט וואלט געווען אבהענגינג נאר אין אזעלכע דאטום'ס פון שמחת תורה טעג, דעמאלט ווען די שטימונג איז א געהויבענע, וואלט דאן די דאזיגע אמונה גע־האנגען אויף שפין וועבאכץ, ווייל וויפיעל שמחת תורה שטימונגען האבען מיר, מישטיינס געזאגט, אין אונזער גלות לעבען ?... אויב אבער די אמונה דיקטירט אונז אז משיח קען געבוירען ווערען אפילו תשעה באב ווערט שוין במילא דער תשעה באב אליין ביי אונז אויך שמחת תורה'דיג און דאן פיהלען מיר אז פון "חזון" ביז "נחמו" איז בלויז גע־צעהלטע טעג...

עס דארף אמת צוגעגעבען ווערען אז דאס איז ניט פון די גאר לייכטע זאכען צו פיהלען שמחת תורה'דיג אין א טאג פון תשעה באב, מען דארף דערצו באזיצען אן אויסער־געוועהנליכען כח זיך צו קענען שטארקען און איבערוועלטי־גען די נאטור צושטענדע פון דעם טרויעריגען הוה. צו טראכ־

טען פון אַ גלאַרייכער צוקונפט אין מאָמענטען פון אַ מעלאַנכאָלישער געגענוואַרט איז אַ גאָר שווערע אויפגאַבע. אַ הויכער שווערער באַרג טהיילט אָפּ צווישען דיביידע, דער עבר מיט'ן עתיד, און דאָס קלעטערען אויף אַזאַ באַרג פאָדערט אַ ריעזיגען כח... האָט עס טאַקע דער נחמו-נביא דערפיהלט ווען ער האָט אין זיין נחמו קאַפּיטעל אויסגערופען:

על הר גבוה עלי לך

מבשרת ציון,

הרימי בכח קולך

מבשרת ירושלים!

יאָ, עס איז ווירקליך אַ "הר גבוה" אַרויפצוקלעטערען פאַר די ציון בשורה, מ'דאַרף געווים האָבען שטאַרקען "כח" פאַר דעם "מבשרת ירושלים", אָבער שרייט אוים דער נביא:

הרימי אל תיראי

אמרי לערי יהודה הנה אלקיכם!

פירכט ניט, שרעקט זיך ניט, זאָג דיין נבואה-מעסעדזש צו די שטעדט ירושלים: אָט איז אייער גאָט!

אָט דערין ליגט אייער געטליכער אמונה-כח צו קלעטערען אויף בערג און שרייען: "הנה אלקיכם", צו בלאָנדזשען אין די מדבריות און שרייען: "פנו דרך ה', ישרו בערבה מסלה לאלקינו"...

אונזער גאַנצע אידישקייט איז אַרומגערינגעלט מיט בערג. קומט עס צו תורה איז אַ באַרג סיני, איז עס עבודה איז אַ הר המוריה, דאַרף מען קעמפפען מיט נביאי-הבעל איז אַ הר הכרמל. איבעראַל און אומעטום איז רק באַרג, באַרג און באַרג. איז טאַקע שווער דאָס קלעטערען, דערפאַר אָבער

אז מען דערקלעטערט שוין צום סאמע הויך, שטעהט מען שוין אין דער הויך און מ׳קען שוין קוקען פון אויבען אראפ...

* * *

אך! די בערג!

ווי שעהן און רייצענד זיינען זיי אט די ארץ ישראל בערג, וויפיעל מיסטיק און ראמאנטיק זיינען אין זיי איינגע-הילט. און קומט מען שוין צו צו איינעם פון זיי, גלוסט זיך שוין נית אזוי לייכט פון איהם אוועק.

איך האב נאר וואס דערמאהנט דעם "הר-הכרמל" און איך פיהל אז איך וואלט נית געוועז עהרליך גענוג ווען איך זאל זיך נית טהיילען מיט מיינע חשוב׳ע לעזער מיט די איינ-דריקע וואס מיין באזוך אויף דעם היסטארישען אליהו-בארג האט געמאכט אויף מיר מיט עטליכע יאהר צוריק, טאקע אין דער זעלבער וואך פון שבת נחמו.

מיר האבען שוין אויף אנאנדער פלאץ אין דיעזען ספר דערמאהנט דעם פאקט אז ארץ ישראל פארמאגט ספע-ציפישע ימים טובים, אזעלכע פון וועלכע דער גלות האט לחלוטין קיין אהנונג נית. אט די דאזיגע ימים טובים זיינען אויף אן אינסטינקטיווען אופן געשאפען געווארען און זיינען אממעהרסטענס פארבונדען ענטוועדער מיט היסטארישע פא-סירונגען אין דער פערגאנגענהייט אדער מיט סימבאלישע צייכענס פאר דער צוקונפט.

צו דעם מין בעלאנגט אויך דער "חג אליהו הנביא" אין חיפה אויפ׳ן כרמל וועלכער ווערט געפייערט דעם ערשטען זונטאג נאך שבת נחמו.

אונגעפעהר 20-25 מעטער די הויך אויפ׳ן כרמל גע-פינט זיך א גרויסע הייל וואס רופט זיך "מערת אליהו" און לויט די מסורה איז דארט געוועזן דער פלאץ וואו אליהו הנביא

האט אָנגעפיהרט דעם קאַמפף מיט די נביאי הבעל. די מערה איז אונגעהייער גרויס און אַ פיעל טויזענט יאָהריגע אַלטקייט ליגט אויף איהר. לעגענדעס טראָגען זיך אַרום אין פאַרבינדונג מיט דיעזער מערה און פיעלע גלויבען אַז די מערה האָט אַ באַזונדער סגולה צו פאַרטרייבען רוחות רעות און אויסקו־רירען משוגעים. אפשר שטאַמט עס דערפון וואָס דאָרטען זיינען די בעל-משוגעים אויסקורירט געוואָרען פון זייער ווילדע בעל-קראַנקייט און אָנגעהויבען ווערען נאָרמאַל ווען זיי האָבען געשריען: "ה׳ הוא האלקים".

אַזוי צו אַזוי, די מערה איז געוואָרען אַ מין קור־אָרט פאַר גייסטיגע קראַנקע און נאָך היינט צו־טאָג פאָהרט מען אַהין פון אַלע טיילען לאַנד מיט משוגעים וועלכע ווערען איינגעשלאָסען אין דער "מערת אליהו" פאַר גאַנצע דריי מעת לעת און לויט די באַהויפּטונגען ווערען טאַקע דאָרט אַ סך אויסקורירט.

מעהר ווי אַ גאַנץ יאָהר אָבער ציהט די מערת אליהו צו זיך צו מאַסען מענשען מארבע כנפות הארץ אין דיעזען "חג אליהו" וואָס קאָמבאַנירט זיך, ווי געזאָגט, מיט שבת נחמו, אפשר דערפאַר וואָס זיי האָבען אַ שייכות איינער מיט׳ן אַנדערען. ביידע סימבאָליזירען די אידישע גאולה, שבת נחמו אַלס די נאַציאָנאַלע נחמה נאָך די טרויעריגע דריי וואָכען און אליהו אַלס דער מבשר הגאולה בעפאַר ביאת המשיח.

נאָך פון פרייטאָג, ערב שבת נחמו, הויבט זיך שוין אָן צו פיהלען דער יו״ט. גאַנצע שיירות מיט פאַמיליעס, אנשים, נשים וטף קומען אָן פון די וועיטערע מקומות, פון גליל העליון און זאָגאַר פון דמשק זיך צו באַטייליגען אין דעם חג אליהו, דער עיקר תנועה פאַנגט זיך אָבער ערשט אָן שבת אָבענד ווען עס פאָהרען זיך אָן אין די הונדערטער פון גליל התחתון און שומרון. אַלע האָטעלען און גאַסט הייזער ווערען

איבערפּאַקט מיט געסט, די מעהרסטע פון וועלכע זיינען די תימנ'ער און ספרד'ישע אידען און עס שאַפט דעם איינדרוק פון אַ מין עולי רגלים באַוועגונג אין אַ קלענערען פאַרמאַט.

מען נעכטיגט איבער די נאַכט און מיט טאָג אויס־בראַך זיינען שוין אַלע אויף די פיס און עס רעש'ט און טו־מעלט זיך היבש; אַלע געקליידעט אין בגדי יו"ט, אויסגע־פוצט אין האָניג און עסיג און — מאַרש!

בנערינו ובזקננו נלך, אַ וואהרער יציאת - מצרים נוסער צוויי; בעט געוואַנט, געשיר, פליישיגע און מילכיגע, געקוילעטע טשיקענס, געבראַטענע לעבערלאַך, פעסלאַך כרמל וויין, פאַרשידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטען און, להבדיל, טלית ותפילין, סידורים מיט תהילים'ס — אַט דאָס אַלעס ווערט איינגעפּאַקט אין שווערע געפּעק אַלס צידה לדרך אויפ'ן הר הכרמל צו דער מערת אליהו. עזלען, גמלים, פערד, פרידות, קערידזשעס און אַפילו "דאדזשעס" און "פאַרד'ס" זיינען דעם טאָג "ביזי" שלעפּענדיג די געקוילעטע הינער מיט די לעבעדיגע ספרדים און ספרדי'כעס און די שאר ירקות צו די מערת פון אליהו. טאָמער גלוסט זיך אייך יענעם זונטאָג מאַכען אַ שפּאַ־ציר אין "נוה שאנן", "בת גלים", צום טעכניקום אָדער אַנ־דערשוואו, מוזט איהר במחילה זיך שלעפען צו פוס; קיין עזעל, קיין גמל, קיין פערד, קיין קערידזש, קיין "דאָטש" און קיין "פאָרד", באַקומט איהר ניט פאַר כל הון דעלמא, ווי אין דיעזען טאָג וואָלט פאַרצאַמט און אָבגעשלאָסען געוואָרען אַלע וועגען אויסער דער וואָס פיהרט צו דער מערת אליהו...

כ'האָב זיך קוים איינגעבעטען ביי אַ ספרד'ישע משפחה מיך מיטנעהמען אויף זייער פוהר און אַזוי אַרום בין איך אויך געפאָהרען צום חג אליהו.

דער וועג דויערט כמעט אַ שטונדע אָבער עס פיהלט זיך ניט לאַנגווייליג. אין געגענטהייל עס פאַרדריסט זיך וואָס

די מינוטען פליהען אזוי שנעל אריבער, עס וואלט זיך וועלען פאהרען און פאהרען אהן אן אויפהער, ווייל דאס פאהרען אן און פאר זיך איז זעהר אינטערעסאנט. פון איין זייט דער בלוי שעהנער ים התיכון מיט זיינע זילבער קוים ריהרענדע כוואליאלאך, פון דער אנדער זייט דער פראכטפאלער שטאלצער כרמל און צווישען זיי די שעהן בליהענדע שפאגעל נייע אויסגעשפראצטע אידישע קווארטאלען וועמען די נאטור האט אויך באזארגט מיט די נויטיגע פוץ מאטעריאלען, די "פארפיומען" פון ים התיכון און די "פוידער" פון כרמל... דערצו די שעהנע גארטען בוימער וואס רינגלען ארום די דאזיגע "בנות הכרמל" מיט זייערע שמעקענדע בלומען-בוקעטען ווי וועלענדיג זיך צו חנפ'נען צו די כרמל שכונות און זיי צו ווארפען א דונפטיגען קאמפלעמענט...

מיט דעם אלעמען באגעגענט זיך אייער בליק וועהרענד אייער רייזע צום חג אליהו.

ס'איז א לעבעדיגער ראמאן וואס די נאטור שטעלט פאר אייך פאר, א מין קאפיע פון אונזער "שיר השירים" אין וועלכען דער "כרמל" מיט'ן "ים" טרעטען אויף אלס די הויפט העלדען און די שעהנע "שולמית", די צוקונפטיגע חיפה, אלס די פרימאדאנא...

די גראציעזע מוזיק טענער מיט זייערע העכט ארטיעגטאלישע מעלאדיען וועלכע רייסען זיך ארוים פון די הארפען, פידלען, פלייטען און אנדערע מוזיקאלישע אינסטרומענטען פון די רייזענדער, זיינען משלים די הארמאניע און עס קלינגט אין זיי דער טאן פון א ליעבעס ערקלערונג צו דער בת ציון וועלכער דריקט זיך אויס אין די געזונגענע שיר השירים פערזען:

ראשך עליך ככרמל...

אני לדודי ודודי לי...

די פלוצלינגע פויזע און באַוועגונגסלאָזיגקייט פון מיין פאַמיליע פוהר האָט מיר איבערגעריסען מיינע געדאַנקען און מיר אָנגעזאָגט אַז מיר זיינען שוין אם פּלאַץ — ביי דער מערת אליהו.

כ׳האָב אויסגעשטיגען פון וואָגען און נאָכפאָלגענדיג די טריט פון מיין ספרד׳ישע פאַמיליע האָב איך אַרויפגעקלעטערט די 25 מעטער אויף׳ן כרמל און זיך געפונען הארט ביי דער פתח המערה.

דער האַלז שטיקענדער וואָלקען רויך פון די הונדערטער ליכט וואָס ברענען אין דער טיעפער פאַרשטיקטער מערה, האָט כמעט ווי אוממעגליך געמאַכט אריינצוגעהן אינעווייניג. די שטימונגס-מאָמענטען האָבען מיר אָבער דאָך אריינגעבראַכט אין דער מערה, וואו איך בין אויגענבליקלאָך אריינגעפאַלען אין אַ מאָדנעם עקסטאַז. דער געדאַנק אַז איך געפין זיך אין מערת אליהו האָט אין מיר דערוועקט געפיהלען פון בענקשאַפט, פון געגועי נפש; טרעהרען האָבען האסטיג געפלוסט און עס האָט זיך ווי פון זיך זעלבסט, אינסטינקטיוו, אָנגעהויבען זינגען די אליהו׳ס מיט׳ן "הייליגען נגון" פון ר׳ אהר׳עלע קאַרלינער:

אליהו הנביא, אליהו התשבי
אליהו הגלעדי,
במהרה יבוא אלינו
עם משיח בן דוד...

אַרויסגעהענדיג צוריק פון דער מערה האָב איך ערשט באַטראַכט וואָס אין דרויסען טהוט זיך, כ׳האָב פאַר מיר געזעהן דאָס וואָס מ׳רופט דאָ אין אמעריקאַ אַ פּיק-ניק... אָבער דאָך ווי פאַרשידען יענער ארץ ישראל פּיק-ניק פון דיעזען יענקישען. דאָ איז עס אַ תשעה-באב-בית׳הקברות פּיקניק, דאָרט אָבער אַ נחמו׳דיגער אליהו הנביא פּיק-ניק...

דאָ און דאָרט אויף די כרמל ערד זיצען זיך אויס-געזעצט גאַנצע פאַמיליען גרופען, די גרייז גראָהע זקנים בראש און אַרום זיי די קינדער, אייניקלאַך און אור אייניקלאַך, אַלע מיט שטראַהלענדע געזיכטער; די זקנים מיט די תהלים׳ס און דאָס יונגוואַרג מיט די נאַציאָנאַלע פאָלקס ליעדער, מען זאָגט און מען זינגט און בײַדע דריקען אויס איין מין השתפכות הנפש וואָס גיסט זיך אַרויס פון דעם אונערשעפטען קוואַל פון תקוה ובטחון אויף דעם "איש פקיד על כל בשורות טובות — איש ציר נאמן להשיב לב בנים על אבות"...

איך געה צו נעהנטער צו איינעם פון די שעהנע זקנים, כאַפּ מיט איהם אַ שמועס און וויל בײַ איהם דערגעהן דעם סוד פון דיעזען חג אליהו, אָבער ער ווייסט מיר וועגען דעם צו ערקלעהרען פונקט וויפיעל דער לעזער פון די דאָזיגע שורות און אפשר נאָך ווייניגער... אַלץ וואָס ער ווייסט איז אַז דאָס איז אַזאַ יו"ט וואָס מ׳דאַרף אין איהם עולה רגל זיין צו אליהו׳ס מערה צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפחה. מעהר ווייסט ער ניט, איבריגענס דאַרף ער מעהר ניט וויסען, עס קימערט איהם ניט, ער לעבט זיך מיט זיין אמונה און פאָלגט אויס זיינע טראַדיציאָנעלע מנהגים, צו ווייסט ער יאָ זייער באַדייטונג צו ניט, למעשה איז איהם אַ קנאַפּער חילוק.

און לאָמיר אייך פאַרטרויען אַ סוד אַז נאָכדעם ווי כ׳האָב אליין בייגעוואוינט און מיטגעמאַכט דיעזען חג איז שוין בײַ מיר אליין אויך רעכט געוואָרען אַז ס׳איז כלל ניט נויטיג צו פאַרשטעהן און וויסען... נאָכוואָס זיך גריבלען אין די סודות פון דער פאַרגאַנגענהייט אַז די געגענוואַרט אליין איז מלא סוד... און נאָכוואָס זוכען טעמים אַז די טעם׳לאָזיגקייט אליין איז מלא טעם...

דער "חג אליהו" איז אַ לעבעדיגער פירוש אויף "שבת נחמו"...

נחמו נחמו עמי!

עקב

כי תאמר ולא תאמר

כי תאמר בלבבך רבים הגוים האלה ממני איכה אוכל להורישם, לא תירא מהם. (ז — יז)

דער היינטיגער שבת וועלכער געהער צו די "שבעה דנחמתא", גיט אונז די טרייסט ווערטער אין זיינעביידע טעקסט-טהיילען, דער טהייל פון דער סדרה און דער טהייל פון דער הפטרה. ביידע גיבען אונז א באדייטענדע מאס פון נחמה און ביידע ענטהאלטען ניט בלויז געוועהנליכע טרייסט פראזען נאר זיינען אויך באזאלצט און באפעפערט מיט אן אינהאלטסרייכען פארם ווי אזוי די נחמה וועט קומען און מיט וואס פאר א בליק מיר זאלען די נחמה אויפפאסען.

אזוי צום ביישפיעל באגעגנען מיר אין היינטיגע סדרה צוויי שטעלען וועלכע קוקען אוים פון אויבענאויף אביסעל ווי א סתירה איינם צום צווייטען. דער ערשטער איז אונזער טעקסט פסוק מיט'ן "כי תאמר בלבבך" און דער צווייטער, אביסעל ווייטער מיט'ן "אל תאמר בלבבך", און דער "כי תאמר" מיט'ן "אל תאמר" דריקען אוים צוויי באזונדערע השקפות, צוויי באזונדערע אויפפאסונגען וועלכע זיינען, ווי געזאגט, א מין קאנטראסט איינער מיט'ן אנדערען. דער "כי תאמר" קומט ווארענען געגען א פעסעמיזם גייסט, געגען פייגלינגע וואס האלטען זיך אין איין שרעקען "איכה אוכל להורישם" ? מיר זיינען א מינאריטעט אין ארץ ישראל און זיי, די גוים, זיינען א מאיאריטעט, "רבים הגוים האלה", און

ווי איז עס אלזא מעגליך אז מיר זאלען מיט א נאטירליכען וועג זיי קענען באזיגען ?

הייסט עס אז מיר האבען דא צו טהאן מיט מענשען וועלכע וועלען ניט וואגען צושטעלען צו זייערע אייגע-נע כחות אדער צדקות וועלכען עס איז זיעג אין א"י. אין דער זעלבער צייט אבער קומט דער "אל תאמר" און ווארענט גע-גען די וועלכע וועלען דוקא יא וואגען צונעהמען דעם קרעדיט פאר זיך און וועלען יא זאגען "בצדקתי הביאני"...

משמעות אז מיר האבען דא צו טהאן מיט צוויי עקסטרעמע עלעמענטען, איינער, דער ערשטער, וועלכער ענט-ווערער ער זאגט דעם דערמאנטען "איכה אוכל" מיט אמת'ע אויפריכטיגקייט, ער גלויבט ווירקליך ניט אין דער מעגליכ-קייט, אדער, אין הארצען אפשר גלויבט ער יא נאר ער נוצט זיך אוים מיט דעם "איכה" אלס ענטשולדיגונג פאר זיין גלייכגילטיגקייט, פאר זיין פאסיוויטעט און פאר זיין וועלען בלייבען אין דעם מדבר-העמים. מ'דארף דאך האבען א תירוץ, אן "עקסקיוז" און דער "איכה אוכל" איז ווי געוואונשען פאר דעם...

די תורה אבער פארשטעלט דעם וועג, ניטא קיין ענטשולדיגונג, פאלשע מאטיוועו אט די פון דעם כי-תאמר-עלעמענט. שוין געוועו אזעלכע פעלע: "זכור תזכור את אשר עשה ה' אלקיך לפרעה ולכל מצרים — — — והיד החזקה והזרוע הנטויה" און דאס וואס איז געוועו. וועט זיין: "כן יעשה ה' אלקיך לכל העמים אשר אתה ירא מפניכם".

און — "וגם את הצרעה ישלח", ביי גאט איז פאראן גענוג שליחים און דעם רבונו של עולם דארפסטו ניט פאר-זארגען...

נאר קוים האלט עס נאך דערביי אז דער מיטעל פון "וגם את הצרעה" ווערט אנגעווענדעט אויף זיי, אויף דעם

"רבים הגוים האלה", איז נאָך אויך ניט אַזוי שלעכט, פיעל ערגער איז אַז דער מיטעל דאַרף אַנגעווענדעט ווערען אויף די "כי תאמר'ניקעס" אליין, אַז די "צרעה" דאַרף זיין דער שליח דורך וועמען און מיט וועמען צו געהן אין ארץ ישראל...

און זאָל עס ניט קלינגען פאַראַדאָקסאַל. אין אונזער לעבען מאַכען מיר ליידער דורך אַזעלכע עקספּערימענטען.

אין אַ רעפּאָראַט ביי אַ גרויסען "מזרחי" פאַרזאַמ־לונג וואָס איז לעצטענס אַבגעהאַלטען געוואָרען אין נויאָרק, האָט דער באַריהמטער מזרחי פיהרער הרב מאיר ברלין אַרויסגעבראַכט דעם דאָזיגען געדאַנק אויף אַ פּאַרטרעפליכען אופן און די ווערטער זיינען ווערט פאַרצייכענט ווערען.

ער האָט געזאָגט : ווען גאָט האָט געזאָגט : "הנה אנכי שולח מ ל א ך לפניך", האָט עס די אידען ניט אַזוי גוט געשמעקט. וואָס עפּעס מלאכים זאָלען אונז פיהרען קיין א"י : "אם אין פניך הולכים אל תעלנו מזה". גאָט אליין מוז אונז ברייננגען קיין א"י, מיט מלאכים געהען מיר ניט...

און אָט די זעלבע טענות האָבען מיר געהערט אין די לעצטע עטליכע יאָהר פון פיעלע, פיעלע עלעמענטען וועל־כע האָבען ווירקליך געהאָט די מעגליכקייט צו פאָהרען זיך באַזעצען אין א"י אונטער גאַנץ גינסטיגע באַדינגונגען, אָבער זיינען ניט צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג ווייל זי ענטשטעהט דאָך פון "מלאכים", אויב ניט "מלאכים ממש" איז עס סתם שליחים, זאָל עס זיין אין געשטאַלט פון פּאָליטישע שליחים, ציון פיהרער א. ד. ג. און דערפאַר האָבען זיי בעסער אויסגע־קליבען דעם "אל תעלנו מזה" ; זיינען בעסער געבליבען אין אמעריקא, די רייכע מדינה מיט איהרע "ריעל עסטייט בום'ס" און "וואָל סטריט ספּעקולאַציעס" וואו מ'קען "שאַרען גאָלד מיט לאָפּעטעס" איידער צו פאָלגען די שליחים און פאָהרען

אין א״י, די אָרעמע מדינה׳לע וואו די דאָזיגע בום׳ס און ספּע־קולאַציעס זיינען ניטאָ און אין בעסטען פאַל קען מען קוים ״מאַכען אַ לעבען״ דורך רעגעלמעסיגע געשעפטען אָדער אָרענדזש־פּרדסים...

האָט מען זיך געהאַלטען ביים ״אל תעלנו״ און די ״מלאכים״ אויפ׳ן שוועל ניט אַרויפגעלאָזען.

ענדליך האָבען מיר ליידער דערלעבט די צייט ווען אויב ניט מיט מלאכים געהט מען מיט דער ״צרעה״ קיין א״י. געקומען די צרעה, די גרוויזאַמע ״דעפּרעסיע״ וועלכע האָט געמאַכט אַ תל פון די ריעל עסטייט מיט די וואָל סטריטס און, אָט די ״צרעה״ איז שוין יאָ אימשטאַנד צו באַווייזען דאָס וואָס די ״מלאכים״ זיינען ניט אימשטאַנד געווען. מען פאַרלאָזט אמעריקא, די לאַנד פון קריזים, און מ׳לויפט קיין א״י די לאַנד פון ״פּראָספּעריטי״ אָבצוראַטעווען די עטליכע דאָלאַר ״שיריים״ וואָס איז נאָך געבליבען ביי די נעכטיגע ״אָלרייט־ניקעס״, ווויסענדיג אַז אין די שטילע באַשיידענע א״י וועט עס זיין מעהר געזיכערט ווי אין דעם ״אל תעלנו־לאַנד״...

און דער אונטערשיעד איז אַ גרויסער. זאָגען דאָך אונזערע חכמים: ״מפני מה אין חמי טבריא בירושלים, כדי שלא יאמרו עולי רגלים אלמלי לא עלינו אלא כדי לרחוץ בחמי טבריא דיינו, ונמצא עליתם שלא לשמה״. וואָלט מען געגאַנגען קיין א״י ווען אין אמעריקא איז געווען די גוטע צייטען וואָלט עס געווען אַן עליה לשמה, אַנטלויפט מען אָבער פון אמעריקא צוליב די שלעכטע צייטען און מ׳קומט זוכען אין א״י די חמי טבריא, די ״פּירות גנוסר״ אָדער אין מאָדערנעם לשון, די ״פּראָספּעריטי״ איז עס דאָך אַן עליה שלא לשמה און רעפ־לעקטירט זעהר שלעכט אויף די באַוואוסטזיניגקייט און אידע־אליזם פון די עולים.

יא, פיעל בעסער די "צרעה" אלס מיטעל צו א"י ווען זי שטעהט איין אין ז י י ע ר לאגער איידער ווען זי דארף גאסטראלירען אין אונזער אייגענעם לאגער...

און עס איז אבער אויך דא דער "אל תאמר" עלע־מענט וועלכער נעהמט שוין צופיעל אויף זיין אייגענעם קרע־דיט און אייגענע פעהיגקייטען און דאס טויג אויך ניט. דאס איז שוין צופיעל אפטאמיזם און דערפון קען ארויסקומען דער ואמרת בלבבך "כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה".

ווארענט טאקע די תורה געגעןביידע, די עקסטרעמע פעסעמיסטען וועלכע שרעקען זיך צופיעל און די עקסטרעמע אפטאמיסטען וועלכע נעהמען עס צופיעל אויף זיכער...

זיינען טאקע, ווי געזאגט, די ווערטער, שעהנע נחמה ווערטער אבער ענטהאלטען אויך די גאנצע אויפפאסונג אויף דער דאזיגער נחמה ווי אזוי זיך צו באציהען צו איהר און מיט וואס פאר א בליק איהר אויפפאסען.

זיינען אין דער הפטרה אויך דיביידע עלעמענטען פארטראטען. פון איין זייט די וועלכע זיינען פעסעמיסטיש געשטימט און שרייען: "עזבני ה' וה' שכחני", און פון דער צווייטער זייט די צו גרויסע אפטאמיסטען, וועלכע זיינען צו היציג אין די גאולה פראבלעמען, ארבייטען צו האסטיג, ס'איז: "מ ה ר ו בניך", איילענדיג; און וועהרענד פאר די ערשטע קומט די פארזיכערונג פון "ואנכי לא אשכחך" קומט פאר די צווייטע די ווארנונג פון "מהרסיך ומחריבך ממך יצאו"... ארץ ישראל און אלץ וואס ארום א"י מוז געהן מיט א לאנג־זאמען פראצעס, א"י איז ניט קיין "הארריי אפ" לאנד ווי אמע־ריקא און די וועלכע געהרען צום טיפ פון "מ ה ר ו בניך", הארריי אפ'ניקעס, פון זיי קען קיין גוטס ניט ארויסקומען, דער סוף איז אז זיי אליין ווערען פערוואנדעלט אין "מהרסיך ומחריביך". האבען מיר עס געזעהן ביי א סך פון די "באלפור

ציוניסטען״ וועלכע האבען בשעתם געמיינט אז קוים איז שוין דא א ״באלפור דעקלעראציע״ מיט א אידישען האי-קאמי-שאנער, איז שוין משיח געקומען, און ווען זיי האבען דער-נאך מיטגעמאכט געוויסע ענטוישונגען, האבען זיי זיך שוין אבגעווארפען פון אלעם און געקראגען מרגלי׳שע נשמות... און דער טעות איז געקומען דערפון וואס אז זיי האבען אין לעבען דערזעהן דעם ״והיו מלכים אמניך ושרותיהם מיניקותיך״ זיינען זיי ווי פאר׳שכור׳ט געווארען פון אט די גוי׳אישע ליים-טונגען און האבען פארגעסען דעם פריהעריגען פסוק פון: ״אשא אל גוים ידי ואל עמים ארים נסי״, אז אט די גוי׳אישע הילף קומט אויך פון גאט און ממילא איז ניטא וואס צו פארצווייפלען, ווייל גאט אליין האט פאראוים גע-ווארענט געגען די איילעניש און געזאגט בפירוש: ״לא תוכל כלותם מהר״.

לויף דעריבער ניט צו שנעל, קריך אבער אויך ניט צו פאוואליע, זיי קיין עצל ניט און לייג ניט אריין דיין עצלות אין א מסוה פון מורא פאר דעם ״רבים הגוים האלה״.

בכלל דארף מען דאך ניט פארגעסען אז אונטערן באגריף פון ״רוב״ זיינען פאראנען צוויי טערמינען, פאראן ״רוב מנין״ און ס׳איז אויך פאראן ״רוב בנין״ און ניט אלע מאל פארנעהמט דער ערשטער רוב דעם אויבענאן, אט איז צום ביישפיעל פאראן א כינעזישער פאלק וועלכער איז געווים דער רוב מנין אנטקעגען אנדערע פעלקער און דאך שפיעלט ער די קלענסטע ראלע אין דער פעלקער משפחה און בלויז דערפאר וואס ער איז נאר א רוב מנין און ניט א רוב בנין.

און מעגען זיך טאקע די אראבער אין א״י פארלויפיג זיין דער ״רוב מנין״, דער ״רבים הגוים״, דארפסטו זיך אלץ ניט שרעקען, ווייל דער ״רוב בנין״ זיינען זיי ניט, זיי זיינען עם קיינמאהל ניט געווען און וועלען עם קיינמאהל ניט זיין,

דער "רוב בנין" זיינען מיר. קלאָג זשע דעריבער ניט דעם "איכה" קלאָג, "איכה אוכל להורישם" — לא תירא מהם !

זיי ניט פון די "כי תאמר" לייטע און אויך ניט פון די "אל תאמר'ס". זאָג בכלל גאָר ניט, טהו בעסער און דאַן וועט זיין: וברכתיך בכל אשר תעשה !...

ראה

לא תסף ולא תגרע

את כל הדבר אשר אנכי מצוה אתכם אותו תשמרו לעשות, לא תסף עליו ולא תגרע ממנו. (יג — א)

די תורה זאָגט שטרענג אָן: אַלעס וואָס איך זאָג אייך אָן זאלט איהר פּינקטליך אָבהיטען, איהר זאָלט ניט צו לייגען און ניט אַראָפּ נעהמען דערפון.

זעהט עס הפּנים אוים אַז ס'איז געווען אַמאָהל אַזעל־כע דורות מיט גאָר פרומע אידען פאַר וועלכע עס איז נויטיג געווען אָט דער פאַרזאָג פון "לא תוסף", אַנדערש, וואָלטען זיי אליין צוגעגעבען נאָך פיעל מעהר מצות און געוואָלט זיין נאָך פרימער ווי די תורה אליין פערלאַנגט...

היינט ווי עס שיינט, וואָלט דער בל תוסיף געווען אַן איבעריגע זאַך; דער בל תוסיף אַליין וואָלט געווען אַ נוצ־לאָזע הוספה... מיר וואָלטען געקענט, דוכט זיך, גאַראַנטי־רען דעם רבונו של עולם אַז זיינע געטרייע קינדער וועלען שוין אַליין זאָרגען דעריבער אַז זיי זאָלען חלילה ניט עובר זיין אויף בל תוסיף, וועלען חלילה ניט אַריבער כאַפּען די מאָס פון פרומ־קייט אין גאָט'ס פורכטיגקייט...

איז אָבער דערפאַר דער "לא תגרע ממנו" שוין יאָ נויטיג פאַר היינטיגע אידעלאַך, וויל מה דאָך אַז דער "לא־תגרע" שטייט שוין יאָ, ווערט ער פונדעסטוועגען אַ היבש ביסעל פאַרקוקט... טאָ ווי וואָלט שוין געווען ווען ער וואָלט גאָר

ניט געשטאַנען ? זיך געהן פאַרלאָזען אויפ׳ן יושר פון אברהם׳ס אייניקלאַך פון "צוואַנציגסטען יאָהר הונדערט" אַז זיי וועלען שוין אַליין זאָרגען פאַר דעם לא תגרעו — דאָס וואָלט שוין גראָדע געווען ניט אַזוי יושר׳דיג... פאַר אברהם׳ן אליין איז טאַקע ניט נויטיג געווען דער געשריבענער וואָרט, והראיה, ער האָט דאָך טאַקע מקיים געווען די גאַנצע תורה נאָך איידער זי איז געשריבען געוואָרען. מיט זיינע אייניקלאַך אָבער איז שוין עטוואָס אַנדערש. פאַר זיי איז שוין דאָס געשריבענע וואָרט אויך ניט קיין פולשטענדיגע גאַראַנטי, זיי לעבען דאָך עפּעס אין דער מאָדערנער נ י י ע ר צייט ווען דאָס אַלטע ווערט באַטראַכט פאַר אָבגעלעבט, אַרויס פון סטייל... האַל־טען זיי זיך מעהרסטענס אין דער מצוה פון "וישן מפּני חדש תוציאו", דאָס אַלטע דאַרף געהן אין מוזעאום׳שע אַרכיווען און דאָס נייע דאַרף פאַרנעהמען איהר פּלאַץ.

ביי די היינטיגע אידען, הויפּזעכליך די וואָס לעבען אין די הויך ציוויליזירטע לענדער איז אָבער אין אמת׳ן דער "לא תגרעו" אויך אַ רעזולטאַט פון׳ם "לא תוסיפו" און דער כלל וואָס אונזערע חכמים האָבען געזאָגט אַז "כל המוסיף גורע" האַלט אויך אוים ביי זיי, ניט מעהר וואָס ביי זיי איז דער "בל תוסיף" פון אַן אַנדער כאַראַקטער. זיי זיינען חלילה ניט חשוד מוסיף צו זיין אויף גאָט׳ס תורה, עס איז אָבער דער "תוסיף" פון דעם פּראָגרעסיווען לעבען, די אַלע "נייע־סען" וואָס דער מאָדערנער לעבען האָט אַריינגעבראַכט אויף זיינע פאַרשיעדענע געביטען, אָט די "נייע הוספות". שטופּען עס אַרויס די אַלטע תורה טראַדיציעס און דער "לא תגרעו" וואַקסט אַלץ גרעסער און גרעסער, און וואָס מעהר דער לא תגרעו וואַקסט אַלץ וויי־ניגער ווערט פון אונזער תורה, זי שרומפּט איין פון טאָג צו טאָג אַזוי אַז ס׳איז איהר שוין באַלד ניט צו דערקענען... און אויב אונזערע "היינטיגע" זיינען אַזוי, קען מען זיך שוין פאַרשטעלען ווי אַזוי עס וועלען זיין

אונזערע "מאָרגענדיגע"... ביי זיי, וועלען דאָך שוין די "היינטיגע" אויך זיין "נעכטיגע", וועט שוין ביי זיי דער "לא תגרעו" אויך זיין אַן איבעריגער, עס וועט שוין ניט זיין פון וואָס אַראָפּ צונעהמען...

ס'איז מיר ניט לאַנג אויסגעקומען צו רעדען וועגען די חנוך פּראָבלעמע דורך דער "ראַדיאָ", האָב איך ביי יענער געלעגענהייט געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון מיינע צו־הערער און אָנגעוויזען אויף דער דאָזיגער געשעהעניש אַן און פאַר זיך אַלס סימבאָל אַז אַפילו די ראַדיאָ וואָס איז פאָרלויפיג דאָס לעצטע וואָרט אין דער מאָדערנער טעכניק, דאָס נייעסטע ערפינדונג אין דער ציוויליזאַציע, מאַכט זי נאָך פון דעסטוועגען פּלאַץ פאַר אַן אַלטען תורה מעסעדזש. די נייע ראַדיאָ קען נאָך אַלץ ניט אַריוסשטופּען די אַלטע תורה... און דאָס איז טאַקע דערפאַר וואָס אונזער תורה ווערט קיינמאָהל ניט אַלט. זי שטעהט בכלל ניט אין די גרעניצען פון "צייט", זי איז למעלה מן הזמן. די תורה איז באַשאַפען געוואָרען נאָך פאַר בריאת העולם, נאָך איידער דער באַגריף פון צייט איז געקומען אויף דער וועלט.

און די וועלכע זיינען עובר אויף דעם לא תגרעו ווייל זיי ווילען די תורה צו פּאַסען צו דער צייט באַגעהען דאָמיט אַ פאַטאַלען און אויך לעכערליכען טעות.

עס דערמאָהנט מיך אין דער אנעקדאָטע פון יענעם אומוויסענדען בעל עגלה מיט וועמען אַ געוויסער סוחר האָט אָבגעמאַכט אַז ער מוז איהם פאַר אַ באַשטימטען פּרייז ברייג־גען צום יאַריד צו יענער און יענער שטונדע. איז אָבער דאָס געווען אין די ימי הגשמים, די בלאָטעס און זומפען זיינען גע־ווען אונגעהייער גרויס און דער האַלב פאַרפרויענער און מיעדער סוס האָט זיך סאַפּעדיג קוים געשלעפּט און האָט דעם סוחר געבראַכט צום יאַריד מסתם נאָכדעם ווי ס'איז שוין קיין יאַריד אויף דער וועלט ניט געווען. דער בעל עגלה אָבער האָט

געמאַנט זיינס, און דער סוחר האָט איהם טאַקע נישט געוואָלט באַצאָהלען. קומענדיג צום רב אויף אַ דין תורה האָט דער רב צו גע׳פסק׳נט דעם סוחר און דער בעל עגלה האָט פאַרשפּילט. דאָס האָט דעם בעל-עגלה זעהר פאַרדראָסען און האָט צוגע־וואָרפען אַ פעראַכטעטען בליק צום רב מיט אַ באַמערקונג: ״אַזוי זיינען עס אייערע פּסקים! ?״ דער רב האָט זיך פאַר־טיידיגט אַז דאָס איז ניט ז י י ן פּסק זאָנדערן דער פּסק פון דער תורה. דער בעל עגלה ווענדעט זיך דאַן צום רב און פרעגט: ״רבי לעבען, זאָגט מיר נאָר ווען האָט גאָט געגעבען די תורה אויפ׳ן באַרג סיני ?״ און ווען דער רב האָט איהם געענטפערט אַז קבלת התורה איז געווען דעם זעקסטען טאָג אין סיון, האָט דער בעל עגלה טריאומפפירענדיג אויסגעשריהען: ״אַהאַ, איצט פאַרשטעה איך שוין. סיון איז אין די סאַמע זומער מאָ־נאַטען, דעמאָלט איז ניטאָ קיין בלאָטעס און קיין זומפּען, האָט די תורה מיט רעכט צו גע׳פסק׳נט דעם סוחר, וואָלט אָבער די תורה געגעבען געוואָרען ווינטער, וואָלט שוין דער פּסק דין געווען אויף מיין זייט״...

איז עס דאָך אָבער ניט מעהר ווי אַ בעל עגלה׳שע השגה אַז אַ תורה וואָס איז געגעבען געוואָרען זומער האָט ווינטער אין איהר קיין חלק ניט... ניט קיין בעל-עגלה׳ס אָבער דאַרפען יאָ וויסען אַז די תורה איז אַ נצחית, אַן אייביג־קייט און זי קען זיך ניט ענדערען ליוט די צייטען. דער ״לא תגרעו״ איז אַ פאַרזאָג פאַר אַלע דורות און פאַר אַלע צייטען...

זעהר אַ שעהנעם וואָרט האָב איך געהערט פון מיין חבר און פריינד הרב משה שפּירא, דער רב פון אַטלאַנטיק־סיטי, ניו דזשוירזי. ביי די בני קהת — זאָגט הרב שפּירא — וועלכע האָבען געטראָגען דעם ארון מיט די אַנדערע כלי־קדש פון משכן זאָגט די תורה: ״ולבני קהת לא נתן כי עבודת הקדש עליהם בכתף ישאו״. זיי, די בני קהת, האָט משה ניט געגעבען קיין ״עגלות״ (וועגען) אַזוי ווי ער האָט עס

געגעבען צו די אנדערע לוים זיך צו באנוצען דערמיט פאר דער
ווירטשאפטליכקייט פון דעם משכן, ווייל זיי טראגען די היי־
ליגסטע זאכען ווי דעם ארון, דעם מזבח א. ד. ג., דארפען זיי
דאס טראגען אויפ׳ן אקסעל. אט דא איז סימבאליש אנגעוואונ־
קען געווארען דער אויבען אנטוויקעלטער געדאנק. די וועלט
נאטירליך מאכט נאכאנאנד פראגרעס, עס איז אימער דא דער
פראצעס פון אנטוויקלונג. אין די גאר אלטע פרימיטיווע ציי־
טען, האט מען גענוצט דעם מענשליכען אקסעל אויף צו טראגען
משאות, שפעטער צו איז מען מעהר ציוויליזירט געווארען און
דעם פלאץ פון אקסעל האט פארנומען דער אייזעל, דער פערד,
דער קעמעל. עס איז דאן איבערגעגאנגען צום וואגען, נאכ׳ן
וואגען — דער אייזענבאהן, דער אטאמאביל־טראק, די מאטאר־
שיפען, עס האלט שוין איצטער אזש ביים ערעפלאן. אט דער
גאנצער פראגרעס איז און דארף אבער נאר אנגעווענדעט ווע־
רען פאר דעם וואכעדיגען לעבען. דא האט די ציוויליזאציע
די גאנצע דעה און די פולע מאכט. האנדעלט זיך עס אבער ווע־
גען די עבודת הקדש, ווענען דעם ארון, וועגען דער תורה,
אט דא האט די ציוויליזאציע קיין שליטה ניט, דא בלייבט עס
ביים אלטען, ביים פרימיטיוועז פארם. „עבודת־הקדש עליהם״
— דארט וואו ס׳איז עבודת הקדש, דארט איז — „בכתף
ישאו״, בלייבט עס ביים אקסעל...

איך האב דארויף צוגעגעבען נאך א ווארט: די
תורה דערצעהלט אנדערשוואו: „ויהושע בן נון משרת משה
לא מש מתוך האהל״, (און יהושע בן נון, משה׳ס באדינער
האט ניט אבגעטראטען פון געצעלט). די וועלט האט אויך
שטארק פראגרעסירט אויפ׳ן געביט פון די מענשליכע וואהנונ־
גען. אין די גאר אוראלטע צייטען האבען מענשען געוואוינט
אין טוכענע אדער פעלענע געצעלטען. שפעטער צו, האט די
הילצערנע געביידע פארנומען דעם פלאץ פון דעם אהל. נאכ־
הער איז עס איבערגעגאנגען צו דער ציגעל הויז, און פון ציגעל

צו שטיינער, פון פשוט'ע הייזקעס צו "אפּאַרטמענט הייזער", צו פּאַלאַצען און אַזש ביז די "הימעל קראַצערס".

האנדעלט זיך עס אָבער וועגען תורה, דאַ בלייבט עס ביים אַלטען. "לא מש מתוך האהל"! מעג עס שוין זיין ניט ביי משה'ן נאָר ביי יהושע'ן, מיט אַ דור שפּעטער, ווייל יהושע קיין נייעסען אין דער תורה ניט אויפטהאָן. "ער געהט ניט אוועק פון געצעלט"... ער בלייבט קאָנסערוואַטיוו ביי די אַלטע אידעען פון תורת משה.

אין אמעריקא אָבער איז פאַראַן אַ מנהג אַז ווען מען "מופט" איבער פון איין הויז אין אַ צווייטער, לאָזט מען איבער די אַלטע מעבעל, מען פאַרקויפט עס אָדער מען שענקט עס אי־מיצען אוועק און מען נעהמט אריין נייע. דער מנהג איז אויך טראַנספּאָרירט געוואָרען אינ'ם גייסטיגען לעבען, מ'זוכט אויך אַלץ נייע תורות די "אַלטע" ווערט באַטראַכט אַלס שוין צו־פיעל אויסגענוצט... פאַרגעסענדיג דערביי אַז די פרשת התורה איז אין דעם הינזיכט אַנדערש ווי די פרשת החיים. ביי תורה איז אַפילו "מופענדיג" פון איין פלאַץ אין דעם אַנ־דערען טאָר מען די "מעבעל" ניט איבערבייטען. די זעלבע פרשה וואָס פאַנגט זיך אָן מיט "אלה מסעי" ענדיגט זיך אַלץ מיט "אלה המצות"... ווייל —

"זאת התורה לא תהא מוחלפת ולא תהא תורה אחרת מאת הבורא יתברך שמו"!

אין באַצוג צו תורה איז אונזער לאָזונג: "חדש ימינו כקדם". אין וואָכעדיגען לעבען מעג זיך דער "חדש" מיט דעם "כקדם" זיין אַ סתירה, אויב חדש איז ניט כקדם און אויב כקדם איז ניט חדש, ביי תורה אָבער איז דאָס ניט קיין סתירה ווייל דער זעלבער כקדם בלייבט אימער חדש, די אַלטע תורה בלייבט אימער נייי.

ביי קבלת התורה דערציילען אונז די חז"ל אַז לעתיד לבא וועלען די אומות העולם האָבען אַ טענה צום רבונו של

עולם. זיי וועלען פרעגען: "מה ראו אלו להתקרב אל התורה יותר מן האומות ?" (מיט וואס האבען אידען זוכה געוועזן מעהר פאר די אומות העולם צו קריגען גאט'ס תורה ?) און גאט ענטפערט דארויף: "הביאו לפני ספר היוחסין שלכם כשם שבני מביאים" (אדרבה, ברייננגט איהר פאר מיר אייער יחוס-בריעף אזוי ווי מיינע קינדער ברייננגען).

און וואס האט אייגענטליך צו טהאן יחוס-אבות מיט קבלת התורה ?

דא איז אבער ארויסגעזאגט געווארען דער אויבער-דערמאנטער געדאנק. גאט, ביים געבען די תורה האט ניט נאר געוואלט געפינען די פאסיגע מענשען וועלכע זאלען זיין פאסיג צו נעהמען א געטליכע תורה, ער האט דער עיקר געוואלט געפינען אזעלכע וואס זאלען זיין פאסיג צו האל-טען די תורה, מען זאל זיין זיכער אז ביי זיי וועט די תורה האבען א קיום, און אין דעם, שפיעלט שוין יחוס אבות יא א באדייטענדע ראלע. די וועלכע יחוס'ן זיך מיט די עלטע-רען און אור עלטערען פון די פארגאנגענע דורות, די וועלכע באטראכטען ניט דעם עבר פאר אן אבגעלעבטע זאך אמוויי-ניגסטענס אויף אזוי פיעל וויפיל דאס האט צו טהאן מיט'ן גייסטיגען לעבען, צו די קען מען האבען צוטרוי אז די תורה וועט ביי זיי קיינמאהל ניט אלט ווערען. די אבער וועלכע האבען ניט קיין יחוס בריעף, דער יחוס וועלכער רעפרעזענ-טירט די פארגאנגענהייט האט ביי זיי קיין חשיבות ניט ווייל זיי קוקען דארויף ווי אויף אן אבגעלעבטע זאך, צו אזעלכע קען מען קיין תורה ניט אנפארטרויען, זאל נאר אוועק געהן עטליכע דורות און ס'וועט שוין פון איהר ביי זיי קיין זכר ניט בלייבען, זיי וועלען איהר פארלירען אזוי ווי זיי האבען זייער יחוס בריעף פארלארען.

ביי אונז איז די תורה אן אנטיק זאך און ביי אנ-טיקען איז וואס עלטער עס ווערט אלץ מעהר חשיבות האט עס.

און וואלטען עס אונזערע אמעריקאנער ברייטע אידישע מאסען פארשטאנען וואלט דאן דער ערציהונגס וועזען אן אנדער צורה באקומען. דער פראצענטעדזש פון אונזערע קינדער וואס באזוכען אידישע תלמוד תורה׳ס און ישיבות וואלט געווען הונדערטער מאהל גרעסער ווי ער איז און ממילא וואלט די צאהל אנשטאלטען פון דעם מין אויך פיעל פאך פארגרעסערט געווארען. אין דעם פאל וואלט מען שוין גראדע יא "עובר" געווען אויף "בל תוסיף" און דא וואלט די "עבירה" פון "בל תוסיף" געווען א רעזולטאט פון דער מצוה פון "לא תגרעו". האלטענדיג זיך פעסט ביי דער דאזיגער מצוה אז די תורה מוז בלייבען גאנץ און איז א נויטווענדיגער פאקטאר אין אונזער לעבען וואלטען אלע טאטעס און מאמעס געשיקט די קינדר אין ת"ת און ישיבות און מען וואלט ממילא געמוזט מוסיף זיין די "ספסלי בית המדרש".

ביים מאמענט אבער איז די לאגע א טרויעריגע און מיר דארפען זיך אומקעהרען צו די אלטע תפלה:

חדש ימינו כקדם!

שופטים

צדק ומשפט

ושפטו את העם משפט צדק.
(טז — יח).

פאראן אַ סך מאָהל ווען געוויסע שטעלען אין מאַנכע פסוקים ווערען דורכגעלעזען אויבערפלעכליך, מען באַצאָהלט ניט צו זיי די געהעריגע אויפמערקזאַמקייט, נאָר ערשט דאַן ווען דער פראַקטישער לעבען ברענגט אונז אין נענטערע באַריהרונג מיט זיי, דאַן הויבט מען ערשט אָן טיעפער צו פאַרשטעהן די רעאַלע זייט פון די דאָזיגע פסוקים.

די ערשטע פסוקים פון היינטיגער פרשה געהערען צו דעם מין.

עס ליגט אין זיי דער סוד פון דעמאָקראַטיע. ניט זעהר לאַנג פון יענער צייט ווען די ווירטשאַפטליכע פאַרוואַלטונג פון די מעהרסטע מדינות אין דער וועלט איז געלעגען אין די הענט פון אַן איינציגען הערשער, אַן אויטאָקראַט פון אַ מאָנאַרכישע אָבשטאַמונג וועלכער האָט זיין מלוכה קרוין איבערגענומען בירושה און ער האָט געוועלטיגט אויף רעכטס און אויף לינקס; די מאַסע, דאָס פאָלק, איז געווען ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי אַ סטאַדע שאָף וועלכע ווערען געפיהרט לויט דעם אָרדער פון דעם פאַסטוך. ניט נאָר בפועל נאָר זאָגאָר אויך ניט אין דער מחשבה האָט ווער פון דער מאַסע אַמאָהל געטראַכט אויסצוזעצען קריטיק געגען דעם "גע־זאַלבטענ'ס" פיהרערשאַפט. דער לעצטער איז גאָר קיינמאָהל

ניט געשטאנען אין דעם סוג פון קענען קריטיקירט ווערען, ער איז געווען א פאלשטענדיגער בעל הבית איבער זיין "צאן מרעיתו" און באטראכט די לעצטע אלס שאף ניט אין מליצה זין זאנדערן בוכשטעבליך.

איז דער דאזיגער מלך געווען א "בן יחיד", ער האט אליין באשטימט זיין מיניסטארישען קאבינאט און זיינע אלע אנדערע פעדעראלע, פראווינציאנעלע און שטאדטישע בע־אמטע, סיי פאליטישע און סיי יורידישע.

די צייטען האבען זיך געענדערט און זעהר ווייניג זיינען נאך געבליבען לענדער פון דיעזען סארט. די מעהרסטע האבען שוין בכלל מעהר קיין מלכים ניט, און דארט וואו ס'איז נאך יא פאראן, זיינען זיי, די קעניגע, ניט מעהר ווי א טראַ־דיציאנעלער סימבאל, א שעהנער ארנעמענט, האבען אבער קיין וויכטיגע באדייטונג ניט. די פארוואלטונג פון דער מדינה ליגט ניט אין זייערע הענט נאר אין די הענט פון די פארלע־מענטען און דיעזע זיינען ערוועהלטע פון פאלק און פאלגליך אויך פאראנטווארטליך צו זייערע וועהלער, און וואו די פאראנטווארטליכקייט איז גרעסער זיינען נאטירליך די טעות'ן קלענער.

זעהט עס אויבערפלעכליך אוים ווי דאס איז א נייע ערשיינונג אין לעבען, א שפראצונג פון די ציוויליזאציע קער־נער, א פראדוקט פון דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט.

איז עס אבער פאלש. דער דעמאקראטישער יסוד איז נאך אוועקגעלייגט געווארען פון אונזער תורה אליין. ניט נאר דעם מלך אליין האט די תורה געהייסען וועהלען פון פאלק: "שום תשים עליך מלך", ד ו זאלסט איהם מאכען און ניט ער זאל אטאמאטיש אליין געמאכט ווערען, נאר זא־גאר אויך די קלענערע פאליטישע און יורידישע פיהרער זאל דער פאלק אליין אויסקלייבען.

שופטים ושוטרים תתן לך! — דו זאָלסט געבען...

לויט'ן מדרש מיינט "שוטרים" די פאַרוואַלטער פון פאַרשידענע פעדעראַלע, פראָוויציאָנעלע אָדער שטאָטישע אינטערעסן, ווי צום ביישפּיעל פּאַרלעמענט מעמבערס, לעגאַסלאַטיווע מיטגלידער, דער שטאָדט־ראַט, און עס שליסט אויך איין גאָווערנערס, מעיאָרס, פּאָלים־קאָמישאָנערס א. ד. ג.

און בלויז דעמאָלט ווען "תתן לך", ווען דו וועסט זיי אַליין ערוועהלען, קענסטו ערוואַרטען אַז: "ושפטו את העם משפט צדק", ווייל פריהער וואָס זיי ווערען ערוועהלט דורכ'ן פאָלק, זיינען פאַראַנטוואָרטליך צום פאָלק. אגב, וועט דאָך דאָס פאָלק נאָר ערוועהלען אַזעלכע וועלכע ער, דער פאָלק, באַטראַכט פאַר פעהיגע און עהרליכע. ביים פאָלק איז דאָך ניט שייך קיין "פּול" און קיין פּאָליטישער פאַרצוג מיט פאַמיליע מאַכענאַציעס.

מ'דערציעהלט אויף דער פאַרשטאָרבענעם עסטרייכישען קייזער, פראַנץ יאָזעף דער ערשטער, אַז עס האָט אַמאָהל פּאַסירט ווען זיין אייגענע טאָכטער האָט עפּעס גע־האָט אויף זיך אַ שווערען פּראָצעס, האָבען זיך די מקורבים געווענדעט צום מאָנאַרך אַליין און פאַרלאַנגט זיין אַריינמי־שונג צו גונסטען זיין טאָכטער. ער האָט אָבער דערפון ניט געוואָלט הערען און האָט געמיטליך און קלוג געענטפערט: "פראַנץ יאָזעף האָט אַ טאָכטער, עסטרייך אָבער האָט קיין טאָכטער"... דערצו האָט מען אָבער גענויטיגט האָבען אַן עהרליכען מאָנאַרך ווי דער עסטרייכישער פראַנץ יאָזעף, אין דורכשניטליכע פעלע איז עס אַ זעלטענהייט צו געפינען. וואו אָבער דאָס פאָלק אַליין רעגירט דאָרט ווערען זיכער אויסגעמיטען פאַלשקייטען, דאָרט ביסטו זיכער אַז:

ושפטו את העם משפט צדק.

קומט אָבער גלייך נאָכדעם דער צווייטער פסוק פון "לא תטה משפט" און ער קוקט אוים ווי איבעריג נאָכדעם ווי פריהער איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרען אַז "ושפטו משפט צדק"? גיבען מיר אָבער אַ בליק אין דער פרשה פון לעבען, ווערט אויך דער פסוק קלאָהר און פארשטענדליך.

דאָ אין אמעריקא וויסען מיר גוט וואָס עס מיינט אַ פּאָליטישער "עלעקשאָן" (וואהלען). ווען עס קומט די צייט פון עלעקשאָנס סיי פעדעראַלע און סיי סטייט עלעקשאָנס און די קאַנדידאַטען פון די פאַרשידענע ריכטונגען און פּאַרטייען לאָזען זיך אַרוים אויף זייער פּראָפּאַגאַנדע טור האָבענדיג אונטער זיך די שטיצונג פון זייער פּאַרטיי, ווערט דאַן די גאַנצע לאַנד אָדער סטייט פערוואַנדעלט אין אַ שלאַכט טערי־טאָריע, איין פּאַרטיי קעמפפט געגען דער צווייטער; מען שליידערט קוילען און מען ווארפט פיילען פון איין לאַגער אין דעם צווייטען. יעדער פּאַרטיי קומט אַרוים מיט איהר פּלאַטפּאָרמע, די גאַסען ווערען פערוואַנדעלט אין טריבונעס און אויף יעדער קאָרנער ווערען אָבגעהאַלטען "אָפּען עיר מיטינגען" ביי וועלכע יעדערער פון די באַטרעפענדע צדדים זוכט צו בעאיינפלוסען די מאַסען און געווינען דעם פּאָלק אויף זיין זייט. הבטחות און "אויפריכטיגע" פאַרשפּרעכונגען ווערען געגעבען מצד די פּאַרטייען און די קאַנדידאַטען אַז אויב זיי וועלען ערוועהלט ווערען וועלען זיי איינפאַך בריינ־גען די גאַנצע ישועה צו דער באַפּעלקערונג; מ'וועט אָבשאַ־פען דעם קריזים, עס וועלען צוריק קומען די גוטע יאָהרען פון "פּראָספּעריטי"; די לאַנד וועט ווידער עפענען ברייט איהרע טויערען פאַר אימיגראַציע; עס וועלען אויפהערען די בייגק־קראַכען, מען וועט רעדוצירען די טעקסעס, ריעל עסטייט וועט זיך צוריק אויפהויבען און אַלע צווייגען פון דער אינדוסטריע וועלען מיט אַמאָהל אויפלעבען און נאָך און נאָך אַזעלכע גאָלדערנע גליקען. און אַלץ הייננגט נאַטירליך אָפּ אין דעם אָדער אין יענעם קאַנדידאַט...

דער עולם נאַטירליך ווערט באַגייסטערט פון די שעהנע רעדעס מיט די בליציגע פראַזען, ער צווייפעלט גאַר ניט אַז אַלץ וואָס דער באַרופענער קאַנדידאַט זאָגט איהם צו, איז אמת ויציב און אַז קיום גיט ער איהם נאָר זיין שטימע אַזוי איז ער שוין אַ געהאָלפענער...

אַזוי גיך אָבער ווי די עלעקשאָנס זיינען פאַראיבער און די ערוועהלטע זיצען שוין אין זאַטעל, צייגט זיך, אין מעהרערע פעלע, די מאַסע איבער אַז פון די אַלע הבטחות וואָס מ'האָט זיי צוגעזאָגט האָט זיך אויסגעלאָזען אַ נעכטיגע נאַכט, עורבא פרח און מ'האָט זיי מעהר ניט ווי איז זאַק אַריינגענאַרט...

זאָגט דערפאַר די תורה אַ באַזונדער פסוק צו די ער־וועהלטע שופטים ושוטרים: "לא תטה משפט", דאָס הייסט אַז נאָכדעם ווי דו ביסט שוין ערוועהלט געוואָרען אויף דעם דעמאָקראַטישען באַזיס פון "תתן לך", זאָלסטו זיך ניט אוים־לאַכען פון דיינע וועהלער און זאָלסט היטען דיינע פאַרשפרע־כונגען צו בלייבען עהרליך און אויפריכטיג און ניט מטה דין זיין.

דער פריהעריגער פסוק "ושפטו את העם משפט צדק" מיט דעם איצטיגען פסוק "לא תטה משפט", זיינען אַלזאָ צוויי באַזונדערע זאַכען. דער ערשטער ציעלט צום פאָלק און איז אַ פירוש אויף דעם "תתן לך" און דער צוויי־טער ציעלט צו די שופטים אַליין נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין אריין אין אַמט.

אויף כמעט דעם זעלבען אופן ערקלעהרען אַנדערע ("חכמה עם נחלה" — הרב קליין) דעם פסוק אין היינטיגער סדרה ביים "שימת מלך" וואו עס שטעהט: "והיה כשבתו על כסא ממלכתו וכתב לו את משנה התורה הזאת על ספר". דער דיוק איז אַז עס וואָלט זיך בעסער געפּאַסט דער אוים־דרוק "בשבתו" איידער "כשבתו"? ווערט עס אויך ער־

קלעהרט מיט'ן זעלבען געדאנק. דער מלך וואס ווערט ער־וועהלט אויף דעם באזיס פון "שום תשים", דורכ'ן פאלק, פארשפרעכט נאטירליכערווייזע הרים וגבעות בשעת ער קאנדידאטירט ארויף צו געהן אויף דער מלוכה שטול, ווען ער זיצט שוין אבער אויף דער כסא המלוכה קען ער זיך שוין ערלויבען גרינג צו שעצען זיינע פריהעריגע הבטחות, זאגט דערפאר די תורה אויף יענער צייט ווען ער איז שוין מלך: והיה — ער זאל בלייבען אויפריכטיג — כשבתו — פונקט ווי אין דער צייט וואס ער האט זיך געזעצט — על כסא ממלכתו, ווען ער האט אזוי פיעל פארשפרעכונגען געמאכט, די זעלבע אויפריכטיגקייט זאל ביי איהם זיין אויך איצט ווען ער איז שוין מלך.

אין ליכט פון דעם געדאנק קען מען אויך צו פיהרען דעם אויספיהר פון פסוק: "וכתב לו את משנה התורה על זאת על ספר" און חז"ל קאמענטירען דארויף אז צוויי ספרי תורה האט דער מלך געדארפט שרייבען פאר זיך "אחת שיוצאת ונכנסת עמו ואחת שמונחת לו בבית גנזיו" (איינע וועלכע האט איהם באגלייט וואו ער איז געגאנגען און איינע וואס ער האט געהאט אין דער היים).

סימבאליש איז דא פאראן א וואונק אז די זעלבע תורה וואס ער האט אנגעבאטען זיין פאלק אין דער צייט ווען ער איז געשטאנען אין דער בחינה פון "יוצא ונכנס", א פרי־העריגער קעניג ארונטער און ער ארויף, די זעלבע תורה דארף ער אויך אבהיטען דעמאלט ווען ער איז שוין "בבית גנזיו" און באטרעט שוין דעם מלוכה אמט. א תורה אבער וואס בא־גלייט איהם נאר ווען ער איז "יוצא ונכנס" און ניט ווען ער איז שוין אינעווייניג איז ניט קיין ריכטיגע תורה, עס דארף זיין "תוכו כברו"...

און אויך דער "לא תקח שחד" איז ריכטיג אנגע־מאסטען פאר די שופטים מיט די שוטרים צוזאמען. די גרעפט

עפידעמיע אין די לעצטע עטליכע יאָהר אין נויאָרק דורך וועלכע באַוואוסטע ריכטער היבש אין צאָהל און נאָך אַ גרעי־סערע צאָהל פון די פּאָליציי לייט, זיינען אַרונטערגעזעצט געוואָרען פון די ריכטער שטולען און פון די פּאָליציי עמטער און פאַרשפּאַרט געוואָרען אין די פּעניטענטשערי פּריזאָנס פאַר לאַנג יאָהריגע טערמינען, האָט איבערצייגט ווי ווייט נויטיג עס איז געווען די וואָרנונג פון "לא תקח שוחד"...

* * *

לויט׳ן מדרש, איז אין דעם "שופטים ושוטרים תתן לך" פאַראַן אויך אַ מאָראַלישע אַנדייטונג אויף דעם "קשוט עצמך ואח"כ קשוט אחרים". דער טערמין פון "לך" אַנ־שטאָט "עליך" מיינט צו זאָגען אַז דער שופט זאָל צום אַלעם ערשטען אַנווענדען זיין שופט אַמט אויף זיך אַליין און זאָל קיינמאָהל ניט אַרויסגעבען קיין פּסק־דין אויף אַ צווייטען אויב ער אַליין געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע וואו דער זעלבער פּסק קען און דאַרף אַנגעווענדעט ווערען אויף איהם אליין. דערביי ברייננט דער מדרש די מעשה פון ר׳ חנינא צו וועמען עס זיינען געקומען צוויי בעלי דינים, איינער פון זיי האָט אַנגע־קלאָגט דעם צווייטען אַז די צווייגען פון זיין בוים בויגען זיך אריין אין זיין רשות און שטערען דעם וואוקס פון זיינע ירקות. ר׳ חנינא האָט זיי געהייסען קומען מאָרגען. דאָס האָט ער גע־טהאָן ווייל ביי איהם אַליין איז אויך געווען אַ בוים וואָס האָט געשטערט דעם צווייטען אויף דעם זעלבען אופן, האָט ר׳ חנינא דעם זעלבען טאָג אונטערגעהאַקט די צווייגען פון זיין אייגענעם בוים און האָט דאדורך געקענט צו מאָרגענס דעם זעלבען פּסק אַנווענדען אויף אַ צווייטען.

בעלי מוסר ווידער טייטשען עס אוים אויף אַזאַ אופן: "שופטים ושוטרים תתן לך", אויף דיר אַליין זאָלסטו שטענדיג זיין אַ שופט, זאָלסט זיך משפט׳ן און ניט זוכען קיין זכותים אויף דיר, ווען עס האַנדעלט זיך אָבער אויף יענעם, דאַן —

"ושפטו את העם משפט צדק" זאָלסטו שטענדיג דן זיין לכף זכות. אין אַנדערע ווערטער: אויף דיר אַליין זוך נאָר די פעהלעריין וועהרענד אויף'ן צווייטען זאָלסטו נאָר זוכען די מעלות.

אַזוי צו אַזוי, פיעל און זעהר פיעל האָבען מיר צו לערנען פון דער היינטיגער פרשה.

כי תצא

בצאת השנה

(געדאנקען פון חשבון הנפש).

פאר די ספרי מוסר איז היינטיגע סדרה א גוטער מאטעריאל אויף ארוים צוברייגגען דורך איהר פערלדיגע מוסר געדאנקען, וועלכע זיינען אן און פאר זיך א דבר בעתו אין די טעג פון פאר ראש השנה. עס איז דער פעריאדישער "כי תצא" ווען מען געהט ארוים פון דעם אלטען יאהר און מ'דארף אנ-פאנגען "כי תבוא", אריינקומען אין דעם נייעם יאהר.

אין ליכט פון די בעלי המוסר איז די דאזיגע פרשה פון מלחמה אויך א פרשה פון דער אינדיווידועלער מלחמה וואס יעדער איד האט אין זיין לעבען דורכצומאכען מיט זיך אליין — די "מלחמת היצר" און פאר וועלכע, די איצטיגע תשובה טעג זיינען אמבעסטען אנגעמאסטען און מסוגל אויף צו מאכען דעם געהעריגען חשבון הנפש.

זיי, די בעלי המוסר, געפינען אין דעם ערשטען פסוק פון דער פרשה, דעם ריכט-שנור וואס צייגט אן די גייסטיגע "ארטילעריע" מיט וועלכע מ'דארף זיך באנוצען אין דער מלחמת-פנים צווישען די צוויי עלעמענטען וואס באהערשען דעם מענשען און פארפאלגען איהם אויף טריט און שריט.

דער מענש, ווי באוואוסט, איז בטבע גענויגט צו טהאן זינד. דערצו העלפען זיינע ארגאנישע טהיילען פון וועל-כע ער איז צוזאמענגעשטעלט, עס העלפט אויך די אומגעבונג

און די סביבה אין וועלכע ער געפינט זיך און ועל כולם, די לעבענס באדינגונגען און די אומשטענדען. ווי די זאך זאל ניט זיין און וואס די סבות זאלען ניט זיין, דער פאקט איז אז — "כי יצר לב האדם רע מנעוריו".

קען באמת דער דאזיגער פאקט דיענען אלס פאר־טיידיגונגס אקט אין אונזערע חשבונות מיט דעם רבונו של עולם, און האט דאך שוין אמאהל דער גרויסער צדיק הבי לוי יצחק בארדיטשעווער טאקע אנגעשלאגען דעם דאזיגען טאן אין זיין למוד זכות אויף'ן כלל ישראל ווען ער האט גע'טענה'ט צום רבונו של עולם: "וואס האסטו גאט אוים צוזעצען געגען דעם ארימען אידען? וואס איז ער שולדיג אז דעם גיהנם מיט אלע זיינע שוידערליכקייטען האסטו אריינגעשטעלט אין "ראשית חכמה" (דער באריהמטער מוסר ספר) און די "אשת איש" האסטו איהם געשטעלט פאר זיינע אויגען, טא ווי זאל ער ניט זינדיגען? וואלט עס געווען פארקעהרט: די "אשת איש" אין "ראשית חכמה" און דער גיהנם פאר די אויגען, וואלסטו דאן געזעהן אויב איין איינציגער איד וואלט אפילו געזינדיגט"...

איז עס טאקע, ווי געזאגט, א שטיקעל מעלה דער "כי יצר לב האדם רע מנעוריו", די מליצי־יושר האבען דערין חשוב'ע שטאף פאר זייערע יוריסטישע אקטען. זאל אבער דער אינדיווידועלער מענש זיך דארויף פארלאזען און זא־גען: "שלום עלי נפשי", וואלט עס געווען פונקט גלייך צו א פארברעכער וואס היט זיך ניט פאר'ן געזעץ בלויז אויף דעם סמך וואס ער שטיצט זיך אויף זיין גוטען אדוואקאט...

פאראן ווידער מענשען וואס דער "יצר האדם רע מנעוריו"ווארפט זיי גאר אריין אין יאוש. ווי באלד, זאגען זיי, אז די תורה אליין גיט צו די שוואכקייט פונ'ם מענש טא ווי קען זיך גאר דער דאזיגער שוועכלינג פארמעסטען אין קאמפף געגען אט די אלע שוואכקייטען זיינע? עס זעהט

איהם אוים אז עס איז סיי ווי א נוצלאָזער קאַמפּף וועלכער האָט גאָר שוואַכע שאַנסען אויף נצחון.

פאַרגעסט ער אָבער, דער בן אדם אונזערער. אז אָט די אַרגומענטאַציע גופא שטאַמט אויך פון זיין שוואַכער זייט, זי ווערט איהם אונטער געטראָגען טאַקע פון דעם יצר הרע גופא וועלכער וויל איהם אַריינוואַרפען אין א תהום פון יאוש און אַזוי אַרום איהם באַרויבען פון זיינע מעגליכקייטען צו געווינען דעם קאַמפּף.

עס ווערט נאָך מאַנכעס מאָהל צו דעם אַרגומענט צו־געלייגט דער "גראָבער פינגער" און "דרעהט אוים" אויף א לומדישען שטייגער אַזאַ מין פשט'ל: ווי באַלד אז די גמרא אליין זאָגט אז עס איז פאַר די מענשליכע כחות אונמעגליך בייצוקומען זיינע שוואַכקייט און "ואלמלא הקב"ה עוזרו לא יכול לו" (ווען ניט די געטליכע הילף וואָלט דער מענש ניט געקענט גובר זיין דעם יצר הרע), טאָ אויב אַזוי — טראַכט ער זיך — נאַכוואָס זיך לכתחילה נעהמען די מיה? איך, אָהן גאָט, קען דאָך גאָר ניט אויפטאָן, גאָט ווידער דאַרף דאָך מיין הילף ניט האָבען, איז דאָך גלייכער עס איבערלאָזען אין גאַנצען צו גאָט אליין...

עד כאן דברי היצר הרע — אָט דאָס אַלעס אָבער איז נאָר דעם יצר הרע'ס רייד און זיינען דעריבער דורכאוים פאַלש. דער יצר טוב אָבער האָט אויך א וואָרט אין דער אַנ־געלעגענהייט און "ער" זאָגט שוין עפּעס אַנדערש, און אויך מיט א פסוק און מיט א גמרא.

דעם יצר טוב'ס פסוק איז טאַקע דער פון דער הייג־טיגער סדרה:

"כי תצא למלחמה על אויביך — ונתנו ה' אלקיך בידיך".

יאָ, זאָגט ער, טאַקע "ונתנו ה' אלקיך בידיך", דו מוזט זיכער אָנקומען צו גאָט, אָהן איהם קענסטו די מלחמה ניט געווינען, אָבער ווען קענסטו קריגען די געטליכע הילף, ערשט ווען פריהער וועט זיין "כי תצא למלחמה". דו מוזט צום ערשטען די מלחמה אָנפאַנגען, דו דאַרפסט פריהער דעם דועל אַרויסרופען, דו דאַרפסט זיין דער "הבא לטהר" און ערשט דאַן וועט קומען דעם "מסייעין אותו". פריהער "כי תצא" און דער נאָך "ונתנו ה' בידיך"...

צושלאָגט דער דאָזיגער ענטפער די גאַנצע יצר-הרע אַרגומענטאַציע. ניטאָ קיין אָרט פאַר יאוש, ווייל דאָרט וואו עס איז פאַראַן אַ געטליכע קאָאָפּעראַציע, דאָרט וואו גאָט אַליין מישט זיך אַריין איז מען שוין מיט'ן נצחון זיכער. און עס קען אויך ניט זיין קיין רייד פון איבערלאָזען אין גאַנצען צו גאָט, ווייל אונטער אַזעלכע באַדינגונגען וועט די גאָטהייט אויך אָבשטעהן...

דער זעלבער געדאַנק ווערט אויך פאַרטרעפליך אויס-געדריקט אין דעם בעקאַנטען זאַץ פון דער משנה: "אם אין אני לי מי לי — וכשאני לעצמי מה אני". דאָ זיינען צוזאַמענ-געשטעלטביידע טהיילען פון דעם דאָזיגען קאַמפף, דער מענשליכער און דער געטליכער. פון איין זייט איז טאַקע אמת אַז "כשאני לעצמי", עס הייסט ווען דער מענש וואָלט איבערגעלאָזט געוואָרען צו זיך אַליין, ער זאָל אויף זיינע פּלייצעס טראָגען דעם גאַנצען קאַמפף דאַן איז "מה אני", וואָס פאַר אַ ווערטה און ממשות קען איך, מענש, האָבען. מוז מען טאַקע אָנקומען צו דעם "הקב"ה עוזרו". פאַרלאָזען זיך אָבער נאָר אויף גאָט, וועט עס אויך ניט געהן, ווייל — "אם אין אני לי", אויב מיין אייגענער איך וועט דאָ ניט זיין פאַר-טראָטען דאַן איז "מי לי"? ווער וועט מיר דאַן העלפען?

גאָט ? ניין ! "ער" איז נאָר וויליג צו קאָאָפּערירען אבער ניט צו טהאָן דעם מענשענ'ס טהייל אויך.

קלינגט טאַקע סימבאָליש זעהר שעהן רש"י'ס אויס־דרוק אויף די ערשטע פסוקים פון דער היינטיגער פרשה: "לא דברה תורה אלא כ נ ג ד יצר הרע". יאָ, אין דעם "כי תצא למלחמה" איז פאַראַן אַן ענטפער כ נ ג ד יצר הרע...

* *

*

און אויב די טעג זיינען טעג פון חשבון הנפש פאַר דעם אינדיווידועלען אידען, דאַרפען זיי אויך דיענען אַלס אַזעל־כע פאַר דעם גאַנצען כלל, אָדער אין אַנדערע ווערטער: די זעלבע געדאַנקען פון חשבון הנפש וואָס דער איד האָט צו טראַכטען אין באַצוג צו זיין אינדיווידועלע אידישקייט, האָט ער אויך צו טראַכטען אין באַצוג צו זיין כ ל ל אידישקייט. זיינע פליכטען צום כלל וועלכע דריקען זיך אויס אין נאַציאָ־נאַלע מעשים העלפענדיג צו געווינען די נאַציאָנאַלע מלחמה אַרום אונזער נאַציאָנאַלע היימלאַנד, אַט די פליכטען זיינען דאָך אויך אַ חלק פון דעם איד'ס אידישקייט און אויך אין דעם חלק דאַרף אָנגעווענדעט ווערען דער זעלבער חשבון הנפש.

ווייל צום באַדויערען זיינען דאָך פאַראַנען פיעלע מענשען און דוקא אַזעלכע וועלכע אין דעם אינדיווידועלען חשבון הנפש בלייבען זיי גראַדע ניט הינטערשטעלינג, אָבער ווען עס קומט צו זייערע פליכטען צום כלל ישראל, דאָ איז שוין יאָ שולט אויף זיי דעם יצר הרע'ס אַרגומענטאַציע. זיי בלייבען פאַסיוו און טונקען ניט איין דעם פינגער אין קאַלטע וואַסער פאַר די אַרבייט פון אֶרץ ישראל בלויז אויף דעם דערמאַהנטען גרונט פון "וכשאני לעצמי מה אני", אויב עס וועט ניט זיין גאָט'ס הילף וועלען מיר אליין גאָר ניט קענען אויפטהאָן, און דערפאַר פאַרלאָזען זיי זיך אין גאַנצען אויף

גאָט אַליין און בלייבען גלייכגילטיג צו דער גאַנצער ציון ארבייט.

אין דעם פאַל, פאָלגען שוין נאָך שפּאָגעל נייע פּסוקים און גמרות וואָס זיינען ספּעציפיש פאַר די א״י פראַגע אשטייגער ווי די וואָס מיר האָבען שוין אויף אַן אַנדער פלאַץ דערמאָהנט. צום ביישפּיעל דער פּסוק: ״אם ה׳ לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו״ אָדער די שבועה פון ״שלא ידחקו את הקץ״ א. ד. ג.

וואָלט מען אָבער אויך אין דעם פאַל אַנגעווענדעט דעם זעלבען חשבון הנפש, וואָלט מען דאַן שנעל איבערצייגט געוואָרען אַז אויך דאָ איז די דאָזיגע אַרגומענטאַציע אונטער געטראָגען געוואָרען פון דעם יצר הרע, ווייל די נאַציאָנאַלע מצות אַזוי גוט ווי די רעליגעזע (אויב מען קען בכלל ביי אונז אָבטהיילען איינע פון די אַנדערע) זיינען פון איין טייג אויס־געקנאָטען געוואָרען און אַלע ווערען געמאָסטען מיט דער זעלבער אמת־המדה.

געווים קען זיך אָהן דעם רבונו של עולם גאָר ניט טהאָן און דערפאַר זיינען מיר דאָך אימער מתפלל צו ״איהם״ אין אונזערע אַלטעגליכע תפלות: ״ולירושלים עירך ברחמים תשוב״, ״ותחזינה עינינו בשובך לציון״, אָבער ארץ ישראל וועמעס ישוב איז פּונקט אַזאַ מצוה ווי למשל ״ישיבת סוכה״, איז פון דעם שטאַנדפּונקט ניט אַנדערש ווי אירגענד וועלכע אַנדער מצוה ביי וועלכע מ׳דאַרף אויך אָנקומען צו גאָט און דאָך דאַרף מען אַליין זיך אָנשטרענגען מיט אַלע מעגליכקיי־טען עס צו טהאָן און וואַרטען נאָר אויף די הילף פון הימעל.

מיר האָבען דאָ גענומען די סוכה אַלס ביישפּיל. זאָגט מען דאָך טאַקע: ״הרחמן הוא יקים לנו את סכת דוד הנופלת״ וועלכעס באַציהט זיך אויף א״י, און בשעת מיר בעטען ״יקים לנו״, דאַרף מען ניט פאַרגעסען אַז ווען עס

האנדעלט זיך ביי "קימה" איז דאָ נאָך אַ מין "קימה" אין דער תורה, נעמליך: "הקם תקים עמו" און דאָרטען זאָגען טאַקע חז"ל אַז אויב דער אייגענטימער פון דעם אייזעל וועמעס משא ס'האָט זיך אַרונטערגעגליטשט און נויטיגט זיך אין די הילף פון אַ צווייטען, יענער זאָל איהם העלפען צוריק אויפ־הויבען די משא, אויב ער וועט זיך שוין אין גאַנצען פאַרלאַ־זען אויף יענעם און אַליין זיך אַוועקזעצען רוהיג און ניט העל־פען דעם צווייטען, דאַן איז דער צווייטער פטור פון די מצוה "הקם תקים" ווייל די תורה זאָגט בפירוש: "ע מ ו", מיט איהם צוזאַמען.

און אויב ביי די סוכת דוד איז אויך פאַראַן אַ "יקים לנו", דאַרף די "קימה" אויך זיין מיט דעם "ע מ ו" און ניט אַליין בלייבען גלייכגילטיג און זיך בלויז פאַרלאָזען אויף גאָט...

צום "ה' יבנה בית" דאַרף אויך זיין "בוניו בו"...

יאָ, די היינטיגע פרשה איז אַ פרשה פאַר חשבון הנפש סיי פאַר דער טראַדיציאָנעלער אידישקייט און סיי פאַר דער נאַציאָנאַלער. איןביידע פעלע דאַרף מען זיך אַליין אַנ־שטרענגען און קעמפפען, און קוים וועט נאַר זיין פון אונזער זייט דער: "כי תצא למלחמה" וועט שוין במילא זיין — "ונתנו ה' אלקיך בידך"...

כי תבא

מתחילי מצוה וגומריה

והיה כי תבא אל הארץ — עשה מצוה זו שבשבילה תכנס לארץ (ספרי).

אויפ'ן פסוק אין פרשת עקב: "כל המצוה אשר אנכי מצוך היום תשמרון לעשות", שטעלט זיך אפ דער מדרש תנחומא, און זאגט דארויף:

"כ ל המצוה — אם התחלת במצוה הוי גומר את כולה". א מצוה דארף אבגעטהאן ווערען אין גאנצען, און ניט בלויז אנפאנגען צו טהאן און ניט ענדיגען: דאס לערנט מען אפ, זאגט ווייטער דער מדרש, פון משה רבינו אויף וועמען די תורה זאגט "ויקח משה את עצמות יוסף עמו", משה האט מיטגענומען די ביינער פון יוסף'ן ווען די אידען זיינען ארויס פון מצרים און וועהרענד זיי, די אידען, זיינען צו יענער צייט געווען באשעפטיגט מיט "ביזת מצרים" און האבען "קיין צייט ניט געהאט" זיך אבצוגעבען מיט דעם "ליקוט עצמות" פון יוסף הצדיק אין אנקלאנג מיט זיין צוואה פון "והעליתם את עצמותי מזה אתכם", האט זיך אבער משה אין גאנצען אבגעגעבען מיט די עצמות יוסף, און דאך שטעהט געשריבען (יהושע כד) "ואת עצמות יוסף אשר העלו ב נ י י ש ר א ל ממצרים", דער קרעדיט ווערט געגעבען צו די בני ישראל און ניט צו משה'ן. דאס איז דערפאר וואס משה האט נאר אנגעפאנגען צו טהאן די מצוה, ער איז אבער געשטארבען אין מדבר און האט דעריבער ניט געקענט ענדיגען די מצוה. איז

דערפון צו זעהן אַז אַ מצוה ווערט נאָר צוגעשטעלט צום קרע־דיט פון דעם וואָס ע נ ד י ג ט איהר.

איך געדענק אַלס ישיבה אינגעל פלעגט מען שטענ־דיג "קוקען קרום" אויף יענע ישיבה בחורים וואָס ווען זיי פלעגען שוין אָנהויבען צו "לערנען פאַר זיך" האָבען זיי זיך געכאַפּט צו די גמרא "ברכות". דאָס איז באַטראַכט געוואָרען אַלס ניט קיין גוטער סימן, מען האָט פון לערנען די גמרא ברכות ניט געזעהן קיין סימן ברכה אין די התמדה פון דעם תלמיד. איז עס ניט דערפאַר וואָס "ברכות" איז חלילה ערגער פון אַן אַנדער גמרא, נאָר בלויז דערפאַר וואָס ברכות איז די ע ר ש ט ע גמרא פון ש"ס און עס האָט דערפאַר געשאַפען דעם איינדרוק אַז דער תלמיד האָט בלויז אַ נייגונג פון צו זיין "המתחיל במצוה"... אין מעהרערע פעלע האָט זיך טאַקע אַרויסגעצייגט אַז די דאָזיגע ברכות־לומדים זיינען געבליבען ביי דער התחלה...

דער דערמאָהנטער מדרש איז זעהר כאַראַקטעריס־טיש פאַר דעם אידישען דורכשניטליכען לעבען אין אמעריקא וועלכער איז כמעט אויף דעם גאַנצען שטח פון זיין אידיש־קייט נאָר פון אַן התחלה כאַראַקטער. אידען האָבען ליעב און טאַקע שטאַרק ליעב אָנצופאַנגען אַ מצוה און דעם דאָזיגען אָנפאַנג צו פייערען מיט פראַכט און מיט גלאַנץ פיעל מעהר ווי די פרימסטע אידען אין די פרומע שטעט פון אירופּא און אין ארץ ישראל, אָבער ניט מעהר ווי די התחלה. די פאָרט־זעצונג און דעם סיום פון אַ מצוה, דאָס האָט שוין מיט זיי ניט צו טהאָן, וועגען דעם קימערען זיי זיך וויניג. דאָס דאַרף בלייבען פאַר די פרומע אירופּעאישע אידען און ניט פאַר די אַמעריקאַנער.

אָט צום ביישפּיל די מצוה פון תפילין. קען מען ניט זאָגען אַז אַמעריקאַנער אידען האַלטען חלילה ניט פון דער מצוה. אדרבה, עס קוקט גאָר אויס אַז די דאָזיגע אידען

זיינען מחבב די תפילין נאָך פיעל מעהרער ווי די אידען פון דער אַלטער היים, ווייל וואו נאָך ווי דאָ אין אמעריקא ווערט די דאָזיגע מצוה אויפגענומען מיט אַזוי פיעל פּאַמפּ ? וואו נאָך אַנדערשוואו ווערט אַ בר-מצות יום-טוב גע'יובעלט מיט אַזוי פיעל פּראַכט ? דוכט זיך אַז די געלט וואָס ווערט דאָ גע-ספּענדעט פאַר אַ בר-מצוה יו"ט האָט מען אין דער אַלטער היים געקענט דערמיט חתונה מאַכען כאָטש אַ צוויי-דריי בוגרת'ן...

איז אָבער דאָס אַלעס נאָר אין דער התחלה, עס הייסט אין בר-מצוה טאָג גופא און העכסטענס עטליכע טעג אָדער וואָכען שפּעטער. געהט אָבער אַוועק אַ שטיקעל צייט און אַ גרויסער פּראָצענט, אויב ניט דער גרעסטער, פון די דאָזיגע בר-מצוה חתנים'לאַך טרעטען שוין אַריין אַלס "מעמ-בערס" אין דער ליעג פון די "קרקפתא דלא מנח תפילין" און מיט דער צייט פאַרגעסען זיי שוין זאָגאַר אויך די ברכה אויף דער תורה וועלכע זיי האָבען מיט אַזוי פיעל מיה אויסגעהאָרע-וועט חדשים לאַנג כדי צו קענען קריגען מפטיר אין דעם בר-מצוה טאָג.

און טאָמער וועט איהר פרעגען: סטייטש די מצוה פון תפילין איז דאָך חל אויף אַלע טעג פון דעם גאַנצען לעבען, טאָ מיט וואָס איז דאָ מעהר יחסן דער ערשטער טאָג ? איז ווידער דער זעלבער תירוץ: אין ערשטען טאָג פון דער בר-מצוה איז די תפילין אַן התחלה און פון התחלות-מצות האַלט מען דאָ זעהר שטאַרק אין אמעריקא, די אַנדערע טעג אָבער זיינען דאָך שוין ניט מעהר קיין התחלה נאָר אַ המשך און המשכים ביי מצות איז ניט קיין אַמעריקאַנער פּראָדוקט...

והיינו טעמא דתפילין, והיינו טעמא דשופר!

דאָס זעלבע וואָס מיר זעהן ביי תפילין, זעהען מיר אויך ביים שופר-יום טוב, ביי ראש השנה.

ניטאָ דוכט זיך קיין אַנדער לאַנד אין דער גאַנצער וועלט וואו אידען זאָלען אויסגעבען אַזוי פיעל געלט אויף דעם ראש השנה יו"ט ווי אין אמעריקאַ. שווערע הונדערטער טויזענטער דאָלאַרס ווערען פאַרברויכט אין דעם דאָזיגען יום-טוב; מ'צאָהלט אַפּ פינף, אַכט, צעהן און פופצעהן און פיליייכט נאָך מעהר דאָלאַרס פאַר "סיטס" אין די שוהלען. די סומע ווערט נאָך פאַרדאָפּעלט און פאַר דרייפאַכט ביי די וועלכע נויטיגען זיך אין מעהר ווי איין סיט, און פאַראַן אידען וועלכע דאַרפען צומאָהל פינף און זעקס סיטס און זיינען אגב מהדר צו האָבען די שעהנסטע סיטס, אין מזרח אָדער אין שפּיגעל וואַנט, און זיינען דערפאַר מסלק די מזומנים מיט צעהנער דאָלאַר בילס.

עס איז דאָך אַ פאַקט אַז כמעט אַלע שוהלען אין אמעריקא עקזיסטירען בלויז אויף דער איינגאַמע פון די ראש השנה-יום כפור טיקעטס. דער גאַנצער יעהרליכער שוהל בודזשעט צוזאַמען מיט זייערע ערשטע און צווייטע "מאָרט-געדזשעטס" ווערען געדעקט פון די ימים נוראים הכנסה. עס איז דאָך אויך אַ פאַקט אַז די מעהרסטע חזנים, גרעסערע און קלענערע, לעבען דעם גאַנצען יאָהר אויף דעם חשבון פון זייער הכנסה פון די ימים נוראים. אפילו די "יעהרליכע" חזנים קריגען זייערע דריי און פיער טויזענט דאָלאַר'דיגען גע-האַלט בלויז צוליעב די דריי טעג פון ר"ה און יום-כפור, אַזוי אַז אויף זיי קען געזאָגט ווערען די תלמוד'ישע מליצה "מזונותיו של אדם קצובין לו מראש השנה" אין בוכשטעבלי-כען זין פון דאָס וואָרט, עס הייסט אַז פון דעם ראש השנה יו"ט האָבען זיי די מזונות פאַר דעם גאַנצען יאָהר...

און וויפיל אַ שטייגער ספּענדען אידען ר"ה און יום כפור אין די שוהלען אויף איינצוקויפען "מצות". צאָהלט מען דאָך פופציגער און הונדערטער פאַר מפטיר'ם און סתם עליות, פאַר פתיחת-הארון און פאַר מפטיר-יונה.

און די צאהל באזוכערס אין די שוהלען ר"ה און יום-כפור איז דאך אונבאשריען אזוי גרוים אז עס איז פשוט קיין פלאץ ניטא אלעמען ארייננצונעהמען און דערפאר ווערען פאר די דאזיגע טעג אויך טאנץ-זאלען, טעהעטארען און קינימאטעגראף הייזער פארוואנדעלט אין שוהלען...

און וואלטען מיר געוואלט קענען לערנען דעם מצב פון אידישקייט אין אמעריקא לויט די צאהל שוהל באזוכער אין די ימים נוראים און לויט די מאס פון זייער חבוב-המצות אין די דאזיגע טעג, וואלטען מיר געקענט ארויסטראגען די שעהנסטע "סנגוריה" אויף אמעריקאנער אידען, מיר וואלטען זיי געקענט באטראכטען אלס מוסטער פון אידען און אידישקיים.

קומען מיר אבער אריין אין די זעלבע שוהלען נאך די ימים נוראים, אין די פשוט'ע שבתים פון יאהר און זעהן ווי ליידיג זיי זיינען אזוי אז ווען ניט די אבלים און די בעלי "יאהרצייט" וואס קומען קדיש זאגען וואלט אפשר אפילו קיין מנין ניט געווען, ווערט אונז דאן ווידער קלאהר אז דא האבען מיר צוטהאן מיט דעם טיפ אידען וועלכע געהרען צו דעם "המתחיל במצוה". ראש-השנה און יום-כפור זיינען די התחלה טעג פון יאהר און דערפאר זיינען זיי אזוי ליעב און טייער צו אונזערע ליעבע און טייערע אמעריקאנישע אידען, און קוים מאכט מען נאר די התחלה ווי עס דארף צו זיין, מעג מען שוין דעם "המשך" איבערלאזען פאר די עשרה בטלנים מיט די איינגעבויגענע זקנים, אליין איז מען שוין פטור פון אלץ...

משל למה הדבר דומה: אט די מתחיל במצוה-אידען קענען פארגליכען ווערען צו איינעם וואס דינגט א הויז אדער קראם און גיט א "דעפאזיט", מיינט עס דען אז מיט זיין דעפאזיט האט ער זיך שוין גע'פטר'ט צו באצאהלען זיין מאנאטליכע רענט און זאל ער טאקע בלויז איינמאהל קיין דירה

געלט ניט צאהלען, וועט איהם זיין פריהעריגער דעפאזיט וויינינג וואס העלפען און וועט אהן שום טענות ארויסגעזעצט ווערען פון זיין וואוינונג אדער קראס. דאס זעלבע ווען א מעמבער אין א פעראיין וואס האט איינגעצאהלט איינטריט געלט און וויל אויף דעם סמך שוין פטור ווערען פון זיין יעהר־ליכע דיוס, ווערט ער נאטירליך "געשטראכען" און מען שליסט איהם אוים פון דער חברה.

ווען עס קומט אבער צו אידישקייט וויל מען דאס ניט פארשטעהן און מיט א דעפאזיט אויף תפילין דורך דעם בר־מצוה טאג אדער מיט א דעפאזיט אויף'ן יאהר דורך די טעג פון ר"ה און יום כפור, וויל מען זיך שוין פטר'ן פון די פליכטען פון דער אלטעגליכער אידישקייט.

מיר געפינען אמת אויך אין אונזער תורה ווי עס ווערט אבגעגעבען זעהר א חשוב'ן פלאץ פאר א מצוה וואס זי טראגט אן התחלה כאראקטער. ווייסען מיר דאך צום בייי־שפיל מיט וואס פאר א פראכט און גלאנץ עס איז געפייערט בעוייארען די מצוה פון היינטיגער סדרה — בכורים. גייסט־רייכע און גראציעזע בילדער ווערען געמאלען אין די משניות פון מסכת בכורים אין פארבינדונג מיט די עהרליכע און טראַ־דיציאנעלע פראצעסיע וואס איז פארגעקומען דעמאלט ווען מען האט געפיהרט די בכורים אין ירושלים. און דאס אלעס דארף נאטירליכערווייזע צוגעשטעלט ווערען צום כאראקטער פון דער דאזיגער מצוה וועמעס נאמען אליין "בכורים" דריקט מיט זיך אוים א מצוה פון אן התחלה גייסט, אבער גראדע פון דער מצוה גופא קענען מיר ערשט לערנען די ריכטיגע קריטיק אויף אונזערע מתחיל במצוה'ניקעס. דער דערמאנטער מאמר חז"ל פון אונזער טעקסט ווארפט א ליכט אויף די פרשה פון בכורים פון וועלכעס מיר קענען ציהען דעם געהריגען מאראַ־לישען קאנסעקווענץ.

אויף'ן פסוק "והיה כי תבוא אל הארץ" פון אונזער פרשת בכורים, זאָגט דער ספרי: עשה מצוה זו שבשבילה תכנס לארץ". פשוט וואָלט עס הייסען אז גאָט הייסט טהאָן די מצוה פון בכורים כדי אין איהר זכות זאָלען אידען אריינקומען אין ארץ ישראל. וואָלט זיך דאָס אָבער שיקען צו זאָגען ווען די מצות-בכורים וואָלט מען געדאַרפט מקיים זיין איידער מ'געהט אריין אין א"י, וואָלט עס דאַן געווען א מין הכשרה אויף צו קענען אריינקומען אין לאַנד. איז דאָך אָבער די גאַנצע מצות בכורים ערשט נוהג ווען מען איז שוין אין א"י, מען קומט דאָך נאָך אריין אין א"י איידער מען איז מקיים די מצוה, טאָ ווי שיקט זיך צו זאָגען אז דורכ'ן מקים זיין די מצוה וועט איהר אריינקומען אין לאַנד?

איז מיר זעהר געפעהלען וואָס איך האָב געזעהן אין א ספר (מנחת יהודה — גרוסמאַן) ווי ער ערקלעהרט אז די כונה פון ספרי איז א גאַנץ אַנדערע. ער איז עס מסביר אין ליכט פון דאָס וואָס חז"ל זאָגען אז ווען משה האָט אַזוי שטאַרק געבעטען ביי גאָט אז ער זאָל איהם לאָזען אריינקומען אין א"י, איז עס ניט געווען דערפאַר וואָס משה האָט געוואָלט "לאכול מפריה ולשבוע מטובה", עס הייסט דעם קערפערליכען גענוס פון די ארץ זבת חלב ודבש, נאָר ער האָט בעיקר געוואָלט קענען מקים זיין די "מצות התלויות בארץ", ניט די ארץ ישראל של מטה איז ביי איהם געווען אַן עיקר, נאָר די "ארץ ישראל של מעלה"...

אָט דעם געדאַנק האָט גאָט געוואָלט איינוואָרצלען אין די הערצער פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק אז אויך דאָס גאַנצע פאָלק זאָל פאַרשטעהן אז דאָס קומען אין א"י האָט ניט פאַר זיך אַלס הויפט צוועק די מאַטעריאַלישע זייט פון לעבען נאָר די גייסטיגע זייט. האָט דערפאַר גאָט געגעבען די מצוה פון בכורים וועלכע איז די ערשטע מקים צו זיין ביים אריינקומען אין לאַנד כדי זי זאָל דיענען אַלס מוסטער פאַר דעם

גאנצען ישוב א״י, אז דער צוועק פון ישוב זאָל זיין אַ בכורים-ישוב, אַ מצוה-ישוב, אַ גייסטיגען לעבען...

אַט דאָס זאָגט דער ספרי: ״עשה מצוה זו שבשבילה תכנס לארץ״, דיין כניסת הארץ זאָל זיין נאָר ״בשבילה״ צוליעב איהר, צוליעב די מצות זייט פון ישוב און ניט צוליעב די מאַטעריעלע זייט פון לאכול מפריה ולשבוע מטובה.

הייסט עס אַלזאָ אַז די גאַנצע פּראַכטפאָלע און עהר-ליכע פּראָצעסיע פון די הבאת הבכורים האָט בלויז געטראָגען אַ דעמאָנסטראַטיווען כאַראַקטער צו דעמאָנסטרירען דעם גע-דאַנק פון ישוב א״י פון זיין אידעאַלער זייט, ווי צו זאָגען: ״כזה ראה וקדש״, אַט האָט איהר אַ מוסטער און אין אַנקלאַנג דערמיט זאָלט איהר איינאָרדנען דעם גאַנצען לעבען אין א״י, ווי יעדער מוסטער וואָס ווערט געוויזען ניט פאַר זיך אליין נאָר ״ללמד על הכלל כולו״.

ווייזט דאָך שוין טאַקע, פון דיעזען שטאַנדפּונקט, די דאָזיגע התחלת-מצוה פון בכורים, גראַדע דעם היפך. עס ווייזט אַז דאָס איז דער מוסטער פאַר דעם מאָרגענדיגען און איבערמאָרגענדיגען לעבען, ניט יוצא צו זיין בלויז מיט אַ שעהנע צערמאָניאַלע התחלה, נאָר אָנהאַלטען אַן אונאויפ-ערליכען המשך, און איז אַ מעכטיגער פּראָטעסט געגען די מתחיל-במצוה אידען פון אונזער אַמעריקאַנער מדינה...

״כל המצוה — אם התחלת במצוה הוי גומר את כולה״ !...

נצבים-וילך

בתי-הכנסת "הקי־קיונים"

(מאשרום בלע"ז)

— ואמר ביום ההוא על כי אין אלוה בקרבי מצאוני הרעות האלה — ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא (לא — יז־יח).

אין די ציטירטע טעקסט פסוקים שפירט זיך די אונקלאהרקייט דאמיט, וואס לויט ווי מיר וויסען דעם ערך פון תשובה אז "במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד" און אז אין דער צייט וואס "חכמה, נבואה און תורה האט יעדערע פון זיי געהאט א שטרענגע באציהונג צו דעם נפש החוטאת ווען עס איז זיי געשטעלט געווארען די פראגע: וואס זאל זיין מיט דעם פארזינדיגטען מענשען, האט אבער גאט אליין לייכטער געמאכט דעם וועג און געזאגט: יעשה תשובה ויתכפר" — טא ווי שיקט זיך עס דער דערמאהנטער סטייטמענט וועגען דעם בעל תשובה וואס אנערקענט זיין זינד און זאגט אליין אז די אלע אומגליקען וואס האבען איהם געטראפען זיינען א רעזולטאט פון זיינע שלעכטע מעשים, הייסט דאך עס אז ער שטעלט זיך אין א ליכט פון א בעל תשובה, און צום סוף זאגט גאט אליין: "ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא על כל הרעה אשר עשה" ווי צו זאגען אז גאט וועט זיין תשובה ניט אננעהמען, ווי אלזא שטימט עס מיט דעם אנגענומענעם כלל אז תשובה העלפט אויף אלדיינג ?

ערקלעהרען דערפאר מאנכע פון די מפרשי התורה אז דער דאזיגער "הסתרת פנים" איז א רעזולטאט פון דעם "ואמר ביום ההוא". עס הייסט אז דא האבען מיר צו טהאן נים מיט קיין אמת'ן פערמאנענטען בעל תשובה, זאנדערן מיט א צייטווייליגען בעל תשובה, א בעל תשובה פון "ביום ההוא" וועלכער ווערט בלויז מאמענטאל געריהרט אונטערן דרוק פון די הימלישע שווערע שטראף, ווען עס איז: "ומצאוהו רעות רבות וצרות"... אזוי גיך אבער ווי דער "ביום ההוא" געהט אוועק און עס ווערט איהם אביסעלע גרינגער אויף'ן הארצען דאן "בלייבט עס צוריק ביים אלטען" און קעהרט זיך צוריק צו זיינע שלעכטע וועגען.

אזעלכער איז אין דער בחינה פון יענע עובדי הבעל פון אליהו'ם צייטען וועלכע האבען אויך אין א געוויסען מאמענט, אונטער'ן דרוק פון די געטליכע וואונדער אויף דעם הר הכרמל, אויסגעשריען מיט עקסטאזנע אינספיראציע "ה' הוא האלקים", אזוי גיך אבער ווי יענער אינספירענדער מאמענט איז אריבער האבען זיי זיך צוריק געקעהרט צום בעל און האבען נאך ביטער פארפאלגט דעם געטליכען נביא.

תשובה איז טאקע די גרעסטע און ווירקזאמסטע זאך, אבער נאר דאן ווען די תשובה איז א ריכטיגע, א דויערהאפטיגע אבער ניט דעמאלט ווען זי איז צייטווייליג און טראגט בלויז א פראוויזארישען כאראקטער. ניט דעמאלט ווען עס איז א תשובה פון "ביום ההוא"...

דיעזער געשפרעך איז זעהר אנגעמאסטען אלס א "דבר בעתו" פאר דעם היינטיגען שבת וועלכער איז דער לעצטער פון יאהר און דארף דיענען אלס טאג פון חשבון הנפש ווען דער גייסטיגער סך הכל פון גאנצען יאהר דארף אונטערשטראכען ווערען.

און ווען מיר געהן איבער פון דער פרשה פון בוך אין דער פרשה פון לעבען און ווילען למשל באשטימען א פלאץ פאר אונזערע היינטיגע בעלי תשובה, הויפטזעכליך די וועלכע געפינען זיך מיט אונז אין דער נייער וועלט וואס רופט זיך אמעריקא, און ווילען וויסען צו וועלכען סוג פון בעלי תשובה זיינען די מעהרסטע אידען פון אונזער מדינה שייך, דאן קומט די ביטערע מציאות און קלאסיפיצירט זיי טאקע אין דעם סוג פון די "ביום ההוא'ניקעס"...

עס איז א טרויעריגער אמת אבער דאך אן אמת. זעהר פיעל, אונבאשריען, איז די צאהל פון אונזערע בעלי תשובה אין די הייליגע טעג פון סליחות, ראש-השנה און יום-כפור. אפילו די וועלכע שטעהען א גאנץ יאהר אין די שורות פון די "חוטאים" און זייער ארט לעבען איז אזא פון "בשרירות לבי אלך", אזוי גיך אבער ווי עס קומען אט די הייליגע טעג ווערען זיי גלייך בעלי תשובה, קומען אין שוהל כמעט אלע אהן אויסנאם און הויבען זיך אין די טעג אויף העכער פון זייערע אלטעגליכע וואכעדיגע מאטעריעלע אינטערעסען.

קוקט עס אויבערפלעכליך אוים ווי די דאזיגע אידען זיינען מיט אמאהל אלע בעלי תשובה געווארען, עס איז געווארען "אכשור דרא" און משיח'ס וועג איז שוין אויסגעפלאסטערט מיט די כולו-זכאי-בלומען...

געהען אבער נאר די ימים נוראים אריבער און עס ווערט גלייך קלאהר אז די דאזיגע בעלי-תשובה-ארמיי געהר גאר צו דער קאטעגאריע פון "ביום ההוא" בלויז תשובה אידען פאר יענע טעג פון ראש השנה און יום-כפור, עס הייסט פע-ריאדישע בעלי תשובה אבער נים קיין פערמאנענטע ווייל ווי דער יום-כפור געהט אוועק פראווען זיי א צווייטע "תשובה" און קעהרען זיך אום צוריק צום אלטעגליכען לעבען פון בעפאר די ימים הנוראים.

ווילט זיך אָבער ניט אַריינפאַלען אין יאוש און אויס־זעצען אַזאַ גרויסען חלק פון דעם כלל ישראל צו אַזאַ גרויזאַ־מען עונש פון "הסתרת פנים" חס ושלום. עס ווילט זיך געפינען פאַר זיי עפּעס אַזאַ מין זכות לויט וועלכען סניגור זאָל אַרויס־שטויסען קטגור פון זיין אָרט און אונזערע בעלי תשובה זאָ־לען, טראָץ די ביטערע מציאות, קענען פאַררעכענט ווערען פאַר קאָנסעקווענטע תשובה אידען.

און דאָ קומט אונז צו הילף דער ערשטער פסוק פון די ערשטע העלפט פון היינטיגע צווילינג־סדרות.

"אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם" !

דער מדרש דערצעהלט אַז נאָכדעם ווי די אידען אין יענע מדבר עפּאָכע האָבען געהערט פון משה'ן די צ"ח קללות פון דער פאַרגאַנגענער סדרה, פרשת כי תבא, זיינען זייערע געזיכטער גרין און בלאַס געוואָרען אויס שרעק. ווער — האָ־בען זיי געזאָגט — וועט קענען ביישטעהן אַזעלכע שווערע שטראָפען ? האָט זיי דאַרויף משה געטרייסט און געזאָגט: "אתם נצבים היום כ ו ל כ ם". אַליין, אַלס אינדיווידועלע מענשען וועט טאַקע זעהר שווער זיין פאַר אייך נאָכצוקומען די גאַנצע תורה און זיך באַשיצען פון די קללות, ווען איהר וועט אָבער זיין אַלע פאַראייניגט און ערשיינען אין דער אידישער וועלט אַלס אַ צבור און ניט אַלס יחידים דאַן דאַרפט איהר פאַר די קללות קיין מורא ניט האָבען. אויב "כולכם" דאַן איז "אתם נצבים" וועט איהר בלייבען שטעהן גאַנץ און־באַריהרט. דער צבור אַלס אַ גאַנצעס קען יאָ דורכפיהרען דעם קיום המצות און ווען די יחידים וועלען זיך צוזאַמענ־שמעלצען אין איין יוניט וועלען זיי דאַן אַלס קיין יחידים ניט באַטראַכט ווערען נאָר אַלס צבור און די קללות וועלען אויף זיי ניט קענען שולט זיין.

אין אַט דעם פסוק אין ליכט פון דעם דערמאָהנטען מדרש קענען מיר אויך געפינען די טפה של נחמה פאַר אונזע־

רע אידען. דא אין דעם "אתם נצבים כולכם", ליגט דער סוד פון זייער תקון.

אמת טאקע אז אלס יחידים איז שווער פאר זיי צו געפינען דעם שעהנעם פלאץ פון אן אמת'ן בעל תשובה וויל, ווי געזאגט, איז זייער תשובה בלויז פון א "ביום ההוא" גייסט און דער אינדיווידועלער רעקארד איז זעהר א בלאסער. ווען אבער דער יחיד שטעלט זיך מיט'ן פנים צום צבור און שמעלצט זיך צוזאמען מיט'ן כלל אלס א גליד פון דער גאנצער אומה דאן ווערט זיין אינדיווידואליטעט אויפגעלייזט, און מען זעהט אין איהם בלויז דעם חלק צבור און דאן קען ער שוין ניט גע־שטעלט ווערען אין דער קאטעגאריע פון די צייטווייליגע בעלי תשובה. דער צבור אלס א גאנצער, איז דאך א פערמאנענטער בעל-תשובה. ר' ישראל איז אפשר טאקע בלויז א ר"ה־יום כפור איד, כל ישראל אבער איז א איד פון א גאנץ יאהר. דער צבור געפינט זיך אין שוהל ניט נאר אין די ימים הנוראים נאר אין אלע טעג פון א גאנץ יאהר. און דעמאלט ווען זיין תשובה ווערט א טהייל פון דעם תשובת-הצבור וועלכע איז א דויערהאפטיגע און פערמאנענטע, איז שוין במילא נימא וואס מורא צו האבען פאר קיין הסתרת פנים חס ושלום.

איז אבער פאראנען א געוויסער איבעל אויך אין דעם צבור'שען לעבען וועלכער צושטערט און פארניכטעט דעם גאנצען בנין פון דעם דאזיגען פארטיידיגונגס אקט און וועגען דעם איז כדאי זיך אבשטעלען און ערנסט פארטראכטען.

אונזער גאנצע סנגוריה איז דאך געבויט בלויז אויף דעם וואס דער צבור אלס א גאנצער געהער ניט צו די בעלי תשובה פון "ביום ההוא". קומט אבער די מציאות פון דעם אמעריקאנער אידישען לעבען און שטעלט מיט זיך פאר א מין צבור טיפ וועלכער שטעלט זיך אויך אין דער טונקעלער ליכט פון א צבור'שען ביום ההוא און פארוואנדעלט אזוי ארום די סנגוריה אין א קטגוריה...

דער ימים נוראים סעזאָן אין אַמעריקאַ האָט פּראָדוצירט אַזאַ מין שוהל וועלכער איז אויך ניט פון אַ פּערמאַנענטען כאַראַקטער. מיר מיינען דערמיט דעם טיפּ "מאָשרום שוהל" אין געשטאַלט פון די טאַנץ-זאַלען, קינעמאַטאָגראַף הייזער און טעהאַטערע וועלכע שפּראָצען אויס ווי שוועמלאַך אין די סליחות טעג און ווערען איין אויגענבליק פּערוואַנדעלט פון טומאה אין קדושה. די אַקטיאָרען טרעטען אָפּ צייטוויילינג פאַר דעם חזן מיט זיינע משוררים און די ביהנע ווערט אַ בימה; פון דרויסען ווערט אַרויסגעשטעלט אַ גרויסע שילד מיט'ן אויפשריפט "לשמוע אל הרנה ואל התפלה" פון וועלכע עס שטראַהלט אַרויס די פאָטאָגראַפישע בילד פון דעם זאָגענאַנטען "פאַרבעטער" אין זיינע "בגדי שרד" כביכול מיט זיין "זקנו מגודל ופרקו נאה" און מיט אַמאָהל ווערט די גאַנצע אַמעריקאַנישע שטאָט אַ "טלית שכולה תכלת" און אַ "בית שכולה ספרים".

אָט די סאָרט שוהלען זיינען דאָך אבער אויך ניט מעהר ווי שוהלען פון דעם "ביום ההוא" טיפּ, שוהלען פאַר די דריי געצעהלטע טעג פון ר"ה און יום-כפור, און ווי טראַגיקאָמיש (און געווים מעהר טראַגיש ווי קאָמיש) איז די דאָזיגע סצענע ווען נאָך אין מיטען "נעילה" שטעהען שוין פון דרויסען די אַקטיאָרען מיט די כאָרום מיידלאַך און וואַרטען אונגעדולדיג פאַר דעם שופר בלאז ווען גלייך נאָך דעם וועט די בימה צוריק ווערען ביהנע און פון חזן צוריק אַקטיאָר. און אויף דעם "היילינגען" פלאַץ וואָס בלויז מיט אַ שטונדע אדער צוויי צוריק האָט מען מיט באַגייסטערונג געשריען "ה' הוא האלקים" און "שערי שמים פתח". וועט מען איצט מיט הילכענדע ווילדע קולות שרייען און זינגען די ביליגע אונמאָראַלישע טעהאַטער לידלאַך, און די ערנסטע יום כפור שטימונג וועט ווידער מאַכען פּלאַץ פאַר די ליצנות און קלות-ראש...

און אזעלכע ערטער טראגט דאך אויף זיך די "תשובה" פון צבור אויך ניט מעהר ווי א צורה פון "ביום ההוא", און וואס קען שוין דעם יחיד העלפען ווען ער וויל מבטל זיין, זיין אידיווידואליטעט און זיך אריינשמעלצען אין די תשובה פון צבור, אויב אויך ער, דער צבור, געהער צו דעם דאזיגען טיפ פון "ביום ההוא"?...

פארטיידיגען זיך די דאזיגע אידען וואס דאוונען ימים נוראים אין די דערמאנטע מאשרום שוהלען מיט דער טענה אז בכן, אזוי ווי די צייטען זיינען שלעכט אין עקאנאמישען זין און באשר אין די האלס און טעהאטערע זיינען די "סיטס" ביליגער ווי אין די רעגעלע שוהלען, זוכען זיי דערפאר צו עקא־נאמירען אויפ'ן חשבון פון דעם רבונו של עולם.

ווילט זיך אבער די דאזיגע אידען פרעגען, צו ווילען זיי זיך אויך אין זייער מאטעריעלען לעבען באנוגנען מיט "פת במלח ומים במשורה"? בעטען זיי דען ניט ביים רבונו של עולם טאקע אין די זעלבע "עקאנאמישע שוהלען" אז ער זאל זיי באגליקען מיט א רחבות'דיגע פרנסה כדי זיי זאלען קענען "סופארטען" זייערע פאמיליעס מיט אלע נויטיגע באדערפ־ניסע, איינשליסענדיג אפילו די לוקסיעזעווירטשאפטליכקיי־טען? טא קען זיי דאך דער רבונו של עולם ענטפערען: אויב א טיקעט אין שוהל למשל, קענט איהר זיך צופרידענשטעלען מיט אזא וואס קאסט נאר 2 דאלאר טא פאר וואס קענט איהר זיך אויך ניט צופרידענשטעלען מיט א ביליגען מלבוש, שוך א. ד. ג.?

"אלול" איז דאך דער סימבאל פון "אני לדודי — ודודי לי", טא אויב דער "אני לדודי" דארף עקאנאמיזירט ווע־רען, פאר וואס זאל דאס זעלבע ניט זיין מיט דעם "ודודי לי"?...

טענה'ן אנדערע ווידער אז ניט בלויז דארפען די טעהאטער - מואווי - שוהלען ניט קריטיקירט ווערען נאר

פארקעהרט נאך, עס דארף זיין א פארגעניגען צו זעהן ווען אזעלכע מקומות הטומאה ווערען פערוואנדעלט אין מקומות הקדושה, און וואלט עס געזעהן אזא צדיק ווי דער בארדיטשׂ־זוער למשל, וואלט ער אהנע צווייפעל אויסגערופען מיט טריאומפף צום רבונו של עולם: "אה, זעה סארא פאלק דו האסט אז אפילו אין טעהאטערס און אין טאנץ־זאלען דאוונט מען אויך און מקומות הטומאה ווערט ביי זיי אויך פארוואנ־דעלט אין מקומות הקדושה!"

וואלט עס אפשר טאקע געווען א שטיקעל טענה, אבער נאר דאן ווען די דאזיגע מקומות טומאה וואלטען שוין אזוי פארבליבען קודש, ווען אבער נאך יום כפור בלייבט צוריק "כדאשתקד", דאן ווערט שוין דער דאזיגער פזמון אומגעבי־טען אין א פונקט פערקעהרטער פארמע... איז דאך שוין בע־סער "הויב מיר ניט אויף און ווארף מיר ניט צוריק אראפ"...

"ואותי ידרשון יום־יום" — איז דעם נביא'ס לאזונג, און בלויז אזא תשובה פון יום־יום איז די ריכטיגע אבער ניט די פון "ביום ההוא"...

אידישקייט דארף זיין אויסגעהאלטען, קאנזעקווענט און דאס געפינט זיך בלויז אין אן אלטעגליכע שוהל וואס איז א גאנץ יאהר דורכגעדרונגען מיט א גייסט פון קדושה.

האזינו

(לשבת שובה)

זכור ושמור בדבור אחד

דער גרויסער רבי ר׳ אהרנ׳לע קארלינער האט קלאסיפיצירט די ימים טובים פון יאהר אויף אזא אופן: די ״שלש רגלים״ זיינען די פיס (רגלים) פון יאהר, ״ראש השנה״, די קאפ (ראש) פון יאהר און יום כפור, די הארץ פון יאהר.

״שבת שובה״ וועלכער שטעהט צווישען ראש השנה און יום כפור, איז פאלגליך דער סימבאלישער בריק וואס איז מחבר דעם קאפ מיט די הארץ.

אט די קאמבינאציע איז אן און פאר זיך שטארק צוגעפאסט צום כאראקטער פון אידישען שבת. דער אידישער שבת אונטערשיידעט זיך פיעל פון די ניט-אידישע רוה-טעג וואס ביי אלע פעלקער פון דער וועלט. דער אונטערשיעד ליגט דארין וואס וועהרענד ביי די אומות העולם איז דער שבת ניט מעהר ווי א ״יום מנוחה״, איז ער ביי אונז א ״יום מנוחה וקדושה״.

מנוחה און קדושה זיינען צוויי באזונדערע באגריפען יעדערער וועלכעד שטאמט פון א גאנץ באזונדער אויפפאסונג, און געהר צו א גאנץ באזונדער טהייל פון די ארגאנישע חלקים פונ׳ם מענשליכען וועזען. די מנוחת השבת געהר צום הארץ און די קדושת השבת צום — מוח.

מנוחה, וואס דריקט אוים דעם איינפאכען עלעמענטארישען באגריף פון רוה, נויטיגט זיך נישט אין קיין באזונ-

דערע פארטיפונג; מען דארף ניט האבען קיין גרויסע בעלי מוח צו פארשטעהן די נויטיגקייט פאר א לעבעדיגעס וועזען צו האבען לפחות איין איינציגען טאג פון רוה יעדער וואך. דאס איז ניט קיין זאך פון שכל נאר פון געפיהל, פון אינס-טינקט. אפילו די לעבעדיגע באשעפענישען וועלכע זיינען גאר קיין בעלי שכל ניט, אקסען, אייזלען א. ד. ג. האט פאר זיי דער געזעץ אויך באשטימט א רוה טאג. די תורה זאגט בפירוש: "למען ינוח שורך וחמורך", ווייל, ווי געזאגט, איז עס מעהר א געזעץ פון דער נאטור וואס קען אינסטינקטיוו באגריפען ווערען אויך פון די וואס באזיצען ניט מעהר ווי דעם אינסטינקטיווען חוש. ביי דעם מענשליכען וועזען געהט דער זעלבער באגריף אביסעל ווייטער און צום אינסטינקטיווען חוש קומט אויך צו הילף דער סענטימענטאלער געפיהל וועל-כעס ווערט רעפרעזענטירט דורך די הארץ, אבער עס נויטיגט זיך לחלוטין ניט צו געהן אזוי ווייט אזש ביז'ן מוח, מען דארף דעם מוח ניט מאטערען אוים צו חקר'נען דעם שכל פון מ נ ו ח ת השבת. אין דעם פאל קען דער מוח אויך האבען מ נ ו ח ה...

אנדערש איז שוין אבער מיט דעם ק ד ו ש ת השבת. קדושה, הייליגקייט, איז שוין א העכערער באגריף, און אט דער באגריף איז שוין ניט קיין אינסטינקטיווער פראדוקט און אויך ניט קיין סענטימענטאלער. דערצו מוז מען שוין באנו-צען דעם מ ו ח, מען דארף זיך פארטיפען אין דעם קדושה געדאנק. און אין דעם ליגט, ווי געזאגט, דער אונטערשיד פון דעם אידישען שבת ביז דעם ניט-אידישען.

דער באגריף פון "רוה" דריקט מיט זיך אוים דעם פ א ס י ו ו ע ן שבת, "קדושה" אבער דריקט אויך אוים דעם א ק ט י ו ו ע ן שבת. "יום מנוחה" רעפרעזענטירט דעם שלילה, דאס נעגאטיווע, "יום קדושה" רעפרעזענטירט דעם חיוב, דאס פאזאטיווע. מנוחה האט א שייכות צום ג ו ף

און קדושה — צו דער נשמה. און אויב די אידישע טראַ־דיציע האָט נאָך אָנגעקניפּט דעם שבת אַ קרוין פון אַ "נשמה יתירה" איז עס טאַקע דערפאַר כדי נאָך מעהר בולט צו מאַ־כען דעם דאָזיגען געדאַנק פון דער קדושת השבת.

צו אילוסטרירען דאָס פריהער געזאָגטע איז גענוג בלויז אָנצוצייגען אויף די באַקאַנטע צוויי לאָזונגען וואָס די אידישע תורה האָט פּראָקלאַמירט אין פאַרבינדונג מיט שבת, דעם "זכור" מיט דעם "שמור" און וואָס לויט די אויסטייט־שונג פון חז"ל מיינט דער שמור, די מצות "לא תעשה" און זכור, די "מצות עשה". אין אַנדערע ווערטער: "שמור" דריקט אוים דעם ניט טהאָן, די פּאַסיוויטעט, די מנוחה און "זכור" דריקט אוים דאָס יאָ טהאָן, די אַקטיוויטעט — די קדושה. ווייל אָבער דער געוועהנליך דורכשניטליכער באַ־גריף פון שבת אַלס רוה טאָג איז מעהר גענייגט צום "שמור" ווייל די איינפאַכע באַדייטונג פון "רוה" מיינט דאָך דעם ניט טהאָן, האָט דערפאַר די תורה געוואָלט אבזיכטליך אונטער־שטרייכען דעם צווייטען טהייל פון דעם אידישען שבת, דאָס פּאָזאָטיווע און האָט איהם באַטיטעלט מיט דעם "זכור" ווי צו זאָגען: אָט דעם טהייל מוזטו שטאַרק "געדיינקען" ווייל ער קען זיך לאָזען פאַרגעסען...

און אונזערע חכמים האָבען עס נאָך שטאַרקער באַטאָנט ווען זיי האָבען אַרויסגעלאָזען די לאָזונג פון "זכור ושמור בדבור אחד נאמרו" וואָס סימבאָליש מיינט עס צו ער־קלעהרען אַזביידע חלקים, דער זכור מיט'ן שמור, דאָס נע־גאָטיווע און דאָס פּאָזאָטיווע, די מנוחה און די קדושה, דאַר־פען ביים אידען זיין ווי איין חלק, זיי קענען זיך ניט פאַנאַנדער טהיילען ווייל ביי אונז איז: "יום מנוחה וקדושה לעמך נתת" און ניט בלויז אַ יום מנוחה.

און קוים איז, ווי אויבען ערקלעהרט, דער יום־מנוחה אַ פּראָדוקט פון געפיהל אָדער פון הארץ און דער

יום־קדושה אַ פּראָדוקט פון מוח, פּאַסט זיך דעריבער זעהר האַרמאָניש דער הײנטיגער שבת אַרײַן צווישען די בײדע ימים טובים פון הארץ און קאָפּ, ראש השנה און יום כפור. אַלס דער ערשטער שבת פון יאָהר דאַרף שבת־שובה דינען אַלס מוסטער פאַר אַלע אַנדערע שבתים און מיט זיך פאָרשטעלען דעם פולען כאַראַקטער פון דעם אידישען שבת, און דאָס ווערט זעהר דעמאָנסטראַטיוו געטהאָן לויט זײַן פּאָזיציע וועלכע מאַכט דעם דאָזיגען שבת פאַר דעם בריק וואָס באַהעפט דעם ראש השנה מיט דעם יום־כפור, די קאָפּ מיט די הארץ וואָס אויף דער שבת שפּראַך הײסט עס די באַ־העפטונג פון דעם זכור מיט דעם שמור, דעם יום מנוחה מיט דעם יום קדושה.

פּאַסט זיך דער געדאַנק טאַקע אויך צו צו דעם ערש־טען פּסוק פון הײַנטיגער סדרה:

האזינו השמים ואדברה;

ותשמע הארץ אמרי פי.

די צוויי טערמינען "האזנה" און "שמיעה" אין דער העברעאישער שפּראַך, ווערען באַנוצט פאַר דער צוהערונג פון נאָהנט און פון ווײט. "האזנה" וואָס קומט פון וואָרט "אזן" באַניצט מען ווען דער צו וועמען מען אַדרעסירט זיך שטעהט ווײט אַוועק פון דעם רעדנער און דאַרף שטאַרק אָנשטרענגען דעם אויער צו הערען, ווערענד "שמיעה" באַנוצט מען ווען דער צוהערער שטעהט נאָהנט צום רעדנער.

אַט דערפון נעהמט זיך די ענדערונג פון משה'ס אויס־דרוק באַנוצענדיג פאַר דעם הימעל דעם טערמין פון "האזינו" און פאַר די ערד "ותשמע" און פון ישעיה הנביא וועלכער האָט באַנוצט די צוויי טערמינען אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: "שמעו שמים והאזיני ארץ כי ד' דבר". דאָס איז דערפאַר וואָס משה, רעדענדיג אין זײַן אײגענעם נאָמען און זײענדיג

פיזיש נעהנטער צו די ערד און ווייטער פון הימעל האָט דעריי־בער פאַר די ערד גענוצט שמיעה און פאַר דעם הימעל האזנה, ישעיה אָבער וועלכער רעדט אין נאָמען פון גאָט: "כי ה' דבר" און ביי די גאָטהייט איז, בדרך מליצה, דער הימעל נעהנטער ווייל "השמים שמים לה'" האָט ער דערפאַר פאַר'ן הימעל באַנוצט שמיעה און פאַר די ערד האזנה.

אין אונזער פאַל איז עס האַרמאָניש צו געפּאַסט פאַר היינטיגען שבת וועלכער, ווי געזאָגט, דאַרף דיענען אַלס סימבאָל פאַר דעם כאַראַקטער פון דעם אידישען שבת בכלל, און שבת, ווי שוין פריהער באַטאָנט, האָט אויך אין זיך ביידע חלקים, דעם הימלישען טהייל וואָס רעפּרעזענטירט די קדושה אָדער דעם "זכור" און דער טהייל דאַרף שטאַרקער באַטאָנט ווערען, דער אויער דאַרף זיך שטאַרקער אָנשטרענגען צו דערהערען דעם רוף פון קדושה וועלכער קען זאָגסט אָביסעל פאַרטויבט ווערען; און דער צווייטער טהייל פון "מנוחה" וואָס רעפּרעזענטירט דעם ערדישען חלק פון שבת און קען לייכטער דערהערט ווערען. פאַר דיע־זען טהייל איז גענוג שמיעה...

* * *

וועהרענד שבת בעלאַנגט, ווי געזאָגט, צו ביידע אָרגאַנישע פונקציעס, מוח און הארץ, בעלאַנגט שוין דערפאַר יום־כפור בלויז צו דער הארץ. "יום כפור איז די האַרץ פון יאָהר"...

איז עס אפשר טאַקע סימבאָליש דאָס וואָס אין דעם טאָג קומט דער איד אַזוי שטאַרק אין באַריהרונג מיט זיין האַרץ דורך די איבינגען פון זיין "על חטא" שלאָגען וואָס ווערט מעהרערע מאָהל ווידערהאָלט אין פאַרלויף פון מעת־לעת. עס איז דער סימבאָלישער צייכען אויף די שייכות פון די האַרץ מיט דעם הייליגען טאָג.

די צרה איז נאָר וואָס דאָס קלאַפּען אין האַרץ גופא ווערט, צום באַדויערען, אויך געטהאָן אָהן האַרץ... עס איז ביי מאַנכע ניט מעהר ווי אַ מין געוואָהנהייט, "מצות אנשים מלומדה". אַקוראַד ווי למשל דער "יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי" וואָס מ'זאָגט נאָך יעדער "שמונה עשרה" און די פראַגע איז: ווי באַלד אַז זיין "הגיון לבי", זיינע האַרץ מחשבות, זיינען גאָר געווען אין דער גאַנצער שמונה עשרה אויף אַלער־ליי יאַרידען, טאָ ווי פּאַסט זיך דער "יהיו לרצון הגיון לבי"? און דער תירוץ איז אַז דעם "הגיון לבי" גופא זאָגט ער אויך אָהן מחשבה און אָהן האַרץ...:

איז טאַקע דערפאַר פאַראַן אין "על חטא" ספּעציעלע פערזען וואָס האָבען צו טהאָן מיט דער האַרצלאָזיגקייט, ווי צום ביישפּיעל: "על חטא שחטאנו לפניך באמוץ הלב". "על חטא שחטאנו בבלי דעת", בבטוי שפתים" און אַם ענדע: "על חטא שחטאנו בודוי פה" וואָס הייסט אומגעפעהר אַז דאָס וידוי זאָגען גופא איז אויך אַ חטא? אָבער יאָ. אַ "וידוי" וואָס איז אין כאַראַקטער נאָר אַ "וידוי פ ה", אַ מ ו י ל וידוי און ניט אַ ה א ר ץ וידוי, איז טאַקע אַ זינד וואָס פאַר־דיענט אַ באַזונדער על חטא, ווייל אויב עס איז בלויז "על חטא שחטאנו לפניך ב ת ש ו מ ת י ד", מען לייגט בלויז צו די האַנט, מוז נאָכפאָלגען דער "על חטא שחטאנו ב ת מ ה ו ן ל ב ב", אַ סימן אַז די האַרץ איז פאַרטעמפּט...

דרשנים טייטשען טאַקע (דרשות "אל עמי") "נשא לבבנו אל כפים", מ'דאַרף טראָגען די האַרץ צו די האַנט און ניט יוצא זיין מיט טראָגען די האַנט צום האַרץ...

* * *

אין פאַמיליען לעבען זיינען אויך פאַראַנען די פונק־ציעס פון די צוויי אָרגאַנען, קאָפּ און האַרץ, דאָס ערשטע רע־פּרעזענטירענדיג דעם טאַטען ביי וועמען דער קאָפּ, דער מוח און שכל פונקציאָנירט שטאַרקער, אַ דאַנק זיין עלטער און

ערפאַהרונג, און די האַרץ רעפּרעזענטירענדיג דעם זוהן וועמען עס פעלט נאָך דער טעם זקנים און איז נאָך ניט "געסעטעלט" מיט זיין אַרט דענקען. ביי איהם, ביים זוהן, פאַרנעהמט דער פּרימיטיווער געפיהל, דער אינסטינקט און סענטימענט אַ גרעסערען פּלאַץ ווי דער מוח און שכל און קען דערפאַר ניט זיין אַזוי איבערלייגט אין זיינע האַנדלונגען.

שבת שובה אַלס דער בריק וואָס באַהעפט קאָפּ און האַרץ טראָגט דעריבער אַרוים אַ בשותפות'דיגען מעסעדזש צו ביידען, צום טאַטען מיט דעם זוהן. פון איין זייט איז ער מחבר ראש השנה צו יום-כפור, דעם קאָפּ (טאַטען) צום האַרץ (זוהן) און פון דער אַנדער זייט איז ער מחבר יום כפור צו ראש השנה די האַרץ (זוהן) צום קאָפּ (טאַטען) און דריקט דערמיט אוים דעם אליהו וואונש פון "והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם", די האַרמאָניע פון דעם עבר מיט'ן עתיד. און נאַטירליך איז דער חבור פון זוהן צום טאַטען אַ פיעל שווערערער ווי פון טאַטען צום זוהן און טאַקע דערפאַר וואָס ס'איז גרינגער צו טרעטען צום האַרץ ווי צום קאָפּ וואו עס פאָדערט שכל און פאַרטיפונג... איז דערפאַר דער הויפט רוף באַטאָנט געוואָרען אויף דעם "שובה-ישראל" וואָס איז אַ רוף אויף צוריקוועגס, צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט, און דער זעלבער רוף קריגט אַ מעהר דייטליכערען אויסדרוק אין דער היינטיגער סדרה דורך דעם: "זכור ימות עולם — — שאל אביך ויגדך"...

שבת שובה איז פאָלגליך אַ שעהנער מוסטער פאַר אַלע הויפט פּרינציפּען פון אידישקייט און טרעטענדיג אויף דיעזען בריק איז דער עקזיסטענץ פון יהדות אַ געזיכערטער.

שובה ישראל! ...

וזאת הברכה

המברך—יברך

זש"ה וזאת עלית על כלנה, אמר הקב"ה הואיל ונתעלה מן הכל הוא יברך את ישראל.
(מדרש רבה פ' י"א).

דער ציטירטער מדרש גיט איבער אויף אן אוים־פיהרליכען אופן א זעהר אינטערעסאנטען געשפרעך אין גע־שטאלט פון א דעבאטע צווישען משה רבינו און א צאהל פון די אבות העולם פון וועלכע משה געהט ארוים זיעגרייך און געווינט דערפאר דעם כבוד צו זיין דער בענטשער פון זיין פאלק.

די דעבאטע אן און פאר זיך האט אויך פאר אונז א חשוב'ע באדייטונג. זי ענטהאלט סימבאלישער אנצייכענונג און דיענט אלס ריכט שנור אויף די ליניען פון אידיש טראדי־ציאנעלען לעבען. עס איז דערפאר כדאי זיך אבצושטעלען דארויף און איבערגעבען דעם אינהאלט פון דעם גאנצען גע־שפרעך.

צום ערשטען קומט אדם הראשון. ער זאגט צו משה'ן: איך בין גרעסער פון דיר ווייל איך בין באשאפען געווארען אין דעם צלם פון גאט. משה ענטפערט: איך בין חשוב'ער פון דיר ווייל וועהרענד ביי דיר איז דער פריהער געגעבענער כבוד שפעטער צוגענומען געווארען (לאחר החטא, שגורש מגן עדן) איז מיין "זיו הפנים" וואס גאט האט מיר געגעבען פארבליבען ביי מיר.

נח זאָגט צו משה'ן: איך בין גרעסער פון דיר ווייל איך בין געראַטעוועט געוואָרען פון מבול. משה ענטפערט: איך בין חשוב'ער פון דיר ווייל וועהרענד דו האָסט נאָר דיך אליין געראַטעוועט און ניט געהאַט גענוג קראַפט צו ראַטעווען דיין גאַנ-צען דור, האָב איך אָבער, אין דער עגל עפּאָכע, ניט נאָר זיך אליין געראַטעוועט נאָר אויך דעם גאַנצען דור.

אברהם זאָגט צו משה'ן: איך בין גרעסער פון דיר ווייל איך האָב געשפּייזט אַלע וועלכע זיינען פאַרבייגעגאַנגען מיין געצעלט. משה ענטפערט: דו האָסט געשפּייזט אין ישוב, איך האָב אָבער געשפּייזט די אידען אין מדבר.

יצחק זאָגט צו משה'ן: איך בין גרעסער פון דיר. איך האָב געזעהן דעם פּנים פון דער שכינה. משה ענטפערט: דו האָסט געזעהן דעם פּנים פון שכינה און דיינע אויגען זיינען טונקעל געוואָרען, איך אָבער האָב גערעדט מיט דער שכינה פּנים אל פּנים און מיינע אויגען זיינען ניט טונקעל געוואָרען.

יעקב זאָגט צו משה'ן: איך בין גרעסער פון דיר. איך האָב געקעמפּפט מיט אַ מלאך און האָב איהם מנצח געווען. משה ענטפערט: דו האָסט געקעמפּפט מיט'ן מלאך אין דיין טעריטאָריע וועהרענד איך בין אַרויף צו זיי אין הימעל אין זייער טעריטאָריע און זיי האָבען מורא געהאַט פאַר מיר.

און גאָט האט געזאָגט: ווייל משה איז העכער פון אַלעמען, זאָל ער בענטשען די אידען.

נעהמען מיר די דאָזיגע דעבאַטע צו ערנסטער באַט-ראַכטונג, קריגט דאָן דער גאַנצער געשפּרעך פאַר אונז אַ חשוב'ע באַדייטונג ווייל עס שפּיגעלט זיך דערין אָפּ די לעהרע און פּרינציפּיעלע יסודות אויף וועלכע תורה און טראַדיציאָ-נעלע אידישקייט זיינען געבויט.

אין דעם ערשטען געשפּרעך מיט אדם הראשון איז משה רבינו אויסען געווען אָן צו צייגען אַלס גרונט - פּרינציפּ

אַז ניט דאָס קריגען און עררייכונג פון אַ חשוב'ע זאַך איז דער עיקר, זאָנדערן די אָנהאַלטונג פון דער זאַך, דער אויסדויער און קיום. מעג אפילו אדם הראשון האָבען געקראָגען די שעהנסטע געטליכע מתנה, קיום אָבער האָט ער עס ניט גע־קענט אָנהאַלטען און מ'האָט עס פון איהם צוריק אַוועקגענו־מען, האָט ער שוין ניט מיט וואָס צו שטאָלצירען.

איז עס דאָך טאַקע אַ ביטערער פאָרוואורף פאַר אונזערע היינטיגע אידען למשל וואָס פייערען די פרשה פון "וזאת הברכה" מיט פראַכט און גלאַנץ, פרעהען זיך אָהן אַ שיעור מיט גאָט'ס תורה אין דעם "שמחת תורה" יום־טוב און דאָס זעלבע אין שבועות, דער יו"ט פון מתן תורה און צייגען דערמיט זייער גליק וואָס זיי האָבען זוכה געווען מקבל זיין די תורה. אויב אָבער זיי זיינען ניט פעהיג אָנהאַל־טען די תורה דעם גאַנצען יאָהר און פיהרען אַ תורה לעבען ווי עס דאַרף צו זיין, דאַן האָט זייער שמחה אַ גאַנץ נישטיגע באַדייטונג און ווערט פון דעם תורה אוטאָריטעט שטאַרק אונטערשעצט און איגנאָרירט.

משה ווייזט אָבער אַן נאָך אויף אַ חשוב'ן פונקט וועלכער דאַרף דיענען אַלס לעהרע פאַר גרויסע מענשען וועל־כע האָבען זיך דערהויבען צו אַ הויכע מדרגה פון געטליכקייט און אַלס רעזולטאַט דערפון ווערען זיי אָבגעפרעמדט פון זייער פאָלק, זיי זיינען בלויז הימעל מענשען און האָבען שוין מיט דער ווייסטער מענשהייט פון דער זינדיגער ערד קיין שום מגע ומשא ניט. דאָס טויג אויך ניט. גרויסע מענשען דאַרפען אויך זיין גרויסע לעהרער און אַ לעהרער מוז שטעהן אין ענ־גער באַריהרונג און נאָהנטער פאַרבינדונג מיט זיינע תלמידים, אַנדערש קען ער זיי ניט מקנה זיין דעם גרויסען רכוש וואָס ער האָט זיך ערוואָרבען. משה אַליין דיענט דאַרין אַלס ביישפיל. פון איין זייט איז ער געווען דער הימעל מענש, האָט זוכה געווען צום זיו השכינה און "פנים בפנים דבר ה' עם משה",

און טראַצדעם אַלעמען, באַריהמט ער זיך פאַר יצחק'ן, זיינען זיינע אויגען ניט טונקעל געוואָרען און האָט אויך געקענט אריינקוקען אין דער מחנה פון פאַלק, אריינדרינגען אין דעם אינערליכען פאַלקס לעבען און פאַרשטעהן דעם פאַלקס תכונת הנפש און זיינע לעבענס-באַדינגונגען און אומשטענדען. פון הימעל קומט משה אַרונטער צו די ערד וואו ער שטעהט ווידער אין טאָג טעגליכע פאַרבינדונג מיט זיין פאַלק.

און אָט פון דעם שמידט זיך אויס זיין אַרגומענטאַציע און טריאומפּירענדער ענטפער צו נח'ן: דו נח — זאָגט משה — האָסט דיך אַליין געקענט רעטען, אָבער ניט דיין זינדיגען דור, ווערענד איך האָב אויך מיין גאַנצען דור געקענט רעטען ביי די זינד פון עגל.

און דעמאָלט, ביים עגל, איז משה אַנטפּלעקט געוואָרען מיט דעם דאָזיגען ריעזיגען כח. פון הימעל קומט ער אַרונטער אויף דר'ערד און דוקא דאָרטען, אויף דער ערדישער אַט-מאָספערע געפינט ער דעם נויטיגען מאַטעריאַל וואָס דיענט איהם אַלס למוד זכות און סנגוריה אויף זיינע זינדיגע אידען.

אין זיין פאַרטיידיגונגס אַקט ביים מעשה העגל קאָמענטירען חז"ל איבער משה'ס ווערטער פון: "למה ה' יחרה אפך בעמך אשר הוצאת מארץ מצרים" און זאָגען דאַרויף אַז משה'ס הויפּט פונקט פון דער פאַרטיידיגונג איז געוועזן דאָס וואָס ער האָט אונטערשטראָכען דעם "אשר הוצאת מארץ מצרים". ער האָט גע'טענה'ט: וואָס האָסטו, גאָט, דען אַנדערש געקענט ערוואַרטען פון אַזאַ פאַלק וועלכער איז ערצויגען און אויפגעבראַכט געוואָרען אין אַזאַ טמא'דיגע לאַנד ווי מצרים? און אַ דאַנק אָט דעם אַרגומענט האָט זיך משה'ן איינגעגעבען צו רעטען זיין פאַלק.

אָבער בלויז דער פּיתרער וועלכער ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער אַליין, אָן און פאַר זיך, איז זיך טאַקע אַ

הימעל מענש, קומט ער פון דעסטוועגן אין ענגער באַריה־רונג מיט זיין ערדישען פאָלק, בלויז אַזאַ פיהרער קען געפינען די נויטיגע סנגוריה, קענענדיג די תנאי החיים פון זיינע מיט־מענשען בויעט ער פון די דאָזיגע לעבענס באַדינגונגען אויף זיין פאַרטיידיגונג. נח אָבער וועלכער האָט זיך אָבגעזונדערט אין זיינע אייגענע ד׳ אמות, איז טאַקע געווען אַ צדיק תמים, אַ געטליכער מענש, אָבער מיט דעם דור האָט ער קיין שייכות ניט געהאַט און האָט זיך ווייניג געקימערט וועגען איהם. האָט גאָר בכלל ניט געקענט די אומשטענדען און לעבענס־באַדינגונגען פון זיין דור, איז געווען איינגעשלאָסען אין זיין ״תבת נח״ און האָט די וועלט נישט געקענט, האָט ער נאַטירליך ניט געקענט און ניט געהאַט מיט וואָס צו מלמד זכות זיין אויף זיין דור.

משה׳ס למוד־זכות ביים עגל איז געווען געבויעט אויף דעם כלל פון אבות אַז: ״אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו״ און משה האָט דעם ״למקומו״, וואָס אין יענעם פאַל האָט עס געמיינט מצרים, שטאַרק באַטאָנט.

פאַר משה׳ן איז נאָך דער דור ניט ״ראוי לכליה״ ח״ו. ער גלויבט אַז עס איז נאָך דאָ פאַר איהם אַ תקנה. ער האָט געהאַט אַ שלעכטע ערציהונג אין מצרים, דאַרף מען איהם איצט בעסער ערציהען, און משה גלויבט אין דער מעגליכקייט פון אַ בעסערע ערציהונג אפילו אונטער ניט גאָר גינסטיגע אומשטענדען, און אין זיין וכוח מיט אברהם אבינו שטעלט ער זיך באַזונדערס אָפּ אויף אָט דעם פונקט און ווייזט אָן אויף דער אָפּטאָמיסטישער זייט פון דער חנוך פראָבלעמע ווי מ׳טאָר קיינמאָל זיך ניט מיאש זיין.

איך בין גרעסער פון דיר — זאָגט ער צו אברהם׳ן — דו האָסט געשפּייזט אין ישוב וועהרענד איך האָב געשפּייזט אין מדבר. ווייסען מיר דאָך אַז אין אברהם אבינו׳ס הכנסת

אורחים איז אויך געווען אַ סיסטימאַטישע שיטה פון ערצי־הונג. ווי חז"ל דערצעהלען אונז האָט אברהם מיט זיין גאַסט־פריינדליכקייט זיך באַנוצט אריינצוברענגען די מענשען תחת כנפי השכינה. "נאָכדעם ווי זיינע געסט האָבען זיך גוט אָנגע־געסען און האָבען געוואָלט בענטשען אברהם'ן פאַר זיין גוטס־קייט, האָט אברהם זיי אויפמערקזאַם געמאַכט אַז ניט איהם דאַרפען זיי בענטשען נאָר דעם צו וועמען די שפייז געהערט"...

משה באַווייזט אָבער אַז ניט נאָר אין ישוב וואו די לעבענס באַדינגונגען זיינען נאָרמאַלע, קען מען אויסניצען די געלעגענהייט פאַר אַ סיסטעמאַטישע ערציהונג, נאָר אפילו אין מדבר אונטער ניט קיין נאָרמאַלע און גינסטימע אומ־שטענדען, האָט זיך משה אויך ניט מייאש געווען און האָט געגלויבט און נאָכהער זיך אויך איבערצייגט אַז אין אַ מדבר קען מען אויך ערציהען אַ פאָלק.

און וויפיל פעדאַגאָגישע לעהרע ליגט דערין! און ווער נאָך ווי מיר אין אונזער מחבר העמים האָבען דערפון אַזוי פיעל צו לערנען! זיינען דאָך ליידער פאַראַנען צווישען אונז אַזוי פיעל סקעפטיקער, בעלי יאוש וועלכע זיצען מיט פאַר־לייגטע הענט און טוהען גאָר ניט פאַר דעם חנוך פון זייערע קינדער בלויז אויף דעם גרונט פונ'ם פאַלשען געדאַנק אַז דאַ, אין דעם גלות־מדבר, איז שווער צו געבען אַ ריכטיגע אידישע ערציהונג. די צוויפלער טענה'ן אַז אין דער פרעמד וואו מיר זיינען ניט קיין אייגענע בעלי בתים איז דער קאַמפף געגען דעם פרעמדען שטראָם זעהר אַ שוואַכער און האָט שוואַכע שאַנסען אַז מיר זאָלען קענען באַזיגען די פרעמדע מלאכי־הבלה...

און משה שמידט ווייטער דער געדאַנק און וואַרפט צוריק דעם דאָזיגען פאַלשען בלבול, ווען ער מאַכט קלאָהר זיין שטאַנדפונקט אין זיין פאַרגעזעצטען וכוח מיט יעקב'ן.

משה ווייסט דעם סוד אז "זאת התורה לא תהא מוחלפת". די תורה איז אן אייביגקייט און די שמירת התורה איז ניט אבהענגיג ניט אין צייט און ניט אין ארט.

עס איז אמת אז דער קאמפף פאר דעם קיום און שמירת התורה איז טאקע א פיעל שווערערער ווען ער דארף אוים געפעכטעט ווערען אויף א פרעמדען באדען, אין א "רשות שאינו שלך", דאס מיינט אבער ניט אז מען דארף דעם קאמפף אויפגעבען, אז ס'איז גאר ניטא קיין האפנונג דעם קאמפף צו געווינען.

דו האסט נאר — זאגט משה צו יעקב'ן — געקענט באוויזען צו געווינען די מלחמה געגען דעם פרעמדען מלאך אין דיין אייגענעם רשות. איך האב אבער באוויזען צו געווינען דעם קאמפף פאר אונזער תורה אפילו אין א פרעמדען רשות...

און זעהען מיר דאך טאקע בחוש אז די אמת'ע געטרייע משה'ס נאכפאלגער האט זיך איינגעגעבען אויך דא אין גלות אמעריקא, אויף'ן פרעמדען באדען, צו שאפען אן ערציהונגס סיסטעם אין געשטאלט פון די ישיבות קטנות אדער פאראקיאל סקולס וועלכער איז אונטער די אומשטענדען א באדייטענד צופרידענשטעלענדער, און דאס אלץ א דאנק דעם אפטאמיסטישען אונטערנעהמונגס גייסט וועלכער שרעקט זיך ניט אפ פאר דעם "רשות שאינו שלך"...

עס איז דעריבער קיין חדוש ניט פאר וואס משה האט מעהר ווי אלע זוכה געווען צו ווערען דער אידישער מחוקק און דער בענטשער פון פאלק. די אלע אויסגערעכנטע מעלות אין קוואליפיקאציעס האבען אין משה'ן געפונען זייער פארקערפערונג און איהם געמאכט פאר דעם ריכטיגען פאלקס פיהרער און פאלקס ערציהער. און נאר דורך אזא משה'ן

קען די ברכה געפינען פלאץ פאר רעאליזירונג און פראקטישע פארווירקליכונג.

דער קלימאקס פון משה'ס לעהרע דארף זיין: אמונה און בטחון. נים צו בלייבען פארצווייפעלט און אונטער די ערגסטע אומשטענדען זיך אליין שטארקען, קאאפערירען אין אונזער געטליכע ארבייט און איינער דארף ערמוטיגען דעם צווייטען און אויםשרייען מיט תקוה און בטחון:

חזק חזק ונתחזק!

אַ מתנה

מיין פריינד

ר׳ אברהם הכהן קייבאַק

די פאָלגענדע רעדע איז געהאַלטען געוואָרען שבת פ׳ ויגש תרצ״ב, אין דער דערמאָהנטער שוהל לכבוד די בר מצוה פון דעם פרעזידענט׳ס זוהן הבחור נח הכהן קייבאַק

די בר מצוה איז געפייערט געוואָרען מיט פראַכט און גלאַנץ און האָט איבערגעלאָזען אַן אונפאַרגעסליכען איינדרוק אויף די איבער טויזענט אידען וואָס האָבען אנגעפילט די שוהל און באַעהרט די חשוב׳ע עלטערען וועלכע זיינען שטאַרק באַליעבט און געאַכטעט ביי אַלעמען פאַר זייערע וואהלטעטיגע און פילאַנטראָפּישע לייסטונגען.

רבי מכבד עשירים

רבותי! ס'איז ניט קיין צו אנגענעהמע אויפגאבע פאר א רב צו אדרעסירען א שמחה פון זיין פרעזידענטען, און אויב ביים ביבלישען נח זיינען געווען "יש דורשין לגנאי", פיהל איך אז ביי דיעזען נח, חתן דנן, קענען זיך אויך געפינען אזעלכע דורשין לגנאי וואס וועלען זאגען אז די שבחים וואס דער רב וועט אויסטיילען אויף זיין חשבון איז ניט כולו לשמה נאר פשוט ווייל א רב דארף געוועהנליך חנפ'נען זיין פרעזידענט...

מעג זיך טאקע אזא קריטיק מאנכעס מאהל זיין א גערעכטע. אין דעם פאל אבער געפינט דער רב א הכשר אויף זיינע שבחים, דעם זעלבען הכשר פון "רבי מכבד עשירים". דער רב מיט'ן עושר באגעגענען זיך אמאהל אין איין פסוק און זאגאר אין איין ווארט. אט אשטייגער ווי דער ווארט "מהונך" פונ'ם פסוק "כבד את ה' מהונך" אויף וועלכען חז"ל זאגען "אל תקרי מהונך אלא מגרונך", מהונך רעפרעזענטירענדיג דעם עושר און מגרונך רעפרעזענטירענדיג דעם רב. זעהט עם אויס אז דארט וואו ס'איז פאראן א כבד מהונך דארט מעג אויך זיין א כבד מגרונך... און דאס איז גענוג "הכשר" אין דיעזען פאל וואו דער "כבד מהונך" פון דעם אבי הבר מצוה פארדינט אהנע צווייפעל באלוינט צו ווערען מיט א "כבד מגרונך"...

דער רב מיט דעם פרעזידענט טרעפען זיך אויך צוזאמען אין פסוק פון לעבען. ביידענס לייסטונגען זיינען פון

איין כאַראַקטער. ביידע זיינען מנהיגים, ניט מעהר וואָס דעם רב'ס הנהגה דריקט זיך אוים אין רוחניות און דעם פרעזידענטס אין גשמיות. אין ביידע פעלע אָבער איז נויטיג צוויי זאַכען. דער מנהיג מוז צום אַלעם ערשטען אין זיין אייגענעם לעבען זיין אַן עקזאַמפּעל פאַר די אין וועמעס שפּיצע ער שטעהט. ער דאַרף זיין אין דער בחינה פון "רואים את הנשמע", דאָס וואָס מ'הערט פון איהם דאַרף מען ביי איהם אַליין זעהן; ער דאַרף זיין אַ "נאה מקיים" אַקוראַד ווי אַ "נאה דורש" כדי מ'זאָל איהם ניט קענען זאָגען "טול קורה מבין עיניך"...

אָט דערפאַר האָבען די חכמים געזאָגט: "כל תורה שאין עמה מלאכה אין סופה להתקים" וואָס אין אונזער פאַל מיינט עס פשוט אַז די תורה וואָס דער מנהיג לערענט זיין פאָלק דאַרף זי אויך פּראַקטיצירט ווערען ביי איהם אַליין, צו די תורה דאַרף אויך זיין דער חלק מלאכה, די פּראַקטישע זייט פון דער דאָזיגער תורה, ווען ניט, קען די תורה קיין קיום ניט האָבען ווייל מ'וועט איהם ניט פאָלגען ווען ער איז בלויז אַ נאה דורש.

אָט די לעהרע ווערט סימבאָליש געבראַכט צום אויס-דרוק דורך די תפילין של יד און של ראש. דער של יד דריקט אוים די פּראַקטישע זייט, דעם קיום התורה און דער של ראש, דער מוח, די טעאָרעטישע זייט און דער של יד מוז קומען פריהער ווייל פריהער פון אַלעם מוז מען אַליין צייגען דעם ביישפּיל פון דאָס וואָס מען וויל לערנען דעם צווייטען. קאָפּ-תורה אָהן האַנט-תורה האָט קיין ווערט ניט, מ'טאָר ניט אנטהאָן דעם של ראש אָהן דעם של יד...

דער מנהיג דאַרף אויך זיין אַ געזעלשאַפטליכער מענש, אַזאַ וואָס "רוח הבריות נוחה הימנו" און מיט אָט די צוויי מעלות קען ער ערפילען און דורכפיהרען זיינע אויפגאַבען מיט ערפאָלג.

און דאָס איז, ווי געזאָגט, סיי ביים מנהיג רוחני אין געשטאַלט פון רב און סיי ביים מנהיג גשמי אין געשטאַלט פון פרעזידענט.

קען איך נאַטירליך ניט גאַראַנטירען אויף ווי ווייט אייער רב, רבותי, איז ממלא אָט די טאָפּעלע אויפגאַבע. איך קען אָבער יאָ גאַראַנטירען אין באַצוג צו אונזער חשוב׳ען פּרעזידענט מר. אברהם הכהן קייבאַק וועלכער פאַרקערפּערט אין זיך די דערמאָהנטע צוויי טיילען וועלכע געפינען אַ סימ־באָלישען אָבקלאַנג אין זיין נאָמען, פון איין זייט זיין פילאַנ־טראָפּישע טעטיגקייט און זיין "אָפענע האַנט" אין וועלכעס עס שפּיגעלט זיך אָפּ די מדת החסד פון א ב ר ה ם, און פון דער צווייטער זייט זיין מענשען־ליעבע אין וועלכע עס שפּיגעלט זיך אָפּ די מדה פון אהרן ה כ ה ן.

מעגליך אַז מיט דיעזען קאָמפּלימענט שעדיג איך אפשר אָביסעל זיין קרעדיט ווייל לויט׳ן כלל אַז "עשירים מקמצין" קומט דאָך אויס אַז וואָס מעהר בעל צדקה איינער איז אַלץ ווייניגער עושר איז ער און דאָס קען דאָך, ווי געזאָגט, שעדיגען זיין קרעדיט... גלויב איך אָבער אַז ס׳איז פיעל חשוב׳ער צו מאַכען קלענער דעם ע ו ש ר און גרעסער דעם מ ע נ ש איידער צו מאַכען גרעסער דעם ע ו ש ר און קלע־נער דעם מ ע נ ש...

און איצט אַ וואָרט צום בר־מצוה אליין:

זוהנ׳עלע! דו האָסט געהערט ווי איך האָב פריהער באַטאָנט אַז נח אין אונזער פּאַל איז פּאַר׳ן רב אַ שווערע סדרה צוליעב׳ן יש דורשין לגנאי, וויל איך אָבער צו דער זעלבער צייט צוגעבען אַז פאַר דיר, נח, איז די דאָזיגע סדרה נאָך אַ פיעל שווערערע, ווייל אויב פאַר׳ן ביבלישען נח איז דער דורשין לגנאי נאָר געווען אויפ׳ן גרונט פון "אלו היה בדורו של אברהם"

און ס׳האָט דעריבער אויך געקענט זיין אַ דורשין לשבח ווייל ווען מען דאַרף דן זיין אויף׳ן "אלו היה" קען מען דאָך זאָגען ווי מען וויל, איז אָבער ביי דיר, זייענדיג טאַקע "בדורו של אברהם", אין דיין טאַטען אברהם׳ס הויז, דער "דורשין" ניט אויף׳ן גרונט פון "אלו היה נאָר אויף׳ן גרונט פון "באשר הוא שם" אָט דערפאַר דאַרפסטו זיך טאַקע זעהן צופּאַסען צו דיין ליעבען פאָטער׳ס דרכים כדי עס זאָל נאָר בלייבען פּלאַץ פאַר אַ "דורשין לשבח"...

טאָ נעהם זשע מיט דיר מיט די האַרציגע ברכות וואָס באַגלייטען דיר אַרוים פון דיעזען הייליגען פּלאַץ אויף׳ן גרויסען פעלד פון דיין לעבענס קאַריערע און פאָלג נאָך די טריט פון דיינע חשוב׳ע עלטערען צו זיין אַ טרייער איבערגעבענער זוהן לעמך, לתורתך, לשפתך ולארצך — אמן.

לעבדה ולשמרה *)

(געווידמעט מיין חשוב'ן פריינד מר. משה שארף)

ליעבעם קינד!

די היינטיגע סדרה איז פאר דיר ניט בלויז פרשת בראשית אין בוך גאר אויך אין לעבען. דו פאנגסט היינט אן א בראשית־קאפיטעל אין דיין צוקונפטיגע קאריערע. דו עפענסט היינט אויף דעם בראשית־בלאט פון דיין פרשת החיים און ס'איז כדאי זאלסט זיך אבשטעלען און פארטיפען אין דער דאזיגער פרשה פון ספר פון וועלכע דו קענסט ציהען די נויטיגע שליסע פאר דיין אייגענע לעבענס פרשה.

אין דער פרשה פון וואך ערשיינט אויך פאר אונז א בר־מצוה העלד אין געשטאלט פון אדם הראשון וועלכער אבוואהל איז נאר היינט געבארען געווארען איז ער שוין אבער גלייכצייטיג אויך בר מצוה געווארען.

"ויניחהו ה' בגן עדן לעבדה ולשמרה"!

---

*) א רעדע געהאלטען לכבוד די בר מצוה פון הבחור שלמה שארף דער זוהן פון מיין פריינד מר משה שארף, ווים פרעז. פון מיין שוהל "קהל עדת ישורון", שבת בראשית תרצ"ג.

מר. שארף איז איינער פון די אנגעזעהענדסטע און פראמינענטע אידען אין די בראנקס, א חשוב'ער כלל טוהער און בעל צדקה. דער גערעטענער שלמה'לע האט אליין גע־דאווענט פאר'ן עמוד אין דער באגלייטונג פון א שעהנעם כאהר און סיי מיט'ן דאווגען און סיי מיט'ן מפטיר און בר־מצוה דרשה האט ער איבערראשט די פיעלע הונדערטער מתפללים וועמעס ברכות און גראטולאציאנס ווינשע האבען באגלייט די חשוב'ע עלטערען וועלכע זיינען שטארק באליבט ביי אלעמען.

און חז״ל ערקלעהרען דערביי אז ל ע ב ד ה באַ־צייכענט די מצות־עשה און ל ש מ ר ה, די מצות לא־תעשה. הייסט עס אַז אדם הראשון האָט געקראָגען דעם עול מצות און איז געוואָרען אַ בר־מצוה העלד.

אין דער זעלבער סדרה איז דאָ נאָך אַ רמז אויף דעם בר־מצוה יו״ט ווען דער פסוק זאָגט:

״ויהי ערב ויהי בקר יום אחד״.

און חז״ל אין מדרש זאָגען דארויף: ״ויהי ערב, זה יצר הרע, ויהי בקר זה יצר טוב ואימתי בא אל האדם — יום א ח ד בגימטריה י״ג כשנעשה אדם בן י״ג שנה״.

דער אונטערשיד אָבער פון אדם הראשון׳ס בר־מצוה ביז דיינע און אַנדערע בר־מצות באַשטעהט דערין וואָס וועהרענד ביי איהם, ביי אדם׳ן, איז דער יצר־טוב געקומען פריהער פאַר דעם יצר הרע, ווייל דער יצר הרע איז דאָך ערשט געקומען צו איהם נאָכדעם ווי ער האָט געגעסען פון דעם עץ־הדעת, איז אָבער ביי דיר דער יצר הרע פריהער געקומען און ערשט היינט איז געקומען דער יצר טוב. ביי דיר, זוהנ׳עלע, איז עס ריכטיג ווי אין פסוק שטעהט, פריהער ״ויהי ערב״ און נאכהער ״ויהי בקר״.

דאָס נאַטירליך מאַכט אַביסעל שווערער דעם לעבענס קאַמפף ווייל מ׳דארף קעמפפען מיט אַ יצר הרע וועלכער האָט שוין אַ דרייצעניאָריגע ״חזקה״... דערפאַר אָבער זיינען די מיטלען צום קאַמפף ביי דיר גרינגערע ווי ביים ערשטען אדם. יענער האָט ניט געהאַט פון וועמען צו לערנען, ער איז דאָך געווען איינער אויף דער וועלט און האָט ניט געזעהן קיין בעסערע פאַר איהם. דו אָבער האָסט שוין יאָ פון וועמען צו לערנען, דאַרפסט בלויז ו ו ע ל ע ן און דער וועג איז אַ לייכטער און אַן אויסגעטראָטענער.

די הויפט זאך איז צו זוכען א ריכטיגע געזעלשאפט, זיך צו דערווייטערען פון די פארשידענע שלאנגען אין מענשען געשטאלט וועלכע, ווי יענער "נחש הקדמוני", זיינען אימשטאנד אראפ צופיהרען פון גלייכען וועג. שלאנגען זיינען דא איבער־ראל אפילו ווען פיזיש קוקען זיי גאר ניט אוים ווי קיין שלאנגען. אויך דער נחש הקדמוני האט פריהער ניט אויסגעקוקט ווי דער היינטיגער שלאנג... זוך זיך דעריבער די חבר'שאפט פון ארענדטליכע קינדער און דיין צוקונפט איז דאן א גע־זיכערטע.

איך גלויב אז איך דריק אוים דעם סענטימענט פון אלע אנוועזענדע וועלכע ווינשען דיר צו זיין א טרייער זוהן ניט נאר צו דיינע ליבע גוטע עלטערען נאר אויך צו דיין גאנצען פאלק און צו אלעם וואס איז ביי איהם היילי׳ג און טייער, אמן.

חגים ומועדים

לראש השנה
(שחל בשבת)

זכרון תרועה מקרא קדש.

אונזערע חכמים שטעלען זיך אפ אויף די צוויי פסוקים פון דער שופר מצוה וואו איינער באצייכענט עס מיט "יום תרועה" און דער צווייטער מיט "זכרון תרועה" און ער־קלעהרען עס דאמיט וואס דער ערשטער באציהט זיך אויף ר"ה וואס פאלט אוים אין א וואכעדיגען טאג, דאן איז יום תרועה און דער צווייטער אויף ראש השנה וואס פאלט אוים שבת, דאן איז נאר זכרון תרועה.

דאס איז זיך כפשוטו. ווייסען מיר אבער אז די שופר מצוה, אקוראד ווי פיעלע אנדערע מצות, האט זיך אויך די סימבאלישע זייט וועלכע דיענט אלס לעקציע פאר'ן פאלק אין זיינע אויפגאבען און פאלקס אינטערעסען. אזוי צום ביישפיל ווייסען מיר אז די קולות פון די שברים און תרועה'ס דריקען אוים די גנוחי גניח'ס און ילולי יליל'ס אין ליכט פון חז"ל, און אט די זיפצען און קרעכצען סימבאליזירען דאך אויף'ן פשוט'סטען אופן דעם לעבען פון אונזער פאלק וועלכער איז כמעט, מיט קליינע אונטערברעכונגען, א לאנגע קייט פון שברים און תרועות אין משך פון זיין גאנצער גלות געשיכטע.

געוועזען אמת קליינע הפסקות אין דעם "סדר" פון די דאזיגע פאלק'ס תקיעות אין וועלכע עס האט זיך געפיהלט דער שעת רצון פון דעם "ברוך אתה בעל הרחמים", דאס זיינען געוועזען די צייטען פון אונזער תקופת הזהב, "בשבת ישראל איש תחת גפנו ותחת תאנתו", דעמאלט האט זיך כלל ניט געפיהלט דער "יום תרועה", און אויב אפילו מ'האט דע־מאלט אויך געדיינקט די טרויעריגע צייטען און אין "בית

*) נדרשה בשנת תרצ"א.

שני" האט מען נאך אויך געזאגט "קינות" אין תשעה באב, איז עס אבער בלויז געווען א מין "זכרון תרועה", א זכר לחורבן. יעדענפאלס זיינען יענע צייטען פארביי געלאפען שנעל, די תקופת הירידה איז ווידער געקומען און דער זכרון תרועה איז ווידער פארוואנדעלט געווארען אין א יום תרועה.

און ווען מיר קוקען זיך צו צו דער איצטיגער תקופה אין וועלכע מיר לעבען ערשט אין די לעצטע גלות יאהרען ווען עס מקוים געווארען דער "תכפו עלינו צרות" אין זיין בוכשטעבליכער אויפפאסונג ווען עס איז ווירקליך "אין לך יום שאין קללותיו מרובים בו משל חבירו", שברים'ס און תרועה'ס אויף טריט און שריט, גנוחי'ס און יללות אויף רעכטס און לינקס, און מיט אמאהל שטעלט מען אונז אוועק פאר אזא טאג וואס פראקלאמירט זיך אליין אלס "זכרון תרועה", בלייבען מיר ווי פארוואונדערט און מיר פרעגען: זכרון תרועה? היתכן? מילא, "כפשוטו" לאזט זיך עס נאך פארשטעהן, אבער "כמדרשו", אין זיין סימבאלישער אויפפאסונג, ווי קען זיך עס ערקלעהרען? איז דען נויטיג א "זכרון" פון א תרועה אין א צייט ווען זי איז כולה תרועה?

נאך מעהר דערפון: די משנה זאגט אז אין בית המקדש גופא האט מען זאגאר ר"ה-שבת אויך געבלאזען שופר, עס הייסט אז אין זכרון תרועה האט מען דארטען אויך פראקטעצירט דעם יום תרועה, און ווי לאזט זיך עס פארשטעהן אין דער סימבאלישער זייט, דוכט זיך, ווען עס איז געווען א בית המקדש איז דאך די תקופה באמת נאר געווען פון א זכרון תרועה כאראקטער, האט דאך דעמאלט גיכער גע־פאסט דער זכרון און לסוף איז גאר געווען יום תרועה, און גראדע היינט ווען ס'איז אין לעבען יום תרועה, גראדע היינט מאכען מיר נאר זכרון תרועה?

באזונדערס רופט עס ארויס אונזער ערשטוינונג אין די לעצטע עטליכע יאהר. פריהער אמווייניגסטענס האט זיך

אין אזא לאנד ווי אמעריקא למשל געשפירט דער יום תרועה נאר אין גייסטיגען זין, עקאנאמיש לפחות איז דא געווען א שעת חדוה און דער זכרון תרועה האט כאטש טיילווייז געהאט א זכות הקיום, איז עס ניט געווען אויף די תרועת הנפש איז עס כאטש געווען אויף די תרועת הגוף, איצט אבער אז שוין אייניגע יאהר זינט דער עקאנאמישער קריזיס האט אויסגעשפרייט זיינע שווארצע פליגלען אויך אויף דער "גאלדערנער" אמעריקא און דער יום תרועה האט שוין גע־קראגען "דאבעל ניומאניע" סיי אין תרועת הנפש און סיי אין תרועת הגוף, טא ווי — פרעגען מיר נאכאמאל — ווי פאסט זיך היינט אריין אין אונזער לעבען דער סימבאלישער זכרון תרועה?

און אויב ס'איז דאך אזוי, איז ניט אנדערש ווי נאר אז דאס גופא, צו פראווען א זכרון תרועה אין א יום תרועה, איז אויך זעהר סימבאליש פאר אונז, אין דעם גופא שפיגעלט זיך אפ אונזער פאלקס כאראקטער און דארין ליגט אונזער סוד הקיום. ווייל נאר א פאלק וואס קען אנהאלטען זיין עק־זיסטענץ אין שלעכטע אזוי גוט ווי אין גוטע צייטען, נאר א פאלק וואס קען קוקען די ביטערע מציאות אין פנים אריין מיט האפנונגספולע אויגען, פול מיט תקוה און בטחון און וויל זיך ניט אונטערגעבען, וויל ניט זינקען אין תהום פון יאוש, נאר איז מבטל די מציאות ווי גאר ניט וואלט געווען, די תרועה שטעהט מיט איהר מורא'דיגען אויסקוק פאר זיינע אויגען און ער לאכט איהר אין פנים אריין און איגנארירט איהר, ער זאגט אז ס'איז גאר קיין תרועה ניט, ס'איז נאר א שאטען פון א תרועה, בלויז א געדעכעניש, א זכרון פון א תרועה, נאר אזא פאלק מיט אזוי פיעל מוט און קוראזש האט א רעכט צו "קליימען" אויף זיין "עתיד" און ערווארטען מיט געדולד דעם "יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים" ווען די תרועה וועט פארלירען איהר באדייטונג און וועט נאך זיך איבערלאזען בלויז א זכרון...

דערמאָנט עס אונז אַ באַקאַנטע אַנעקדאָטע וואָס דערציילט פון צוויי "חסידים" וועלכע זיינען שבת צו נאַכט אין זעהר אַ שפּעטע שטונדע זיך געגעגנגען אַהיים פון רבינ'ס מלוה־מלכה און האָבן געהענדיג איבער גע'חזר'ט דעם רבינ'ס תורה פון "בטול היש", די נישטיג'קייט פון דעם שטערבלי־כען מענש. "הייסט עס אַלזאָ, זאָגט איינער צו צווייטען, אַז לויט'ן רבינ'ס מסקנא בין איך גאָר נישט, ביסטו גאָר נישט און מיר זיינען ביידע גאָר נישט"... דערוויל געהט זיך פאַרביי דער נאַכט פּאָליצאַנט און דערהערענדיג פון וויטענס דעם הייסען געשפּרעך, האָט ער צו זיי אַ געשריי געטהאָן: "ווער איז דאָרט ?" "קיינער ניט" — ענטפערט איין חסיד — "קיינער ניט, איך בין גאָר ניט, מיין חבר איז גאָר ניט און מיר זיינען ביידע גאָר ניט".

דער פּאָליציאַנט וועלכער האָט וואַרשיינליך ניט געהאַט קיין ידיעה אין "בטול היש" האָט קענטיג ניט געפונען דעם חסיד'ס ענטפער אַלס גענוג צופרידענשטעלענד, האָט ער עס דערפאַר באַטראַכט אַלס געטריבענעם שפּאַס אויף זיין רעכענונג, איז ער טאַקע שנעל צוגעגאַנגען צו זיי און ביידען "מכבד" געוועזן מיט אַ מתנת־יד אין וועלכע ס'איז שוין געוועזן מעהר פון "גאָר ניט"... פאַרוואונדעטע זיינען זיי שנעל צוריק געלאָפען אין רבינ'ס בית־המדרש זיך אָרומוואַשען פון די בלוטיגע־פּעטש. ווען זיי זיינען "געקומען צו זיך", זאָגט איינער צום צווייטען: "איצטער זעה איך ס'אָראַ שוטה דער קאָזאַק איז, וועמען האָט ער דאָ געשלאָגען, אַז איך בין גאָר נישט, דו ביסט גאָר נישט און מיר זיינען ביידע גאָר נישט"...

איז אָבער די שפּאַסיגע אַנעקדאָטע זעהר כאַראַק־טעריסטיש און דריקט אויף אַ וואונדערבאַרען אופן אוים די פּסיכאָלאָגיע פון דעם פּשוט'ן אידען דעם תמים און מאמין. בלוט גיסט פון איהם, ער איז צוקלאַפּט און צוואוואונדעט און

דאָך איז ער אַלץ מבטל, ווי עס וואָלט גאָר ניט געשעהן, ס'איז אַלץ גאָר נישט...

אָט דאָ ליגט, ווי געזאָגט, דער סוד הקיום פון אונזער פאָלק ווייל די זעלבע פסיכאָלאָגיע פון יענעם ר' ישראל איז אויך די פסיכאָלאָגיע פון דעם כלל ישראל. מעג עס זיין אַ טאָג, אַ צייט פון אמת'ע תרועה און מיר זיינען עס מבטל און שרייען "ס'איז גאָר ניט", ס'איז ניט מעהר ווי זכרון תרועה... מיר ווייסען דעם סוד פון "תוספות שבת" אַז אפילו אין דעם סאַמען קאָך פון די וואָכעדיגקייט פראקלאמירען מיר אויך דעם שבת, אין מאמענטען פון שטורעם און רעש רופען מיר אויך שביתה ומנוחה.

"במקדש היו תוקעין" — גראַדע אין דער תקופת המקדש, אין דער תקופת הזהב, ווען די צייט אַליין איז געווען אַ צייט פון בלויז זכרון תרועה, אָהן גניחות און אָהן יללות, גראַדע דעמאָלט איז ניט נויטיג געווען קיין סימבאָלי־שער זכרון תרועה ווייל די תרועה אליין איז סימבאָליש ניט מעהר געווען ווי אַ "זכר" פון אַ תרועה און ס'איז ניט געווען וואָס מורא צו האָבען פאַר קיין פעסעמיזם, פאַר מוטלאָזיגקייט. און דוקא אין אַ צייט ווען ס'איז קיין בית המקדש ניטאָ, ווען די תרועה בושעוועט מיט איהר פולער גרויזאַמקייט אין דער מהנה ישראל, דוקא אין אַזאַ צייט איז נויטיג דער זכרון תרועה, כדי דאַמיט צו דעמאָנסטרירען די אידישע האָפנונג, דעם אידישען אָפּטאָמיזם, זיך ניט צו פאַרלירען אין אַן עת צרה און אויסשרייען אַז "ס'איז גאָר ניט", ס'איז ניט מעהר ווי אַ זכרון תרועה...

תקיעת שופר ווערט באַצייכענט אין חז"ל אַלס "חכמה ואינה מלאכה" און דאָך איז עס שבת פאַרבאָטען, ווייל ביי שבת איז "מלאכת מחשבת אסרה תורה", אפילו אַ מלאכה וואָס איהר יסוד איז נאָר אין דער מחשבה; ניט נאָר

"שביתה בפועל" דאַרף זיין נאָר אויך "שביתה בכח", דער מקור פון "חכמה" איז זיך טאַקע נאָר אין דער מחשבה אָבער אויך דאָס איז פאַרבאָטען, מ'טאָר די מחשבה אויך ניט מחלל זיין, און אין דעם ים הגדול פון דאגות און צרות דאַרף מען שטענדיג געפינען דעם רעטונגס אינזעל וואָס ווערט סימבאָליזירט אין דער שבת מנוחה...

ס'איז אמת אַז וואָס אָנבעלאַנגט דעם יחיד. דעם אינדיווידועלען מענש, איז עס ניט אַזאַ לייכטע אויפגאַבע פאַר איהם מצדיק את הדין צו זיין על כל צרה שלא תבא און עס מבטל זיין בבטול גמור, דערצו דאַרף מען שוין זיין אַ "בעל מדרגה" אויב מיר ווילען דערביי באַנוצען די חסיד'ישע טערמאָנאָלאָגיע, און ניט אַלע קענען עס זיין ווי יענע חסידים פון "בטול היש".

אויף ווי ווייט עס אָנבעלאַנגט אָבער דעם צבור, דעם חיי הכלל, דאָ איז עס און מוז זיין דער פונדעמענטאַלער פרינציפ אין לעבען, אַ צבור, אַ פאָלק טאָר קיינמאָל ניט פאַר־צווייפלען, טאָר קיינמאָל ניט אַריינפאַלען אין אַבגרונד פון יאוש.

האָבען דאָך אונזערע חכמים געזאָגט ווענען דעם איסור פון תקיעת שופר אום שבת: "גזירה שמא יעבירנו ד' אמות ברשות הרבים". און אויב דאָס איז נאַטירליך געזאָגט געוואָרען אין פאַרבינדונג מיט דער דאָזיגער מצוה כפשוטה וכמשמעה, קען עס אָבער אויך געזאָגט ווערען כמדרשה ובסמליותה, אין פאַרבינדונג מיט דער סימבאָלישער זייט פון דעם שופר.

גזירה שמא יעבירנו ד' אמות ברשות הרבים! שווער, אמת, צו פאַרצאַמען דעם רשות היחיד פונ'ם אינ־דיווידועלען מענשען און אַרויפלייגען אויף איהם די גזירה פון שביתת המחשבה, אַז ער זאָל זיך האַלטען שטענדיג אין

די ראַמען פון שבת און באַהאַלטען זיין תרועה שופר, אָבער אַרויספיהרען די דאָזיגע שופר-מחשבה אין רשות הרבים, אין רשות פון גאַנצען צבור, דאַס איז געווים אסור, אַ צבור דאַרף שטענדיג זיך געפינען אין אַ מצב פון זכרון תרועה, זיין מצב-רוח מוז אימער זיין אַ שבת'דיגער, אַ יום שכולו שבת ומנוחה...

דער שטאַרקער בטחון אין דעם צור ישראל, איז דער עקזיסטענץ גרונט פון דעם עם הנבחר, מיר זיינען אַ שבת פאָלק, שבת איז אונזער מתנה און אין אַן אטמאָספערע פון שבת איז ניטאָ קיין שברים'ס און קיין תרועה'ס, קיין גנוחי גניח'ס און ילולי יליל'ס, ווייל ביי שבת ווערט געזאָגט —

זכרון תרועה מקרא קדש!...

ליום כפור

שלא יתקן בחוץ ויכנים!

יום כפור, דער שבת שבתון, דער הייליגסטער טאָג פון אַלע טעג, איז אין דער בחינה פון "לא ללמד על עצמו יצא אלא ללמד על הכלל כולו". ניט נאָר ענטהאַלט דער דאָזיגער טאָג אָן און פאַר זיך די העכסטע סאָרט קדושה, נאָר איז צו איינער און דער זעלבער צייט אויך דער מוסטער פון קדושה, ער איז אַזוי צו זאָגען אַ "בנין אב", אַ מאָדעל פון קדושה, ער ווייזט דעם צוטריט צו קדושה, דעם "בגשת אל הקדש"...

ווייל דער דאָזיגער "בגשת אל הקדש" איז פונקט אַזאַ לעהרע ווי די קדושה אַליין. קדושה, מעג זי זיין פון העכסטען סאָרט, קוים וואָלט איהר געפעלט דער "בגשת", דער צוגאַנג צו איהר, וואָלט זי, די קדושה אַליין, פאַרלאָרען איהר גאַנצען ערך.

אידען ווייסען דעם סוד פון "הבדלה", "להבדיל בין הקדש ובין החול", עס מוז זיין אַ מחיצה וואָס זאָל אָבטיילען צווישען די וואָכעדיגקייט און די הייליגקייט, עס טאָר ניט זיין איין טעריטאָריע אָהן גבולות, עס מוז זיין אַ היכר, אַ גרעניץ. ווען נישט, קען מען ביים אריינגאַנג אין קדש מיטשלעפען מיט זיך עפּעס פון דאָס וואָכעדיגע, פון דאָס ניט הייליגע און אָט דער "עפּעס" קען מחלל זיין די קדושה, עס פאַראונהייליגען...

האָט די תורה דערפאַר געלערנט דעם כהן גדול אַז די צוריכטונג פון די קטרת טאָר ניט געמאַכט ווערען אין דרויסען, "שלא יתקן מבחוץ ויכנים". אין דרויסען איז ניטאָ די הייליגקייט פון דעם קדשי קדשים, דאָרטען בלאָזען וואָכע־דיגע ווינטען וועלכע קענען זיין שעדליך צום הייליגען פייער, מוז דערפאַר אַלעס געמאַכט ווערען אינעווייניג, "מכפנים", דאָרט וואו ס'איז כולו קדש אָהן תערובת חוץ...

און אַט די טראַדיציע איז איבערגעגאַנגען בירושה צו אַלע סאָרטען קדושות וואָס אידישקייט פאַרמאָגט. ביי יעדער מין קדושה זאָל זיין אַ געוויסע פּראָצעדורע וואָס זאָל דינען אַלס די הבדלה בין הקדש ובין החול.

דערפון דער תוספות שבת און תוספות יום טוב וועלכע זיינען די גרענעצען פון דעם חול און קדש, ניט אריינ־צודרינגען פון חול אין קדש דורך אַ בין השמשות טיר פון אַ "כהרף עין", אַט איז ער געשטאַנען מיטביידע פיס אין חול און אַט שטעהט ער שוין אין קדש ווען די פיס זיינען נאָך פאַרשטויבט מיט דעם חול.

ער מוז האָבען אַ שטיקעל הכנה אַראָפּ צו טרייסלען פון זיך די וואָכעדיגע שטויב איידער ער ציהט אַרויף אויף זיך די קדושה און אַט די הכנה דאַרף געמאַכט ווערען אין די מאָמענטען פון דעם תוספות שבת און תוספות יו"ט כדי אַז ווען ער קומט אריין אין דעם אמת'ן שבת אָדער יו"ט זאָל ער שוין אריינקומען אַ ריינער, אַ כולו קדש'דיגער.

אַט דערפון שטאַמט אויך דער ערב יום כפור וואָס איז ביי אידען אַזוי פאַרהייליגט געוואָרען ווי יום־כפור אַליין אַזוי ווייט אַז די טראַדיציע האָט איהם אויסגעפלאַכטען אַ יום־כפור קרוין ווען זי האָט געזאָגט: "כל האוכל ושותה בתשיעי כאלו התענה תשיעי ועשירי". עסען און פאַסטען זיינען אַ גוואַלדיגער קאָנטראַסט איינס צו דאָס אנדערע און דער איבערגאַנג פון דעם ערב יום כפור מיט'ן פולען מאָגען אין דעם פאַסטענדיגען יום כפור וואָלט היבש געקענט פוגם זיין די קדושה פון דעם יום הקדוש ווען ניט אויך דאָס עסען פון ערב יום כפור וואָלט פאַרהייליגט געוואָרען אַזוי אַז אויב אפילו די מ ע ש ה אַליין פון די ביידע טעג זיינען אַ קאָנטראַסט צווישען זיך, איז אָבער די כ ו נ ה פון ביידע איינע און דאָס זעלבע. ביידע האָבען אין זיך דעם אסענץ פון קדושה און דער

"אוכל ושותה" פון ערב יום כפור קען זיך פאַרמעסטען, אויף אַזוי פיעל וואָס אָנבעלאַנגט קדושה, צום תענית פון יום כפור, דאָס ע ס ע ן איז אויך אין דער בחינה פון "כאלו ה ת ע נ ה"...

אָט־אָ־דער געדאַנק וואַרפט אַ ליכט אויף דעם היילי־גען פאַראלעל פון באַרדיטשעווער רב ווען ער האָט אָנגעוויזען דעם רבונו של עולם אין דער "כל נדרי" נאַכט דעם אונטערשיד פון דעם איד ביז'ן גוי וואו דער לעצטער וואָלט זיך געפונען אין די אָוונט שטונדען נאָך אַ טאָג פון געבאַטענעם אכילה ושתיה און וואו דער איד געפינט זיך. דער גוי וואָלט זיך שכור'ערהייד געקאַטשעט אין רינשטאָק און דער איד שטעהט מיט אימה ופחד ביי כל נדרי... און וואָלט דער "אוכל ושותה" פון ערב יו"כ ניט געווען פאַרהייליגט געוואָרען מיט די קדושה פון כאלו התענה, וואָלט טאַקע ניט מעגליך געווען אָט דער שנעלער איבערגאַנג פון אכילה ושתיה צו כל נדרי. עס האָט געמוזט אומבאַדינגט פאַרהייליגט ווערען די מאָגען שפייז פון עריו"כ כדי מ'זאָל קענען אריינקומען מקדש אל הקדש און ניט אריינברייגגען די גשמיות אין די רוחניות, דעם חוץ אין דעם פנים.

שלא יתקן מבחוץ ויכנים בפנים!...

איז עס, ווי געזאָגט, אַ פונדאַמענטאלער פרינציפּ ביי אַלע אידישע קדושות אַז עס דאַרף זיין אַ מחיצה מבדלת צווישען דעם חול און דעם קדש, און אויב די גדולי הדרשנים זאָגען אַז דער "אחת בשנה" וואָס די תורה זאָגט ביי יום כפור מיינט אַז דער "אחת" זאָל זיין אַ לעהרע אויף דעם "בשנה", מ'זאָל מיט זיך מיטטראָגען די קדושה פון יום כפור אויך אין די וואָכעדיגע טעג פון יאָהר, וואָלטען מיר זיך ערלויבט צו צוגעבען אַז עס מיינט אויך אַז די קדושה פון דעם "אחת" זאָל רעפלעקטירען אויף דעם "בשנה" אין דעם זין פון אונזער אַרויסגעבראַכטען געדאַנק; די קדושות פון דעם גאַנצען יאָהר, פון וועלכען ניט איז כאַראַקטער, זאָלען אין זייער ארט

און ווייזע זיין אן אבשפיגלונג פון די קדושה פון יום־כפור אז אויך ביי זיי זאלען געשאפען ווערען די גרענעצען פון הבדלה, אויך ביי זיי זאל ניט זיין קיין אנדרלמוסיה פון חוץ מיט פנים, דער חוץ זאל ניט שעדיגען דעם פנים, איהם ניט פארוואכע־דיגען און פאראונהייליגען.

אחת בשנה !

און ווילען מיר די זאך אויפריכטיג און ערנסט באטראכטען וועלען מיר גלייך אויסגעפינען אז די זעלבע פראבלעמע פון דעם "שלא יתקן מבחוץ ויכנים" פון דעם "אחת" איז ביי אונז אויך א פראבלעמע פון דעם גאנצען "בשנה".

פנים וחוץ !

דאס אידענטהום האט פון אימער אן געהאט דעם פנים מיט'ן חוץ, איבערהויפט איז עס שטארק בולט אין דער היינטיגער ציוויליזאציאנס עפאכע און נאך מעהרער אין די פרייע לענדער ווי אמעריקא א. ד. ג. דא האט דער איד א טאפעלע אויפגאבע, ער דארף זיך צו פאסען צום אלגעמיינעם ניט אידישען לעבען, די לעבענס באדינגונגען צווינגען איהם צו לערנען די חכמת העמים מיט דער לאנדס שפראך, זיינע קינדער דארפען באזוכען די גוי'אישע סקולס און געפינען דארט זייער תקון כלפי חוץ. צו דער זעלבער צייט אבער דארף דאך דער איד אבער "אויך" זיך צו פאסען צום אידישען לעבען. מיר האבען אונטערשטראכען דעם "אויך", כאטש דאס קלינגט זעהר מאדנע אז דער אידישער לעבען זאל בלויז זיין א "אויך", עפעס א טפל זאך... איז עס טאקע טראגיש, אבער ס'איז דאך א פאקט. די אסימילאציע האט געבראכט דערצו אז מיר וואלטען כאטש געווען צופרידען ווען דער אידישער לעבען זאל כאטש פארנעהמען א פלאץ ממדרגה שניה, עס זאל כאטש זיין בבחינת "אויך"; אידישע עלטערען זאלען פיהלען און שפירען אז א געוויסע מאס פון זייער מסירות נפש פאר דעם

וואוילזיין פון זייערע קינדער זאָל ניט בלויז געווידמעט ווערען זיי "אויסמענשלען" נאָר אויך זיי "אויסאידלען", און צו דער זעלבער צייט וואָס זיי באַמיהען זיך "לתקן מבחוץ" זאָלען זיי זיך אויך באַמיהען "לתקן מבפנים"...

איז אָבער דער פאַקט ניט אַזוי. פאַר דעם לתקן מבחוץ איז מען גרייט זיך מקריב צו זיין און מ'קען זעלטען געפינען עלטערען וועלכע זאָלען פאַרנאַכלאַסיגען דעם "תקון החוץ", די גרעסטע טאַטע-מאַמע שפּאָרען אָפּ פון זייער לעצטען בימען ברויט פאַר די אויסבילדונג פון זייערע קינדער. קומט עס אָבער צו דעם "לתקן מבפנים", צו דעם חלק איד פון זייערע קינדער, דאָ איז שוין לײדער בלויז אַ קליינער פּראָצענט פון די באַוואוסטזיניגע עלטערען פאַרטראַכטען אין דעם דאָזיגען תקון. די גרעסטע טהייל באַגנוגעט זיך מיט דעם תקון החוץ און זיינען מיט דער מיינונג אַז דעם תקון החוץ קען מען אריינברייננגען בפנים און דאַמיט שוין האָבען יוצא געווען דעם חוב פון חנוך הבנים, פאַרגעסענדיג דערביי אַז די "פייער" פון "דרויסען" איז "אש זרה" וואָס פאַרברענט די נשמה אפילו ווען דער גוף בלייבט גאַנץ...

אחת בשנה!

און אָקוראַד ווי ביים "אחת" איז דאָ אַ וואָרנונג אויף דעם "שלא יתקן בחוץ ויכנים", אַזוי דאַרף די דאָזיגע וואָרנונג אויך דיענען פאַר דעם "בשנה", מ'טאָר ניט יוצא זיין מיט דעם תקון החוץ, איהם, דעם תקון חוץ קען מען ניט אריינברייננגען בפנים, עס דאַרף זיין אַ באַזונדער תקון הפנים וואָס זאָל זיין כולו קודש.

נאָך מעהר דערפון: אפילו די אידען וועלכע זאָרגען שוין ווי עס איז יאָ פאַר דעם תקון הפנים און שיקען יאָ זייערע קינדער אין די נאָכמיטאָג'דיגע תלמוד תורה'ס, קוים אָבער דאַרפען די קינדער פאַרברייננגען דעם גרעסטען טהייל פון

טאג אין דער וואכעדיגער און אונהייליגער אטמאספערע פון דעם "חוץ" איז ממילא דער איבערגאנג פון חוץ אין פנים אויך א שעדליכער, עס פעלט די הכשרה אינ'ם חוץ און אריינקומענ-דיג אינ'ם פנים, ברייגנגט מען מיט די וואכעדיגקייט פון חוץ וועלכעס פארוואכעדיגט אויך דעם פנים... עס איז א בחינה פון א יום-כפור אהן אן ערב יום כפור, א שבת אהן אן ערב שבת...

זיינען טאקע די גליקליכע יענע ווייניגע וועלכע האבען פארשטאנען צו זארגען פאר זייערע קינדער און באשאפען פאר זיי אזא סארט חנוך וואס דריקט זיך אוים אין פארם פון די ישיבות-קטנות אדער "פאראקיאל סקולס", וואו דער "תקון החוץ" איז אויך "מבפנים", אזוי אז די וואכעדיגקייט ווערט אויך פארהייליגט, די חולין איז אויך "על טהרת הקדש" און אפילו אין די "למודי חול" ווערט אויך אבגעטרייסעלט די וואַ-כעדיגע שטויב, דער חלק "מענש" פון "אוכל ושותה" איז אויך אין דער בחינה פון יום-כפור, עס איז אויך איבערגעצויגען מיט א הויט פון קדושה. פון קינדער וואס קריגען אזא חנוך קען מען געווים ערווארטען זיי זאלען זיין זרע ברך ה'.

* *
*

און וועהרענד מיר רעדען וועגען די מיזעראבעלע ערשיינונג פון אריינברייגנגען דעם חוץ אין דעם פנים, איז אויך כדאי זיך אבשטעלען אויף דער אנדערער זייט פון דער מטבע וועלכער איז אויך נים ווייניגער מיזעראבעל און העסליך פאר דאס ערשטע.

מיר מיינען דערמיט די פארקערטע זייט, דאס אריינ-ברייגנגען דעם פנים אין דעם חוץ...

עס איז א העכסט טרויעריגע ערשיינונג אין דעם אמעריקאנער אידישען לעבען, די מעטאדען וועלכע ווערען

אַנגעווענדעט ביי די צדקה ״קאַמפּיינס״ אָדער ״דרייווס״ אויף צו שאַפן די נויטיגע פאָנדס פאַר דער אויפהאַלטונג פון די מוסדות התורה והחסד.

כמעט זעלטען צו געפינען אַן אַנשטאַלט פון וועלכען מין ער זאָל ניט זיין, אַז ער זאָל אַ טהייל פון זיינע הכנסות ניט אריינקריגען דורך אַזעלכע אונטערנעהמונגען וואָס זיינען, כשהם לעצמם, אַ סתירה צו דעם גאַנצען גייסט און פּרינציפּ פון דעם דאָזיגען אַנשטאַלט.

ניטאָ צום ביישפּיל איין ישיבה אָדער ת״ת וועלכע זאָל ניט פאַראַנשטאַלטען אַ טעהאַטער פאָרשטעלונג, אַ ״באַל״ אָדער אַ ״דענס״ א. ד. ג. אַלס אַ ״בענעפיט״ פאַר דער באַטרע-פענדער אינסטיטוציע. צו די דאָזיגע אונטערנעהמונגען ווערען צומאָל אויך איינגעלאַדען רבנים צו מאַכען די אפּיעלס. דער רב טרעט אַלזאָ אויף אויף איין ביהנע מיט דעם אַקטיאָר און עס שאַפט זיך דערפון דער איינדרוק ענטוועדער אַז רבנים ווערען אַקטיאָרען אָדער אַז אַקטיאָרען ווערען רבנים און איןביידע פעלע פאַרשאַפט עס ניט קיין איבעריגען כבוד צו דער רבנ׳ישער פּראָפעסיאָן. איז עס טאַקע פון איין זייט אַ קאָ-מעדיע, פון צווייטען זייט אָבער איז עס אַ טראַגעדיע. עס וויזט אויף דעם טראַגישען צושטאַנד פון אידישקייט אין דיעזע לענדער אַז אפילו די קדושה דאַרף געצויגען ווערען דורך די צנורות פון טומאה. עס ווייזט אויף די שוואַכע פעדים צו וועלכע דאָס טראַדיציאָנעלע אידענטום איז צוגעבונדען.

עס דערמאָנט אונז אין אַ שעהנעם שפּאַס וואָס אַ באַריהמטער אידישער פּאָעט האָט אמאָהל געזאָגט, ווען ער איז געקומען אויף באַזוך אין אַמעריקא און איז איינגעלאַדען געוואָרען צו אַזאַ סאָרט באַנקעט וואָס איז געווען אַן אונטער-נעהמונג פאַר אַ אידישע אינסטיטוציע. ביי די דאָזיגע באַנ-קעטען איז אַ מנהג צו סערווירען דעם ערשטען געריכט דאָס וואָס מ׳רופט ״פריקאַזי״, אַ מאכל פון געקאַכטע הינערשע

פיסלאַך. אין זיין טאוסט רעדע האָט דער משורר זיך שפּאַסיג אויסגעדריקט אַז "קענטיג אַז אידישקייט אין אַמעריקא שטעהט אויף הינערשע פיסלאַך"...

יאָ, אויף הינערשע פיסלאַך, און ווייל אידישקייט איז דאָ אַזוי שוואַך, מוז מען זיך באַנוצען מיט אַלערליי העס־ליכע מיטלען אַבי צו קענען צוציהען די זאַגענאַנטע מאַסען פון וועמען מ'דאַרף ארויסקריגען די עטליכע דאָלאַר פאַר די אַדער יענע אינסטיטוציע.

וועלענדיג מלמד זכות זיין אויף אידען האָב איך אַמאָהל געזאָגט אַז אפשר זיינען די דאָזיגע אונטערנעהמונגען אין דער בחינה פון דעם "שעיר לעזאל" וואָס ווי באַוואוסט איז דער דאָזיגער שעיר, אין ליכט פון חז"ל, געמאַכט געוואָרען אַלס שוחד צום שטן, אַ מין כאַבאַר, גרעפט, איהם אונטערצו־קויפען ער זאָל שווייגען... און אפשר איז דער זעלבער פאַל אויך מיט די דאָזיגע אונטערנעהמונגען. שווער, זעהר שווער, צו ברענגען די אידען פון אַ גאַנץ יאָהר אין שוהל אריין און דאָרטען פאַר זיי מאַכען די אַפּיעלס, דער שטן שטעהט אין וועג און לאָזט דעם אידען ניט געהן אין שוהל. מוז מען דעם שטן פאַרנאַרען און איהם ברייגגען אין טעהאַטער, דאָרט וועט ער שוין יאָ געהן...

אַמאָהל האָט מען געזאָגט: "אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש", "משכהו" האָט שטענדיג געדאַרפט זיין, ווייל אַ "מנוול" האָט געוועהנליך ניט קיין שטאַרקען חשק צו געהן אין בית המדרש, מען מוז איהם שלעפּען מיט גוואַלד, נאָר אויב ער לאָזט זיך נאָך אַמווייניגסטענס שלעפּען איז נאָך מיט אַזאַ מנוול אויך כמעשה'דיג. שלעכט אָבער איז ווען מען טרעפט אָן אויף אַזאַ גרויסען מנוול ביי וועמען עס העלפט שוין קיין שלעפּען אויך נישט, דאָ איז שוין דער בית המדרש און שוהל אויך קיין מיטעל ניט, אין אַזאַ פאַל ליידער,

מוז מען שוין דעם בית המדרש שלעפען צום מנוול, די שוהל ברייגנען אין טעהאטער, דעם "בנים" אין דעם "חוץ", און זיך ווידער באנוצען מיט דעם נוסח בארדיטשעוו און זאגען: רבונו של עולם זעה וואס פאר א טייערען פאלק דו האסט אז אפילו ווען זיי געהען אין טעהאטער האבען זיי אויך אין זינען די שוהל...

צוויי איבלען אין אידישען לעבען, ענטוועדער ס'איז "מתקן מבחוץ ומכנים בפנים" אדער פארקעהרט, מען ברייגגט דעם "פנים" אין דעם "חוץ", און אויף ביידע בלייבט אונז איבער צו בעטען ביים רבונו של עולם אין דעם יום-כפור טערמין:

כפר לעמך ישראל!

לסוכות

למען ידעו דורותיכם!

סוכות האָט פון אייביג אַן פאַרנומען אַ פראָמינענטען פלאַץ צווישען די אלע אנדערע אידישע ימים-טובים. אין דיעזען נאַציאָנאַלען יו"ט האָבען אונזערע דיכטער, פּאָעטען און פעדער אַרטיסטען אַזוי גוט ווי אונזערע רבנים, דרשנים און פאָלקס רעדנער געפונען גענוג מאַטעריאַל און שטאָף פאַר'ן געדאַנק מיט וועלכע יעדערער פון זיי האָט זיך געוואוסט ווי אויסצונוצען אויף זיין אייגענאַרטיגען אופן.

ווייל רייך און שעהן און כמעט פון אַן אויסער-אָרענדטליכען כאַראַקטער איז דער סוכות יו"ט. דער צער-מאַניאַלער סוכות-טעקס וועלכער צווייגט זיך אוים און שפּרייט זיך פאַרנאַנדער אויך אויסערהאַלב די סוכה-מחיצות אין גע-שטאַלט פון די צוגעגעבענע "ארבעה מינים", "שמחת בית השואבה", א. ד. ג. איז גענוג אינהאַלטסרייך פאַר די פעדער שפּריצען און דעם אָראַטאָרישען געברויך. איז דערפאַר קיין חדוש ניט וואָס אויף דיעזען געביט זיינען אַזוי פיעל שעהנע פאַנטאַזיעס אויסגעשפּינט געוואָרען סיי פון אונזערע מאָדערנע גלות-מקוננים און סיי פון אונזערע גאולה-משוררים. די סוכה וועלכער איז פון איין זייט דער סימבאָל פון דעם אידישען גלות, די באַדענלאָזע הויז, די "דירת ארעי" און פון דער אַנדער זייט דער "סמל החרות", דער פרייהייטס סימבאָל און גאולה שילד: "כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים", האָט ביידע דערמאָנטע טאַלאַנטען געקענט צופרידענ-שטעלען און יעדען פון זיי געבען דאָס געווינשטע מאַטעריאַל.

און מערקווירדיג: פאַר ביידע חלקים איז דער סוכות באַצייכענט געוואָרען מיט'ן "זמן שמחתנו" אפילו פאַר

דעם חלק ג ל ו ת אויך. און זאָל עס קיין וואונדער זיין, זאָל מען אין דעם ניט געפינען קיין סתירה און זאָל מען ניט פרעגען: "סמל הגלות וזמן שמחתנו — הא כיצד ?"

ווייל דוקא אין דעם ליגט דער סוד פון אונזער קיום, דוקא אזא פאָלק וועלכער לעבט אין זיין גאנצע גלות פעריאָדע אַ סוכה לעבען, אָהן אַ באָדען אונטער זיינע פיס און אָהן אַ דירת קבע, און דאָך ווייסט ער ווי אַנצוהאַלטען זיין עקזיסטענץ, ער פארצווייפעלט ניט, פאלט ניט אריין אין תהום פון יאוש און זינגט זיך נאָך אונטער "זמן שמחתנו", ער פראַקטעצירט דער "תשבו—כעין תדורו", אזא פאָלק דוקא מעג און קען פאר זיך מאָנאָפּאָליזירען דעם זכות - הקיום מעהר פאר אנדערע פעלקער.

אַ סוכה פאָלק איז דער וואָס איז ניט אַבהענגיג מיט זיין עקזיסטענץ ניט אין אָרט און ניט אין צייט. מעג ער זיך געפינען אין ערגסטען אָרט פארלירט ער זיך ניט, עס איז "אין לבו חלוק על המקום", נאָר פארקעהרט, ער באַגריסט דעם אָרט מיט אַ ברכה אויף זיינע ליפּען און זאָגט: "ברוך המקום"! און מעג ער דורכמאַכען די שווערסטע צייטען איז ער אָלץ ניט מיואש און געפינט אַ ברכה אויך פאר דער צייט: "שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה"!...

אָט דאָס איז דער סוד פון "שמחת בית השואבו", אויף וועלכען אונזערע חכמים האָבען געזאָגט: "מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו", און די גאַנצע שמחת בית השואבה איז דאָך נאָר צוליעב'ן "נסוך המים" מיט וועלכע די סוכות קרבנות האָבען זיך אויסגעצייכענט מעהר פאַר די קרבנות פון אַ גאַנץ יאָהר וועלכע האָבען נאָר געהאַט נסכי יין. און עס לאָזט זיך דאָך פרעגען: "לשמחה מה זו עושה"? וואָלטען למשל די נסכים פון די פרי החג געהאַט דעם יתרון דורך נסכי יין פון אַ בעסערען סאָרט, אַ מין "יין המשומר" למשל, וואָלט זיך געלאָזט פארשטעהן דער יתרון

פון דער שמחה, אויף א בעסערן ווײַן קומט דאך "הטוב והמטיב", אויף וואסער אבער — מה רעש ?

איז טאקע דערין אליין דא דער ענטפער. אט דאס איז טאקע דער קונץ. ס'איז קיין מלאכה ניט פרעהליך צו זיין ביי א גלעזעלע ווײַן, עס איז אבער יא א קונץ פרעהליך צו זיין אויף א גלעזעלע וואסער...

עס דערמאהנט מיר אן אנעקדאט פון א רייכען אמעריקאנער איד וועלכער איז מיט אונגעפעהר עטליכע צעהנ־דליג יאהר צוריק געקומען קיין א"י, זייענדיג א מטופל מיט שווערע אלפים. נאטירליך איז ער פארפאהרען אינ'ם שעהנ־סטען האטעל און האט זיך געלאזט וואויל געהן "כמתנת ידו וכברכת ה' אשר עליו". אמאהל אין א געהויבענע שטימונג נאך א געשמאקען גענזענעם דינער'ל מיט די בעסטע כרמל ווײַן האט ער זיך פארדרייכערט זיין גראבען ציגאר און בשעת מעשה ווי אויסגעקרעכצט א מין צדוק הדין זאגענדיג: "אה, רבונו של עולם, כ'בין אלץ מקבל באהבה אבי אין ארץ ישראל"...

נו, געוויס, א גענזענער וואַרמעסעל מיט א מובחר'־דיגע כרמל כוס'לע לאזט זיך טאקע "מקבל באהבה" זיין "אבי אין ארץ ישראל"... שווער אבער זיך אונטערזינגען דעם דאזיגען "צדוק־הדין־ניגון'לע" אויף א פארדארטע סוכארקעלע מיט א גלאז וואסער און דערפאר, אט דער וואס קען אויך אויף אזא אופן זיך אונטערזינגען "אבי אין א"י", דער איז דער העלד און ניט יענער אמעריקאנער "חכם".

און אט דערפאר: "כל מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו". דאס איז ניט קיין מליצה, קיין פראזע, ס'איז דער ריינער אמת; ניט זעהענדיג די שמחת בית השואבה האט מען נאך טאקע אזא שמחה קיינמאהל ניט געזעהן, האט מען געקענט זעהן די גרעסטע שמחות און

אפילו נאָך גרעסער ווי די פון שמחה בית השואבה, יענע זיינען דאָך אָבער געווען שמחות אויף זאַכען וואס האבען גע- קענט אַרויסרופען די שמחה, אָבער אַ שמחה אויף וואַסער דאַס איז נאָר געווען די פון דעם סוכות יו"ט, און גראָדע די שמחה איז אַזוי עהרליך און דעמאָנסטראַטיוו געפייערט גע- וואָרען, ווייל, ווי געזאָגט, ליגט אין דעם מין שמחה דער סוד פון אונזער קיום האומה.

הייסט עס אַלזאָ פון דיעזען שטאַנדפונקט אַז דער סוכות מיט זיין סימבאָלישען גלות-טהייל דריקט אויס דער "טראָץ-געדאַנק", טראָץ די דירת ארעי, טראָץ די וואַסער נסכים, דאַרף מען אַלף טריאומפירענדיג אויסשרייבען "זמן שמחתנו".

פאַרטראַכט מען זיך אָבער טיעפער איבערצייגט מען זיך אַז ניט נאָר איז די סוכה אַ "טראָץ סוכה" נאָר אויך אַ "ווייל סוכה", ניט נאָר טראָץ די סוכה קענען מיר אָנ- האַלטען אונזער עקזיסטענץ נאָר אויך ווייל די סוכה, ווייל מיר פאַרשטעהן די סוכה לעהרע מיט איהר סימבאָלישע באַ- דייטונג פאַר אונזער גלות לעבען, ווייל דעם אַלעמען, זיינען מיר אימשטאַנד געווען איינאָרדנען אונזער גלות-לעבען אויף אַזאַ מייסטערהאַפטיגען און דויערהאַפטיגען אופן.

למען ידעו דורותיכם!

ווייל די לעהרע פון סוכות איז אַ לעהרע פאַר די דורות, און אונז שיינט אַז צווישען די דאָזיגע דורות האָט דער אַמעריקאַנער דור פיעל מעהר צו לערנען פון דער סוכה ווי די דורות אין דער אַלטער היים. יענע האָבען עס שוין לאַנג אויסגעלערענט, וועהרענד דער דור אַמעריקאַ, דאַרף עס ערשט אָנהויבען לערנען, ער האַלט נאָך ביים סאַמע אַלף פון סוכה...

דער גלות נאטירליך איז די הויפט סיבה פאר אסימי־לאציע. זייענדיג אין דער פרעמד ווערט מען ניט ווילענדיג אסימעלירט. די אומשטענדען און לעבענס באדינגונגען זיינען גורם דערצו.

איז דאָך אבער דער זעלבער גלות אין אַלע אנדערע לענדער אויך און פאַר וואָס גראַדע האָט אמעריקא צוגענומען גאַנצע תשעה קבין פון די עשרה קבין אסימילאַציע וואָס האָט אַראָפּגענידערט אין דער גלות וועלט?

דעם ענטפער דערצו גיט די סוכה מיט איהר "למען ידעו דורותיכם". די סוכה איז דער "תרים" פאַר די אסימי־לאציאָנס מגפה. די סוכה לערנט די דורות אז אפילו געפינענדיג זיך אין גלות, אין דעם מדבר העמים, קען זיך דער איד אויך מתיחד זיין אין זיין סוגה און זיך באַפעסטיגען מיט א "תשבו כעין תדורו" טראָץ די בייזע ווינטען וואָס בלאָזען אריין פון דרויסען, און דראָהען איינצואוואַרפען זיין אידישע סוכה... און קוים איז נאָר פאַראַן אַ סוכה, קוים שטעלט זיך נאָר דער איד אויף זיינע אייגענע ארבע מחיצות אין וועלכע ער איז זיך מתיחד מיט זיינע הייליגע אושפיזין, איז זיך מקשר מיט די אבות האומה, מיט זיין גלאָרייכע פאַרגאַנגענהייט, דאַן קען ער לאַכען די דרויסענדיגע וועלט אין פנים אריין און נים מורא האָבען פאַר פרעמדע השפעה.

האָבען טאקע די אידען אין די אנדערע גלות לענדער שטאַרק פראַקטעצירט דעם "למען ידעו דורותיכם" ניט נאָר אין די זיבען טעג פון יום־טוב נאָר אויך אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר. זיי האָבען פאַרמירט דעם סוכה לעבען אויך נאָכ'ן יו"ט ווען זי, די סוכה, איז געקומען צום אויסדרוק אין פאַר־שידענע געשטאַלטען, סיי אין לעבען פון יחיד און סיי אין לעבען פון צבור. אין ערשטען פאַל איז עס געווען דער אידישער שבת, דער אידישער יו"ט, דער כשר'ער עס־צימער, דער כשר'ער שלאָף צימער א.ד. ג., אין צווייטען פאַל ווידער איז

עס געווען די תלמוד-תורה, די ישיבה, די שוהל, דער בית המדרש. אט די אלע זאכען זיינען עס געווען די אידישע סוכות אינ׳ם לעבען און א דאנק זיי האט די אסימילאציע ניט געהאט קיין פלאץ און ארט פון וואנען אריינצודרינגען, ווייל סיי אין יחיד׳ישען לעבען און סיי אין דעם צבור׳שען האט זי אנגעטראפען די מחיצות פון דער סוכה וועלכע האבען אפגעהאלטען איהר אימפעט׳דיגען געלאף . .

דא אין אמריקא און אין די אנדערע פרייע לענדער פון דעם סארט זיינען ביידע, אי די יו״ט סוכה און אי די סוכה פון לעבען פגום׳דיג געווארען סיי אין דעם לאגער פון יחיד און סיי אין דעם לאגער פון צבור. די יו״ט סוכה פון יחיד איז כמעט ווי אין גאנצען אבגעווישט געווארען. איך גלויב קוים אויב איין פראצענט לפחות פון די אידישע מאסען האבען זיך זייער אייגענע סוכה, די איבעריגע נייז און ניינציג זיינען יוצא מיט מאכען קידוש אין דער שוהל סוכה.

די שוהל-סוכה ווידער איז אויך אהן טעם און אהן ריח, עס פעלט אין איהר די "נוי סוכה", זי איז אינעווייניג פגום און שטעהט נעבאך ווי א פארשעהמטע און א פאר־יתום׳טע אין די שבעת ימי החג און קוקט גיכער אוים ווי אין אן אנדער סארט "שבעה"...

און דאס זעלבע ווי מיט דער סוכה פון יו״ט איז אויך מיט דער סוכה פון לעבען, איינם רעפלעקטירט אויף׳ן צווייטען. דער סוכה לעבען פון דעם יחיד האט פארלארען זיין גאנצען אינהאלט. זעהר ווייניג זיינען זיי די אמת׳ע שבתים, די אמת׳ע ימים טובים, די כשר׳ע עם צימערען און די ריינע שלאף צימע־רען... קומט עס צו דעם סוכה-לעבען פון צבור איז ווידער דאס זעלבע, די גוי׳אישע פאלקס שולע האט פארנומען דעם פלאץ פון דער ישיבה, די שוהלען און בתי מדרשים זיינען האלב און גאנץ ליידיג, זיי זיינען געווארען טרויער הייזער פאר קדיש-זאגער און בית-עלמין׳ם פאר די "אל מלא רחמים׳ס",

ניטאָ אין זיי די "נוי סוכה", די אינערליכע שעהנקייט, עס פעלען די אַלטע אבות, די אושפיזין וועלכע פלעגען באַצירען די מזרח ווענט, ס'איז נאָר געבליבען דער "קדיש" נאָך זיי . . .

אַט דערפאַר האָט דאָ די אַסימילאַציע זיך באַזעצט מעשה פריץ, און אויסגעשפּרייט איהרע שוואַרצע פליגלען אויף דעם גאַנצען אידישען באָדען, ניטאָ די סוכה - מחיצות איהר אָבצוהאַלטען און דערפאַר איז דער קיום היהדות דאָ אַזוי שוואַך.

הוא אשר אמרנו: עס איז אויך אַ "ווייל סוכה", ווייל די סוכה, דערפאַר דער קיום, איז אָבער די סוכה שוואַך איז דער קיום אויך שוואַך.

און וועט איהר טאַקע אַלץ פרעגען אַ מה נשתנה קשיא: פאַר וואָס טאַקע האָט מען אין דער אַלטער היים געהאַט די ידיעה פון "למען ידעו" און פאַר וואָס דאָ פעלט די ידיעה און מ'האַלט ערשט, ווי געזאָגט, ביים אלף?

איז דער תירוץ מיניה וביה: דאָרט וואו ס'איז די נויטיגע תלמוד תורה"ס וואו מען לערנט די תורה, לערנט מען דעם "למען ידעו" אויך און אַז מען לערנט דעם למען ידעו, ווייסט מען שוין ווי טייער צוהאַלטען די דאָזיגע לעבען-סוכות, דאָרט אָבער וואו ס'פעלען די דאָזיגע תלמוד תורה'ס, איז דאָך ניטאָ וואו דעם למען ידעו צו לערנען, ווייסט מען איהם דערי-בער ניט. איינס איז תלוי אין צווייטען און איינס איז אַ פּראָ-דוקט פון צווייטען. דער למען ידעו, פון די סוכה און די סוכה פונ'ם למען ידעו, און קיום פעלט איינס פעלען שוין ממילא ביידע . . .

זיינען טאַקע אויך אין אַמעריקאַ פאַראַן אַ קליינער פּראָצענט פון דעם בעסערען עלעמענט וועלכע האָבען טאַקע יאָ פאַרשטאַנען דעם סוד פון "למען ידעו" און האָבען יאָ

אויפגעשטעלט די אמת'ע לעבען-סוכות פאר זייערע קינדער, יענעם טיפ סוכה וואס באנוגענט זיך ניט מיט דעם אויסער-ליכען טהייל נאר איז שטארק מהדר אויף דעם נוי-סוכת פון אינעווייניג, יענע סוכה וואס דריקט זיך אוים אין דער ישיבה קטנה אדער פאראקיאל סקול, וואו מ'האט אריינגע-בראכט אין סוכה אי דעם גוף אי די נשמה, די אלגעמיינע למודים מיט די אידישע צוזאמען, די נסכי מים מיט די נסכי יין און איבערביידע צוזאמען פלאטערען די קרוי-נען פון די אושפיזין, די מסורת אבות, איז טאקע ביי יענע אידען דער סוכות אן אמת'ער "זמן שמחתנו" און מען פרעהט זיך טאקע אויף די מים (אויף די אלגעמיינע למודים) מיט א באזונדער טעם פון שמחת בית השואבה, ווייל מען וויים אז דאס איז מים טהורים, על טהרת הקדש, און ניט קיין מים הזדונים פון דעם ברוויזיגען אסימילאציע ים...

למען ידעו דורותיכם! ...

לחנוכה
(לסיום משניות)

חנוכה און סיום משניות זיינען ווירקליך פאַרוואַנדעט איינס מיט דאָס צווייטע. פאַראַן אַ קשר איןביידע נעמען, "חנוכה" און "משנה". דורשי רשומות זאָגען אַז משנה איז די אותיות נשמה און נשמה האָט דאָך געווים אַ שייכות מיט ליכט — "נר ה' נשמת אדם, קענען מיר שוין צוגעבען דערצו און זאָגען אַז "משנה" איז אויך די אותיות "שמנה", אַ רמז אויף די שמנה נרות פון חנוכה.

[וכאשר באנו כבר לדרוש "בשם" לא אמנע מלרשום את אשר שמעתי מפי אבי מורי הרה"ח הותיק רבי יחיאל צבי שליט"א על אודות השם "חנוכה" שכפי שמובא באבודרהם מרומז בראשי תבותיו: "ח' נרות והלכה כבית הלל, המכוון אל ההלכה שצריכים ח' נרות ולא ז' (כקושית הראשונים והאחרונים) ושההלכה היא כבית הלל שמוסיף והולך ולא פוחת והולך כבית שמאי.

ואמר אבי שליט"א (אינני זוכר אם בשמו או בשם רבותיו) כי שתי ההלכות האלו יש ביניהן קשר והן משולבות אשה אל רעותה, כי רק על ידי זה שמדליקין שמנה נרות ולא שבעה, יש בכל לילה היכר שהלכה כבית הלל כי לב"ה שונה היא ההדלקה בכל לילה במספר נרותיה מאשר לב"ש, לא כן, אבל, אם היינו מדליקין רק שבעה נרות כי אז בליל הרביעי לא היה ניכר שההלכה כבית הלל כי לדברי שניהם היו מדליקין ארבעה. וזהו: "ח' נרות (ולא ז') — ועי"ז ניכר — והלכה כבית הלל" — ודפח"ח].

אין סיום פון היינט, אין סוף מסכת עוקצין, זיינען פאַראַן צוויי מאמרים וועלכע האָבען לכאורה ניט קיין שייכות איינער צום אַנדערען. דער ערשטער מאמר וואָס לויטעט:

"אמר ריב"ל עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק ש"י עולמות שנאמר להנחיל לאוהבי י ש ואוצרותיהם אמלא" — און דערנאָך דער צווייטער מאמר:

"אמר ר' שמעון בן חלפתא לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום שנאמר ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום".

וועלען מיר פּרובירען דרש'נען סמוכין און יאָ אָנ־ווייזען די שייכות פוןביידע מאמרים איינער צום אַנדערען און גלייכצייטיג אויך די שייכות פון ביידע צוזאַמען צום יו"ט פון חנוכה וואָס איז איצט ביי אונז מענינא דיומא.

אויף די באַוואוסטע קשיא, פאַר וואָס מען צינדט אַכט ליכט און ניט זיבען כאָטש אויף איין נאַכט איז דאָך געווען געננג בויםעל און דער נס איז בלויז געווען אויף זיבען, איז צווישען די פיעלע אַנדערע תירוצים אויך דאָ דער תירוץ אַז ווייל ס'איז דאָך אַ כלל אַז די "ברכה" קען נאָר חל זיין אויף אַ "יש", אָבער ניט אויף אַ "אין", האָט דאָך פאַלגליך געמוזט די ערשטע נאַכט אויך עפּעס איבערבלייבען פאַר די צווייטע אַזוי אַז טראָץ די מאָס בויםעל אין פך השמן וואָס איז געווען באַגרעניצט פאַר איין נאַכט, איז עס פון דעסטוועגען ניט אויסגענוצט געוואָרען אין גאַנצען פאַר דיעזע נאַכט און ס'איז נאָך געבליבען פאַר מאָרגען, איז דאָך שוין די ערשטע נאַכט אויך געווען אַ נס.

און אַט דאָס וואָס די ברכה איז נאָר חל אויף אַ "יש" איז מרומז אין דעם פּסוק פון "להנחיל לאוהבי "יש" — דער־מאָלט איז — "ואוצרותיהם אמלא" (מלוי ברכה).

און ווייל דער דאָזיגער פּסוק רעדט דאָך מכח די סגולה פון דער ברכה און איהרע באַדינגונגען, פּאַסט זיך דער־פאַר אַריין דער צווייטער מאמר וועלכער רעדט אויך וועגען אַ געוויסען באַדינג אין דער סגולת פון ברכה, נעמליך: "לא

מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום", דער "שולם" איז אויך אומבאדינגט נויטיג אלס מיטעל צו דער ברכה, ווייל אקוראד ווי א כלי קען ניט ענטהאלטען קיין זאך אין איהר אויב זי איז ניט גאנץ, אזוי קען די אידישע אומה אויך ניט מקבל זיין קיין ברכה סיידען אז זי איז גאנץ, אז ס'הערשט שלום און אחדות און זי איז ניט געשפאלטען צווי־שען זיך מיט רייסערייען און אונאייניגקייט. דער "שלום" מאכט איהר פאר א "כלי שלם" (אגב, איז דאס ווארט "כלי" כולל דעם גאנצען פאלק לויט די ראשי תיבות כהן לוי ישראל) און דורכ'ן שלום ווערט די אומה א כלי מוכשר לקבל ברכה.

דארויף ברייננט דער תנא דעם פסוק: "ה' עוז לעמו יתן", די תורה (שהיא עוז לישראל) האט השי"ת געגעבען זיין פאלק נאר דעמאלט ווען ס'איז פריהער געוועזן: "ה' יברך את עמו בשלום", ווי חז"ל באטאנען אז ביי אלע מסעות שטעהט "ויחנו", לשון רבים און ביי מתן תורה שטעהט "ויחן", לשון יחיד ווייל כל זמן עס איז ניט געוועזן קיין אחדות אז אלע זאלען ווערען ווי איינס זיינען זיי ניט ראוי געוועזן צו נעהמען די תורה וועלכע איז דער מקור פון ברכה.

און אט דיביידע באדינגונגען פאר דער ברכה גע־פינט מען אין חנוכה. דער נס פך השמן ווייזט אז די ברכה איז נאר חל אויף א "יש" ווי ס'איז אויבען ערקלעהרט גע־ווארען, און דער נצחון פון די חשמונאים באווייזט אויף דעם אחדות און שלום וואס האט געהערשט צווישען זיי, ווייל נאר די פאראייניגטע כחות פון די ברידער גבורים וועלכע האבען אלע געקעמפפט פאר איין אידעאל, האט זיי געבראכט דעם ריעזיגען נצחון.

און אקוראד ווי די ביידע דערמאנטע מאמרים זיינען שייך צו חנוכה אזוי איז דער גאנצער "סדר טהרות" מיט וועלכען מען איז מסים די ששה סדרי משנה אויך שייך צו חנוכה, ווייל דער עיקר נס פון פך השמן בטשטעהט דאך דערין

וואס דאס קליין קריגעלע איז געבליבען "טהור" פארזיגעלט מיט'ן חותם פון כהן גדול און נאר דורך אט די טהרה האבען מיר זוכה געווען צו דיעזען היסטארישען יום טוב.

און פון יענעם "טהרות" האט מען פון דאס ניי ווידער געקענט איבערגעהן צו "זרעים", מ'האט, נאך יענעם חשמונאים זיעג ווידער אנגעפאנגען צו פראקטיצירען אין די ניי אויפגעלעבטע ארץ ישראל די "מצות התלויות בארץ" וועלכע געפינען זיך אין זרעים און דער לעבען איז צוריק גע־ווארען נארמאל.

טהרות האט אויך געבראכט צו זרעים אין דער גייסטיגער אויפפאסונג פון דיעזען באגריף. די טהור'דיגע חשמונאים האבען פארזייהט, די זרעוני קדש, די הייליגע אי־דעאלען פון מסירות נפש פאר תורה און פאלק און האבען זיי איינגעווארצעלט אין די הערצער פון זייערע קינדער און איניקלאך וואו די זריעה איז נקלט געווארען און האט אנגע־הויבען ארויסשפראצען אין צייט, אין די פארשידענע תקופות און גענעראציאנען. ווען עס איז געקומען א צייט פון סכנה פאר דער אידישער תורה זיינען זיי, די חשמונאים איניקלאך, נתגלה געווארען מיט זייער גבורה גייסט צו באשיצען אונזערע גייסטיגע אוצרות, די קניני הרוח, מיט דעם גרעסטען מסירות נפש און קאמפפסלוסטיגקייט.

און ס'זיינען געווען צייטען ווען עס האט אויסגעזעהן ווי די זון פון אידישקייט גערט חס ושלום אונטער, דער שאטען איז געווען מעהר פאר די ליכט און אט אט גרייכט שוין דער "ערב שמש", דער בין השמשות... און אויך אין די אבענד שטונדען האט זיך דערהערט דער ווידער־קול פון דעם רוף פון די גבורי האומה מיט זייער "קורין את שמע בערבית", די ביידע "שמע ישראל'ס", דער "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד" וואס איז דער רוף צו די ריינע אמונה אין אחדות ה', און דער "שמע ישראל אתה עובר היום לרשת את הארץ",

וואָס איז דער רוף צו דער ירושת הארץ, דער ערשטער, אַ ריין טראַדיציאָנעלער, קדושת ה׳ והתורה און דער צווייטער, אַ נאַציאָנאַלער, קדושת העם והארץ.

און אויף דער פראַגע: ״מאימתי קורין את שמע בערבין?״ פון ווען אָן האָט זיך אָנגעהויבען הערען דער דאָזיגער רוף פון דעם ״שמע״ (קדושת השם וקדושת הארץ), פון וועלכען קוואַל שעפען מיר עס אָט דעם אידעאַליסטישען מסירות נפש, און ווער זיינען עס געווען די ערשטע חלוצים וועלכע האָבען איינגעטראָטען דעם וועג פאַר זייערע נאָכפאָל־גער צו באַזיצען דעם כח פון ״קריאת שמע של ערבית״, אַז אפילו אין די טונקעלע אָבענד שטונדען זאָלען זיי ניט אריינ־פאַלען אין יאוש?

אויף אָט דער פראַגע קומט דער ענטפער:

משעה שהכהנים נכנסים!

פון יענער צייט אָן זייט די כהנים החשמונאים, די קינדער פון מתתיהו זיינען אריין אין היכל ה׳ צו באַשיצען זיין קדושה און קיום, פון יענער צייט אָן איז דער באָדען אויסגע־אַקערט געוואָרען, און די קערנער פאַרזייהט געוואָרען און די ירושה איז איבערגעגאַנגען צו זייערע קינדס קינדער פאַר אייביגע דורות.

זרעים און טהרות — און חנוכה איז דער שליסעל צו ביידע...

לחנוכה

רומה וירושלם

אלא לראותן בלבד

דער חוש הראיה, די זעהונגס קראפט, איז ניט ביי אלעמען גלייך, פאראן מענשען וואס זיינען ווייטזיכטיגע, קענען זעהן פון א גאנצען ווייטען שטח, און פאראנען קורצזיכטיגע מענשען. פאר די לעצטע האט די וויסענשאפט ערפונדען די אויגען גלעזער מיט וועמעס הילף זיי קענען אויסברייטערען זייער זעהונגס קראפט. פאראן אויך דער שפאקטיוו וועלכער דערנעהנטערט גאר ווייטע שטרעקעס.

און ווי עס איז דער פאל מיט פיזישע אויגען איז עס אויך דער פאל מיט גייסטיגע אויגען. אויך דא זיינען פאראנען ווייטזיכטיגע און קורצזיכטיגע, די ערשטע געהרען צו די גרעסערע מענשען, די אנשי המעלה וועמעס גייסטיגער חוש הראיה איז ניט באגרעניצט אויף דער קליינער שטרעקע פון דעם ענגען הוה, נאר זעהען אויך דעם גרויסען עבר און דער דאזיגער עבר דיענט זיי פיעל אין זייער הוה און ביי מאנכע שפרייט זיך דער דאזיגער חוש אוים און דערגרייכען מיט איהם אויך דעם עתיד און ווערען דאמיט יענע "חכמים הרואים את הנולד".

און אויך פאר דיעזען גייסטיגען חוש הראיה האט די השגחה געזארגט און איינגעשאפען די נויטיגע אויגען גלעזער און שפאקטיווען צו קענען קוקען אין די טיעפע ווייטקייט פון דעם עבר און פאר די אנשי המעלה אויך צו גרייכען דעם עתיד.

ווייל ווייטקייט מיינט ניט גראדע אין שטח פון ארט. עס קען אויך מיינען ווייטקייט אין צייט, פאר וועלכעם, פיזישע שפאקטיווען קענען טאקע ניט העלפען, גייסטיגע אבער— יא.

דער חנוכה לאמפ געהער צו דעם מין שפּאַקטיוו דורך וועלכען מען קען קוקען אין דער ווייטקייט פון צייט.

און עס איז ווירקליך אַ מערקווירדיגע ערפינדונג אַט די מצוה פון "הדלקת נר חנוכה". עס איז דער בעסטער סימבאָלישער מיטעל דורך וועלכען מען איז אימשטאַנד אָנ־האַלטען דעם קשר מיט אַט דעם גרויסען עבר.

און מעגען זיך מאַנכע קלי דעת באַציהען מיט גרינג־שעצונג צו אַט דעם "טראַדיציאָנעלען" טהייל פונ'ם חנוכה און "טראַגען אַ פולע הארץ" אויף'ן פאַרהייליגען די ליכטאַלאַך מעהר ווי די אַנדערע חלקים פון דעם נס חנוכה, ווי למשל די גבורות און נצחונות פון די אידישע העלדען וועלכעס האָט לויט זייער מיינונג מעהר באַדייטונג ווי דער דאָזיגער נס פון פך השמן, און באַטראַכטען עס דערפאַר פאַר אַ קריוודע צום "נאַציאָנאַלען" טהייל פון חנוכה פאַר וועלכעס מ'האָט ניט איבערגעלאָזען אין די דורות אַזאַ שטאַנדהאַפטיגען דענקמאָל ווי פאַר דעם "טראַדיציאָנעלען" נס.

קומט אָבער זייער קלות דעת גופא אויך פון קורצ־זיכטיגקייט אָדער פון קורצקעפּיגקייט. וואָלטען זיי זיך מעהר פאַרטיפען, וואָלטען זיי פאַרשטאַנען אַז אין אמת'ן איז דער חנוכה־לאָמפּ "לא ללמד על עצמו יצא", ניט בלויז דעם טראַ־דיציאָנעלען נס פון פך השמן, קומט ער פּראָקלאַמירען און פאַראייביגען, נאָר אויך "על הכלל כולו יצא", אויף די אַלע פאַסירונגען וועלכע זיינען אויסגערעכענט אין אונזער "על הנסים". עס האָט אָבער ניט געקענט אויסגעקליבען ווערען קיין בעסערען סימבאָלישער דענקמאָל אויף אַלעס צו פאַר־אייביגען, ווי דער חנוכה לאָמפּ, ווייל, ווי געזאָגט, איז ער, דער חנוכה לאָמפּ, דער גייסטיגער שפּאַקטיוו וועלכער מאַכט ליכטיג אין די אויגען אויף צו קענען דערזעהן יענעם גרויסען עבר און קוים קען מען שוין נאָר אהין אריינקוקען זעהט מען דאָך שוין

במילא אַלעס. מ'דאַרף דאָך צום אַלעם ערשטען האָבען דעם שליסעל מיט וואָס צו עפענען די טיהר...

און ווי שעהן קלינגט עס דערפאַר דער חנוכה פערז פון —

אלא לראותן בלבד!

ווי צו זאָגען: די אויפגאַבע פון די חנוכה ליכטלאַך איז נאָר פאַר דעם "ל ר א ו ת ן ב ל ב ד", בלויז צו קענען דורך זייער ריינע ליכט קוקען און זעהן ווייט אין דעם גרויסען עבר, און וועט נאָר גרייכען אַהין די אויג וועט זי שוין, ווי געזאָגט, במילא זעהן אַלעס.

יאָ, דער חנוכה לאָמפּ איז דער גייסטיגער שפּאַקטיוו פאַר דעם גרויסען ע ב ר, פאַר'ן ע ת י ד אָבער האָט מען שוין געדאַרפט האָבען "אנשי מעלה" צו קענען גרייכען אַהין. פאַר קליינע מענשען איז דער עתיד ווי פאַרהאַנגען מיט דיקע פאָרהאַנגען און זאָגאָר די ליכט פון חנוכה לאָמפּ קען אַהין ניט גרייכען...

האָט אָבער די השגחה קענטיג געוואָלט אויפהויבען דעם פאָרהאַנג אום צו קענען ביי די חנוכה ליכט אויך אַ בליק טהאָן אינ'ם עתיד, האָט זי, די השגחה, אַזוי געמאַכט אַז גראָדע ערב חנוכה זאָל עס געשעהן ווען לאָרד אַלענבי מיט זיין אַרמיי האָבען אַריינמאַרשירט אין די טויערען פון ירושלים און פון יענעם מאָמענט האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע עפּאָכע פאַר'ן אידישען פאָלק, עס איז געוועזן "האיר פני המזרח" און דער סיגנאַל איז געגעבען געוואָרען פאַר אַ נייער תקופה אינ'ם בנין הארץ.

עס האָט ניט געמיינט נאַטירליך אַז זיי, די פרעמדע, וועלען פאַר אונז צינדען די ליכט, און טאָמער האָבען מאַנכע יאָ אַזוי געמיינט איז געקומען די שפּעטערדיגע צייט און זיי

איבערצייגט דעם טעות... עס האט גאר אויך ניט געקענט אזוי מיינען ווייל דער "בימים ההם" מיט דעם "בזמן הזה" זיינען ביידע אין איין פסוק און ווי עס איז דער פאל מיט די ערשטע העלפט איז עס אויך מיט די צווייטע העלפט און ביי ביידע איז —

הנרות הללו אנו מדליקין!...

מיר אליין און ניט קיין אנדערע דארפען די ליכט צינדען. און וואלטען דאס אלע פארשטאנען גלייך פון אנפאנג און וואלטען ניט געלייגט די גאנצע געוויכט אויף דער פאלי־טישער זייט פון דער באוועגונג, וואלטען מעהר כחות אוועק־געגעבען פאר די אינערליכע ריין אידישע ארבייט אינ'ם אידי־שען לאגער גופא. וואלטען דאן א סך טעות'ן אויסגעמיטען געווארען, צווישען זיי אויך פאטאלע טעות'ן פאר וועלכע מיר האבען צומאל גאנץ טייער באצאהלט... און די גאנצע לאגע וואלט איצט אנדערש געווען.

יעדענפאלס איז דאך "טעות לעולם חוזר" און פון זינט די אקופאציע אן, האט דער קורס פונ'ם חנוכה לאמפ ביי אויך היבש געשטיגען, ער איז געווארען דער שפאקטיוו דורך וועלכען מען קען קוקען ניט בלויז אינ'ם ווייטען עבר נאר אויך אינ'ם ווייטען עתיד, דער שפאקטיוו דורך וועלכען מען זעהט ניט נאר דעם "בימים ההם" זאנדערן אויך דעם "בזמן הזה"...

* *

*

און פון דעמאלט ביז היינט האט שוין דער נאצי־יאנאלער חנוכה לאמפ אין דער הייליגער לאנד פיעל ליכט אויסגעגאסען אין אלע ווינקאלאך פונ'ם ישוב. געוויס געהט עס ניט אזוי שנעל ווי עס וואלט זיך געוואלט ס'זאל געהן, ס'איז א לאנגזאמער פראצעס, איז עס דאך אבער נאר די

ערשטע גאולה אויף וועלכע עס איז אנגעווענדעט געווארען דער "בחפזון"; אויף דער איצטיגער גאולה איז דאך די לאזונג פון "כי לא בחפזון תצאו ובמנוסה לא תלכון". די ליכט פון חנוכה לאמפ מאכען דאך אויך דורך א לאנגזאמען פראצעס און דער אידישער דין האט דאך ניט מסכים געווען צו די שיטה פון בית שמאי אז גלייך ביים ערשטען "צינד" זאל זיך אויס־גיסען די מאקסימאלע ליכט פון דער גאנצער מנורה, ווייל דארטען וואו א מעגליכער רעזולטאט פון "פוחת והולך" קען קומען, לוינט זיך ניט די ערשטע גרויסע ליכט, איז בעסער אנגענומען געווארען די שיטה פון בית הלל און מען איז צופרידען געוו:ען מיט בלויז איין קלייניקע ליכטאלע אלס אנפאנג אבי דער רעזולטאט זאל זמן "מוסיף והולך"...

און אזוי איז עס אויך דער פראצעס פון דעם נאצ־יאנאלען חנוכה לאמפ אין דער ארץ ישראל המחודשת. א שטיין אויף א שטיין, א שורה אויף א שורה, היינט איין שכונה, מארגען א צווייטע. היינט איין קאלאניע און מארגען נאך איינע — לאנגזאם אבער זיכער...

מאכט זיך אמאהל אז דער חנוכה לאמפ לעשט זיך אביסעל אויס, עס דרינגען אריין רוחות רעות, בייזע פאליטישע ווינטען און שעדיגען די ליכט, פסק'ענט מען אבער אפ אן הלכה פסוקה אז "כבתה זקוק לה", מ'טאר ניט אריינפאלען אין יאוש... צינד ווידער אן, די ווינטען וועלען סוף סוף פאר־שווינדען און דיין חנוכה לאמפ וועט ווידער שיינען און לייכ־טען... דו זאלסט אימער זיין א מוסיף והולך "עד שתכלה רגל מן השוק", ביז די צושטערענדע פום וואס וויל צוטרעטען און פארניכטען וועט אליין פארניכטעט ווערען.

מניח אדם נר חנוכה מבחוץ

ובשעת הסכנה מניחו על שולחנו ודיו...

איז רוהיג אין דרויסען, ניטאָ קיין בייזע ווינטען, דער פּאָליטישער ווינט בלאָזט אין דער גינסטיגער ריכטונג — מהיכי תיתי, נוץ עס אויס ווי געהעריג פאַר דיינע אינטערע־סען; טאָמער זעהסטו אָבער אַז מיט'ן דרויסען געהט עס ניט אַזוי כשורה, עס איז סכנה'דיג, מיינט עס אָבער ניט אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדען דאַרפסטו שוין גאָר ניט צינדען די חנוכה ליכט. ניין, "בשעת הסכנה, מניחו על שולחנו" צינד פון אינעווייניג, מיט דיינע אייגענע כחות, זוך ניט דעם "חוץ", די פּאָליטישע זייט, באַנוגען זיך דעמאָלט בלויז מיט דעם "שולחנו", מיט דער עקאָנאָמישער זייט פון בנין — "ודיו", דאָס קען אויך גענוג זיין...

און בשעת מיר קוקען דורך דעם חנוכה שפּאַקטיוו אין אונזער עתיד, דאַרף מען גלייכצייטיג אויך ניט אָבטאָן דעם בליק פונ'ם עבר, ווייל אין דער צייט וואָס דער עתיד גיט אונז תקוה, גיט אונז דער עבר בטחון, עס ציינט אונז די ערפאַרונג פון די פאַרשידענע תקופותווען ניט איינמאָהל האָט זיך שוין אויסגעדוכט אַז דער אידישער חנוכה לאָמפּ איז שוין אין גאַנצען פאַרלאָשען און לסוף איז עס געווען אַ טעות, און ווען תקוה מיט בטחון געהען צוזאַמען איז דער וועג אַ גע־זיכערטער.

אך! ווי שעהן איז עס די בילד ווען מען שטעהט אויף דעם בריק פון דעם "הוה" און מ'קוקט מיט אַ גייסטיגען שפּאַקטיוו איןביידע זייטען, צום "עבר" און צום "עתיד", מ'ווערט דעמאָלט פול מיט שטימונג און אַ שטראַלענדע ליכט גיסט זיך אויס אויפ'ן געזיכט, אַ איראָנישער שמייכעל אין וועלכען עס טוליעט זיך אַ געפיהל פון צופרידענע נקמה, באַ־ווייזט זיך אויף די ליפען און מען ווערט אַנגעשעפּט מיט פרישען שטאָלץ און ענערגיע צו באַגעגענען דעם צוקונפט וועלכער באַוועגט זיך שוין אין שוים פון דער געגענוואַרט.

פון אזא מין געפיהל בין איך באהערשט געווארען מיט אייניגע יאהר צוריק ווען אויף מיין וועג פון ארץ ישראל קיין אמעריקא האב איך אבגעשטאט א קורצען באזוך אין דער היסטארישער רוים און די טוריסטען קאר האט מיר צווישען אנדערע היסטארישע פלעצער אויך געבראכט צום — "שער טיטוס".

איך בין געווען בלויז געציילטע טעג אוועק פון די הייליגע שטאדט ירושלים, און געווען איז עס אין דעם סאמען ברען פון דער "עליה השלישית" ווען דער ישוב האט געמאכט האסטיגע פראגרעסיווע טריט אויף אלע געביטען פון דער עבודת התחיה, די שטימונג איז געווען זעהר א געהויבענע אין די אידישע הארץ האט געקלאפט פון איבערפילענדען פרייד און האפנונג.

איך שטעה הארט ביים טיטוס-טויער, דער ריעזיגער "שער הנצחון" וואס איז אויפגעשטעלט געווארען מיט קארגע צוויי טויזענט יאהר צוריק אלס מאנומענט אין אנדענק דעם טיטוס זיעג ביי די טויערען פון ירושלים אויף דעם טויער איז אויסגעהאקט אין קינסטלערישע סקלופטור די טראגישע בילדער פון די געפאנגענע קינדער פון יהודה ווי זיי ווערען ארויסגעפיהרט אין קייטען געשמידט פון ירושלים צוזאמען מיט די כלי שיר, די הייליגע מוזיקאלישע אינסטרומענטען פון די לוים, און צווישען אויך די געטליכע מנורה פון בית המקדש.

איך שטעה און באטראכט עס מיט א צובראכענע הארץ און א דערשלאגענעם געמיט.

גלייכצייטיג האט זיך פאר מיינע אויגען אויך אוועק-געשטעלט די בילד פון כותל מערבי וועמעס אבני קדש איך האב ערשט מיט אכט-צעהן טעג צוריק געקושט ביים געזע-געגען זיך מיט דער הייליגער לאנד, און ניט ווילענדיג האט זיך געצויגען א פארלעל צווישען אט די צוויי שטומע עדות

וועלכע באַצייכענען אייגענטליך ביידע איינע און די זעלבע זאַך,ביידע זיינען טרויעריגע מאָנומענטען נאָך דעם אידישען חורבן, נאָך ציון׳ס קלאַג, און דאָך ווי פאַרשידענאַרטיג...

אַ צופרידענער שמייכעל האָט זיך אויסגעגאָסען אויף מיין געזיכט. מיט איראָניע און פעראַכטונג האָב איך זיך אָבקעקעהרט פון דעם דאָזיגען מיט בלוט באַפלעקטען טויער; מיינע אויגענבליקען האָבען האַסטיג געוואַנדערט הין און צוריק פון רוים קיין ירושלים און פון דאָרט צוריק קיין רוים. איך באַטראַכט דאָס ניי אויפגעלעבטע אידיש פאָלק אין ירושלים וועלכער האָט נאָך פאַר קיין איין מאָמענט אין זיין גלות גע־שיכטע ניט אויפגעהערט צו לעבען און וועלכער בויעט איצט צוריק זיינע הורבות על אפם ועל חמתם פון זיינע פאַרשידענע טיטוס׳ן...

איך באַטראַכט אויך דאָס אוראַלטע לאַנג חרוב גע־וואָרענע רוימישע נאַציאָן פון וועמען ס׳איז שוין קיין שריד ופליט ניט געבליבען אויסער די טויזענט יעהריגע חורבות פונ׳ם פאַרפלוכטען נירון קאָלאָסייאום און דעם שער טיטוס, און עס ווילט זיך מיר דורכשמועסען מיט דעם רוימישען "יתוש"-העלד און איהם זאָגען:

אך, דו פאַרפלוכטער טיטוס, ווען איך קען דיר נאָר אויסגראָבען פון דיין פאַרפלוכטען קבר, דיך איבערטראָגען פון רוים קיין ירושלים און דיך אַוועקשטעלען לעבען דיין חרוב געמאַכטע כותל המערבי, וואָלסטו דאַן געזעהן אַז דיין טריאומפף-טויער באַצייכענט ניט דעם נצחון פון דיין רוימישעס פאָלק זאָנדערן דעם נצחון פונ׳ם פאָלק פון יהודה; די כותל המערבי איז ניט דער סימבאָל פון חורבן ירושלים זאָנדערן פון חורבן רומא.

טיטוס, טיטוס ! דאָס אידישע פאָלק לאַכט פון דיין גע׳פגר׳טען קאָפּ. ס׳איז אַ פרעכער ליגען, דו האָסט די אידישע מנורה ניט געפאַנגען זי ברענט עד היום אין די אידישע הערצער, זי לייכט עד היום אין די טויערען פון ירושלים זי איז ניט אויסגעלאָשען, די פרחי כהונה, די חלוצי התחיה צינדען ווייטער איהר ליכט .

הנרות הללו אנו מדליקין ! ...

לחנוכה

נס פך השמן

(געווידמעט דעם חנוך פון דער אמעריקאנער ישיבה קטנה אָדער פאראקיאל סקוהל)

שעשה נסים לאבותינו —
בימים ההם בזמן הזה.

מיר האָבען שוין אויף אן אנדער פלאץ אין דיעזען ספר באַריהרט די טענות פון די קריטיקער וואס זעצען אוים געגען דעם ערציהונגם סיסטעם פון דער ישיבה קטנה טיפ אָדער בעסער בעקאנט אונטער'ן נאָמען פאראקיאל סקול, און פרעגען: וואָצו די אָנשטרענגונג פון אזא טיפ סקול וואס זאל באַזאָרגען אונזערע קינדער אי מיט אידישע און אי מיט וועלטליכע בילדונג און דארפען דעריבער אָנהאלטען צוויי סטעף לעהרער, אידישע און ענגלישע, וואס מיינט א ריעזיגע עקספענס, אין צייט ווען די רעגירונגס פאָלקס שולען און מיטעל-שולען זיינען אָפען פאר אונזערע קינדער ווי פאר אנדערע און אלעס וואס איז נויטיג פאר אונז איז בלויז די אידישע סקול אין געשטאַלט פון די נאָכמיטאג תלמוד-תורה.

איך גלויב אז די דאָזיגע פראגע פארדינט באהאנדעלט צו ווערען אין אזא יום-טוב ווי חנוכה, ווייל אין חנוכה געפינען מיר דעם ריכטיגען ענטפער צו די קריטיקער.

דער וואָס איז באקאנט מיט די געשיכטע פון חנוכה, דער ווייסט אז די גאנצע קאטאסטראָפע איז ניט געקומען פון די יונים אליין נאָר אויך און בעיקר פון די מתיונים, און דער הויפט קאמפף איז אויך אָנגעפיהרט געוואָרען מיט די דאָזיגע אסימילאַטאָרען. פאר דעם גוי'אישען גוי האבען מיר קיין מורא ניט, די מורא איז נאָר פאר'ן אידישער גוי, ווייל א אידישער גוי איז

דאָך א געמישאכץ פון איד מיט גוי, און אוואו ס'איז דאָ איד מיט גוי מעג זיך טאקע דער גוי אפשר ניט זיין כולו גוי, ווייל ער האָט דאָך א חלק איד אויך, דערפאר איז אבער דער איד אויך ניט כולו איד, ווייל ער האָט א חלק גוי... ער איז א בעל מום, אַ קריפעל און א פארקריפעלטער איד מיינט אויך א פארקריפעל־טער אידענטהום — און דאס איז דאָס געפעהרליכסטע.

בימים ההם בזמן הזה!

און דאָס וואס האָט פאסירט דעמאָלט פאסירט אויך היינט. מיר ליידען דאָ אויך פון די דאָזיגע געמישאכץ פון חצי איד, חצי גוי. חנוכה און חנוך זיינען ניט נאָר עהנליך אין נאָמען זאָנדערן אויך אין אינהאלט.

און אייגענטליך האָט דאָך דעמאָלט ניט געפעלט קיין בוי־מעל, ס'איז דאָך געווען גענוג. ניט מעהר דער בוימעל איז טמא געווען, ווייל ער איז געקומען אין באריהרונג מיט'ן גוי און דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג אז מ'זאָל זיך מיט איהם ניט קענען באנוצען, ווייל מיט אזא בוימעל וואו א גוי ריהרט זיך צו קען מען שוין קיין בית-המקדש ניט ליכטיג מאכען.

דער דין ביי חנוכה זאגט אז די אלע בוימלען וועלכע זיינען פסול פאר די שבת ליכט זיינען זיי אויך פסול פאר די חנוכה ליכט, און צווישען די בוימלען איז אויך גערעכענט „שמן שריפה" (בוימעל פון תרומה טמאה). די פראגע איז: פאר וואס זאָל מען מיט אַזאַ בוימעל וועמעס קוואליטעט איז טראָץ זיין טומאה ניט ערגער פון די אנדערע ריינע בוימלען, פאר וואס זאל מען זיך ניט טאָרען באנוצען דערמיט פאר די חנוכה ליכט? מילא אויף שבת איז שוין דאָ א טעם פון „אין שורפין קדשים ביום-טוב" אבער ביי חנוכה איז עס דאָך ניט שייך? זיינען שוין דארויף געזאָגט געוואָרען פארשידענע טעמים.

ולולא דמיסתפינא וואלט איך געזאָגט פשוט אז מיט טמא־דיגע בוימעל פאסט גלאט ניט זיך באנוצען פאר די נסים-ליכטלאך

וועמעס נס איז אין גאנצען באשטאנען דארין וואס מ'האט גע־פונען דעם טהור'דיגען פך השמן, איז עס דאך א נס אויף שמן טהור טא ווי קען מען איהם פייערען מיט שמן טמא ?...

ווי די זאך זאל ניט זיין, דער נאמען שמן שריפה איז זעהר סימבאליש פאר שמן טמא, ווייל דארט וואו ס'איז דא טומאה דארט איז דא שריפה, אויב ניט שריפת גוף איז עס שריפת נשמה...

און — בימים ההם בזמן הזה !

אויך היינט איז ניט די פראגע פונ'ם בוימעל גופא וואס רופט זיך בילדונג (שמן, סמל החכמה: הרוצה להחכים ידרים, וסימנך מנורה בדרום). דאס האבען מיר ב"ה היינט אויך. די פראגע איז נאר ו ו א ס פאר א בוימעל ? און דא מוזען מיר צוגעבען אז די דורכשניטליכע בוימעל פון ניו יארקער אדער אמעריקאנער אידענטום איז ניט קיין ריינע, ווייל די הענט פון גוי באריהרט זי, און קוים האט איין חלק בילדונג, די אלגע־מיינע, א שייכות מיט'ן גוי, איז שוין דער צווייטער חלק, דער אידישער, אויך ניט כולו איד...

אט דערפאר דארף מען האבען אזא ערציהונגס סיסטעם, וואס זאל זיין כולו איד.

וואס קען אבער אזא קליין הייפעלע ישיבות ווי די וואס נויארק אדער אנדערע גרויסע שטעדט פארמאגען, העלפען צו רעטען אידישקייט ?

און אויך צו ד י פראגע געפינען מיר דעם ענטפער אין חנוכה.

געראטעוועט דעמאלט די ליכט פון היכל האט בלויז דער קליינער פך השמן וועלכער איז געווען באהאלטען און פארזי־געלט אזוי אז די גוי'אישע האנט האט עס ניט געקענט באריה־רען. האט עס גענוגט זיין א קליין ביסעלע, אבער ווען עס האנדעלט זיך אין ליכט קען „א קליין ביסעל ליכט פארטרייבען א גרויסע פינסטערניש".

און — בימים ההם בזמן הזה!

אַט דער פך השמן וואס רופט זיך „ישיבה“, ניט קוקענדיג וואָס ער איז קליין אין צאָהל, איז ער אבער דער ר י י נ ע ר בוימעל וואס גיט ריינע ליכט, צו וועלכע די גוי'אישע האנט האָט קיין שליטה ניט, פארטרייבט עס טאקע א סאך פינסטערניש.

איז אבער די פראגע ניט וועגען דאָס ביסעל בוימעל ווען ס'איז שוין י א דאָ, די פראגע איז מיט וואס קען מען פאר־זיכערען אז עס ז אָ ל זיין, אז דאָס ביסעלע אמוייניגסטענס זאָל ניט אויסגעהן? און אויב ס'איז דאָ גענוג פאר'ן היינט וואס פארזיכערט אונז אבער אז ס'וועט אויך זיין פאר'ן מאָרגען?

אַט דאָס איז אויך דעמאָלט געווען די פראָבלעמע ביים נס חנוכה; ס'איז געווען גענוג בוימעל פאר'ן היינט, ס'איז אבער געווען די זאָרג פאר'ן מאָרגען, און דערצו איז שוין קיין עצה ניט געווען.

איהר ווייסט דאך די געשיכטע פון יענעם מחותן, וועלכער איז געקומען צום גביר נאָך הכנסת כלה ערקלעהרענדיג איהם אז ס'פעהלט איהם א האלבער נדן. דער גביר זאגט צו איהם: מה רעש? גיט מען דערווייל איין האלבען און דעם אנדער האל־בען לאכט מען זיך אוים פון איהם. ענטפערט דער מחותן: „אַט וועגען ד ע ם האלבען האנדעלט זיך עס טאקע און אַט דער האלבער פעהלט עס מיר, וועגען יענעם טראכט איך גאָר ניט...

יא, א האלבער נדן איז אויך ניש'קשה, אבער אלץ ווען ער איז דאָ, ווען מ'דארף אבער פאר דעם האלבען אויך דאגה'ן, דאָ איז שוין ניט אזוי יום-טוב'דיג...

זאָל זיין אביסעל בוימעל, אבער אז דאס ביסעלע וועט אויך ניט זיין וואס וועט מען דעמאָלט טהאָן?

און דאָ, ווי געזאָגט, האָט שוין גאָר ניט געקענט העלפען, מ'האָט געמוזט אָנקומען צו א נס.

און — בימים ההם בזמן הזה!

געווים זיינען מיר צופרידען מיט דאס ביסעלע בוימעל וואס רופט זיך ישיבה, און כל זמן עס ברענט לייכט עס טאקע אין אלע פינסטערע ווינקלאך, די צרה איז אבער וואס זייער גאנצער עקזיסטענץ איז נאָר א היינט-עקזיסטענץ, און קיינע פון זיי איז ניט זיכער מיט'ן מאָרגען, און יעדער מאָנטאג און דאָנערשטאג הערט מען אלץ פון א „דראָהענדע סכנה", פון א „קאַטאסטראָפאלע לאגע", פון „לעהרער סטרייקס" א. ד. ג.

וואָס זשע וועט פאָרט זיין מיט'ן מארגען? ווארטען אויף א נס? איז דאָך אבער „אין סומכין על הנס", א נס קען מען ניט מאכען צו אָרדער, ווען מען וואָלט יא געקענט וואלט עס דאָך קיין נס ניט געווען...

מוזען מ י ר טאקע דער'צו געבען דעם ענטפער. מיר זיינען דאָך אייגענטליך אויך א טהייל פון דעם דאָזיגען חנוכה לאמפּ וואָס רופט זיך ישיבה. די ליכטלאך ברענען דאָך נאָר דעמאָלט ווען מען צינדט זיי אָן, און מיר, פון דער אידישער אָרטאָדאָקסי זיינען דאָך די צינדער. אין דער חנוכה שפּראך הייסען מיר אלזאָ די „שמשים" פון חנוכה לאָמפּ. טאָ לאָמיר זשע אבער ניט פארגעסען אז אין אמעריקא קען ניט ווערען אומזיסט קיין שמש, א שמש דארף דאָ געבען „סעקיוריטי", שמשים אָהן סעקיוריטי, אָהן געלט, נעהמט מען ניט צו.

און דער שוהל שמש און חנוכה שמש איז „היינו הך", ביידע זיינען יחסנים, ביידע שטעהען אין דער הויך, דער ערשטער אויפ'ן שוהל-בימה און דער צווייטער אויפ'ן חנוכה לאָמפּ, דער ווי יענער איז אבער דער יחוס זיינער אלץ צוליעב די סעקיוריטי, פון די מאטעריעלע נוצען וואס מ'האָט פון איהם, ווייל פון די ליכטלאך אליין קען מען דאָך קיין מאטעריעלען נוץ ניט האָבען, ס'איז דאָך: „הנרות הללו קדש הם ו א י ן לנו רשות להשתמש בהן", פונ'ם שמש אבער מעג מען דאָך יא האבען א נוץ און צוליעב דעם נוץ שטעלט מען איהם דאָך אייגענטליך טאקע אוועק. זאל מען אבער פון איהם קיין מאטעריעלען נוץ ניט האבען, דאן איז ער אוים יחסן אקוראט ווי דער שוהל שמש...

איך האב לעצטענס געהערט א שעהנעם וויץ אין באצוג צו אונזערע שוהלען. אמאָהל פלעגט די שוהל עקזיסטירען צוליעב׳ן „באנק״, די „סיטס״ פון די ביינק, אדער אין דער אלטער שפּראך, די „שטעדט״, פלעגען פארקויפט ווערען צו די שעהנע בעלי בתים פאר טבין ותקילין און דערפון האָט מען אויסגעהאלטען די שוהל, האָט עס דעמאָלט געהייסען אז מ׳האָט א באנק אין שוהל; היינט איז עס פארקעהרט, ניט מען האָט א באנק אין שוהל נור מ׳האָט א שוהל אין „באנק״, ווייל כמעט אלע שוהלען זיינען „פאַרמאָרגעדזשט״ (פאר׳משכונ׳ט) אין די ביינק... שטעהט דעריבער היינט ניט די שוהל אויפ׳ן באנק נאָר אויף דער בימה, אויפ׳ן שמש מיט זיינע סעקיוריטי...

אַהן סעקיוריטי האבען מיר אלזאָ קיין רעכט ניט צו פרע־טענדירען אלס שמשים פון אונזערע הייליגע ליכטלאך וואס דאַרפען לייכטען אין אונזער מקדש מעט.

שעשה נסים לאבותינו!

לאָמיר זשע אבער געדענקען אז דער פך־השמן פון חנוכה האָט אויך נאָר דעמאָלט געגעבען זיין ליכט ווען מ׳האָט איהם ארויסגענומען פון דר׳ערד. כל זמן ער איז אבער געווען קבור באדמה האָט ער קיין ליכט ניט געקענט געבען און קיין נסים האָבען דעמאָלט אויך ניט געקענט העלפען...

און — בימים ההם בזמן הזה!

מעגען טאקע אונזערע ישיבות זיך רופען „פך השמן״ אבער כל זמן זיי ליגען קבור באדמה קענען זיי ניט לייכטען... דארפען מיר דעריבער ווערען די כהנים גדולים, וועלכע זאָלען ארויס־נעהמען דעם פך השמן פון דר׳ערד און דאן וועט אויך ביי אונז דער נס געשעהן, עס וועט זיין —

בימים ההם — בזמן הזה!

לפסח

למען תזכור! *

"למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך"!

מען פארזאגט אונז, נאכאנאנד צו געדענקען יציאת מצרים, אייביג, אייביג — דעם גאנצען לעבען.

איז עס דאך א באוויז אז יציאת מצרים איז אן אייביגקייט, ניט קיין צייטווייליגע, נאר א פערמאנענטע לע־בענס פראבלעמע.

— נון, פאדערט דאך עס אבער א געוויסע ערקלעה־רונג, א שטיקעלע באלייכטונג. וואו? אין וואס באשטעהט איהר פערמאנענטער כאראקטער?

אט דעריבער טאקע ווילט זיך אונז מאכען א טהעא־רעטישע אנאליזירונג פון יענער אוראלטער פארגאנגענהייט דורך וועלכע מיר וועלען האפענטליך ארויסציהען א פראק־טישע לעקציע פאר דער געגענווארט אזוי גוט ווי פאר דער צו־קונפט.

מצרים — א מעכטיגע אימפעריע צו יענער צייט מיט א שטארקע פאליטישע מאכט, וועלכע איז אויך ניט צוריק־געשטאנען אויף אנדערע געביטען ווי קולטור, קונסט, טעכניק א. ד. ג. אין איהר שפיצע, א גרויסער געשייטער און קלוגער הערשער ווי רעמסס דער צווייטער און טראץ די אלע אוים־

---

*) הערה: לטוב יזכר המנוח הרב ד"ר י. זליגר ז"ל שמתוך מאמרו הנכבד "חג חרותנו" אשר "בכתביו" שאבתי את הרעיון העקרי שעליו בניתי את מאמרי זה.

המחבר.

גערעכענטע קוואליפיקאציעס און אייגענשאפטען בלייבט זי דאך א "פערדישע" מצרים. ניט דערפאר וואס ביי איהר איז א גרויסע פערד אינדוסטריע, און עקספארטירט די בעסטע מלחמה פערד צו פילע אנדערע גרעסערע און קלענערע מלוכות, נאר טאקע דערפאר וואס זי אליין איז סימבאליש א פערד-מאכט. "ועל סוסים ישענו" — איז דעם נביא'ס אבשאצונג אין באצוג צו מצרים.

פערדישע גבורה איז דער סימבאל פון מצרים'ס גאט, פיזישע שטארקייט. איהר אידיאל, קולאק און פויסט — איהר אמונה פארמאגט ניט קיין העכערע אידעאלאגיע, קיין העכערען באגריף. "זרמת סוסים זרמתם" — איז א צווייטער נביא'ישער "קאמפלימענט" אויפ'ן חשבון פון מצרים. די ווערטער "נשמה", "גייסט" געפינען זיך ניט אין ווערטער-בוך פון די הערשער פון נילוס.

און דערפאר איז גאנץ מצרים איין גרויסע פריזאן-הויז, א "בית עבדים" פאר אלע איהרע בירגער און אונטער-טאנען, איינגעשלאסען איהרע לאנד באזיצער, קינסטלער און זאגאר איהרע כהנים און חרטומים.

דער געפיהל פון מאראל און גערעכטיגקייט, ליבע און בארעמהערציגקייט, איז טעמפיג ביי די מאנארכישע הער-שער פון "אדמת מוף ונוף", די שווערד רעגירט, די מאכט דיקטירט, און דער רעזולטאט — אונטערדריקונג און פאר-פאלגונג ווי דאס הארץ גלוסט און אהן וועלכע עס איז גע-ווים ענביסע.

מצרים באגרייפט זאגאר ניט, אז עס קען בכלל במציאות זיין אנאנדער געטליכע אידעאלאגיע אויסער די פון מאכט, און אויב מען אדרעסירט זיך ווען עס איז צו איהר אין נאמען פון אן "אלקי הרחמים", נישטערט זי נאאיוו אין איהרע

מוזעאישע ארכיוען און קען אזא גאט כלל ניט געפינען...
זי פראקלאמירט: לא ידעתי את ה׳!

און אויב עס איז ניטא דער געפיהל פון מאראל און גערעכטיגקייט, פעהלט שוין במילא אויך דער געפיהל פון מענשליכער דאנקבארקייט, און ניט נאר באזיצט זי אליין ניט דעם דאזיגען געפיהל נאר זי קען איהם אפילו ניט צו שטעלען צום חשבון פון אנדערע. עס גלויבט זיך איהר גאר ניט אז אנ־דערשוואו זאלען זיך יא געפינען מענשען וואס זאלען אזעלכעס באזיצען.

פארכט זי דאריבער פאר אן אנדערענס מאכט, ציטערט פאר א צווייטענס שטארקייט, און קוים איז נאר פאראנען א פארדאכט אויף א געוויסען פאלק, פון א ״פן ירבה״, איז דאס שוין לויט די מצרישע השגה, גענוג אורזאכע פאר א ״ונוסף גם הוא על שונאינו ונלחם בנו״. ניט שייך צו פרעגען פאר וואס פארדעכטיגען יענעם פאר א שונא אין צייט ווען יענער דארף גאר זיין א פריינד אלס אנערקענונג פאר דער גאסט־פריינדליכקייט אין א צייט פון הונגער, ווען מצרים האט פאר יעקב׳ן מיט זיינע קינדער די טויערען געעפענט. אזא חשבון צו מאכען, איז נאר פאסיג פאר אזעלכען וואס באגרייפט אליין דעם געפיהל פון דאנקבארקייט, ווען עס פעהלט אבער דער דאזיגער געפיהל און בלויז שטארקייט איז דער שלאגענדער און הערשענדער ווארט, איז שוין ממילא יענעמס שטארקייט, אן און פאר זיך גענוג אורזאכע זיך צו שרעקען פאר איהם און פאר זיין ניט געשטויגענעם ״ונלחם בנו״, אזוי אז מען זאל באצייטענס צו גרייטען א סטראטעגישען ״הבה נתחכמה״...

געה און קלעהר אויף אזא פאלק מיט אזעלכע פער־דישע השגות אז עס איז פאראן אזא געטליכע לעהרע וואס זאגט שטרענג אן: ״לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו״

אפילו דעמאלט ווען דער דאזיגער מצרי האט אזוי שמערצליך געפייניגט דעם באטרעפענדען פאלק?

מצרים איז אליין ווייט פון אזעלכע השגות און קען דעריבער אויף אנדערע אויך ניט אנווענדען אן אנדער מעסט-שנור ווי דער מיט וועלכען זי מעסט זיך אליין...

און דעריבער ווען די צייט איז געקומען און די שווערע געהיימע האנט האט זיך ארויפגעלייגט אויף מצרים, איז עס געווען די אויספעכטונג פון א מלחמה צווישען הימעל און ערד, צווישען אידעאליזם און מאטעריאליזם, צווישען מאכט און גערעכטיגקייט. ס'איז געווען א מלחמה געגען שקלאפעריי, צו שטירצען דעם "בית עבדים".

* * *

און וואלט דער דאזיגער גאולה געדאנק ניט ריכטיג אויפגעפאסט געווארען פון יענע גדולים, וואלט דאן די גאולה קיין ערך און באדייטונג ניט געהאט. עס האט געמוזט קומען א ראדיקאלע ענדערונג אין דעם גאנצען גאולה באגריף, צו פיהלען און פארשטעהן אז א באפרייאונג מיינט מעהר א גייסטיגע ווי א קערפערליכע, א באפרייאונג פון שקלאפערישע מחשבות, א באפרייאונג פונ'ם געדאנק אז מאכט הערשט און שווערד רעגירט.

די געשיכטע איז רייך מיט רעוואלוציעס פון פעל-קער וועלכע זיינען געקומען אלס רעזולטאט פון אונטערדריקונגען, אבער אין מעהרערע פעלע האבען די רעוואלוציעס ווייניג געהאלפען צו ענדערען די לאגע ווייל די רעוואלוציע האט מעהר ניט געבראכט ווי אן אויסטוישונג פון איין צרה אויף דער צווייטער דער אונטערדריקער איז ארונטער פון טראן און דער אונטערדריקטער איז ארויף. באלד איז אבער דער לעצטער אליין אויך געווארען אן אונטערדריקער.

אזוי איז עס געוועזן ביי אונז אידען אליין אין דער תקופה פון די מלכי ישראל ווען קעניגע האבען זיך נאכאנאנד געביטען אלס רעזולטאט פון רעוואלוציעס, אבער די לאגע איז געבליבען די זעלבע אדער נאך ערגער געווארען. אזוי איז עס געוועזן, למשל, ווען די פראנצויזען האבען אויסגעביטען לואיס דעם 16-טען אויף נאפאלעאן און דעם לעצטענס רשעות און ברוטאליטעט האט נאך איבערגעשטיגען דעם ערשטענס. אזוי איז עס אויך דער פאל מיט רוסלאנד נאכדעם ווי מען האט געביטען פון צאריזם אויף באלשעוויזם... און דאס אלעס ווייל די הערשאפט פון מאכט איז נאך די רעוואלוציעס נאך אלץ געבליבען אויף איהר פלאץ, גערעכטיגקייט האט איהר פלאץ נים פארנומען, איז עס דעריבער נאר געווען אן איבער-גאנג מעבדות לעבדות און ניט מעבדות לחרות...

יציאת מצרים און נאכהער די מדבר פראצעדורע האבען באשאפען אין פאלק דעם אמת'ן נאציאנאלען בא-וואוסטזיין, די זעלבסטשטענדיגקייט און אונאבהענגיגקייט פון פרעמדע מלוכות און פרעמדע פעלקער.

אט דערפאר איז נויטיג געווען די אויסראטונג פון די "שבעה אומות" אום ניט צו האבען קיין שותפות היים, קיין צוויי אדער מעהרערע שטאטען וועלכעס וואלט נאטיר-ליכערווייזע נאך אלץ איבערגעלאזט נאכוועהענישען פון דעם אלטען שקלאפען-גייסט. דאס וואלט געווען א שעטנז פון צוויי אידעאלאגען, פון צוויי מלוכה-באגריפען וואס זיינען א קאנ-טראסט איינער צום צווייטען.

יציאת מצרים האט אונז איבערגעלאזען בירושה די לאזונג פון "לא בחיל ולא בכח כי אם ברוח". און א פאלק מיט אזא גאולה באגריף קען קיינמאל נים קאאפערירען מיט אנדערע פעלקער ביי וועמען חיל און כח שטעהען אימער אין דער שפיצע און קען אויך פון יענע פעלקער קיין הילף נים

ערוואַרטען טראָץ פאַרשפּרעכונגען פון דעקלאַראַציעס און נאָך אַזעלכע זאַכען...

למען תזכור את יום צאתך!

מ'האָט אונז פאַרזאָגט צו געדענקען דעם טאָג פון יציאת מצרים. ניט גענוג צו געדענקען יציאת מצרים אַליין. אין פאַרלויף פון דורות קען דער באַגריף און די כונה אויסגע־טוישט ווערען. עס מוז דעריבער בלייבען אָפּגעפרישט אין זכרון יענער טאָג מיט זיין ארגינעלער כאראקטער.

* * *

און דער למען תזכור ווערט נאָכגעפאָלגט מיט א "כל ימי חייך". ווייל יציאת מצרים איז ניט בלויז א זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט, א צייטליכע מאָמענטאַלע ערשיינונג.

עס איז אַן אייביגקייט, א פּראָבלעמע וואָס ווערט רעפלעקטירט אין יעדער גלות עפּאָכע. דארויף האָט געצילט דער ביבלישער וואונק פון "אהיה אשר אהיה" אין ליכט פונ'ם תלמודישען קאָמענטאָר: "אהיה עמכם בגלות זו ואהיה עמכם בגלויות אחרות". אַלע גלות עפּאָכען זיינען א קאָפּיע פון גלות מצרים, און ניט אומזיסט האָט מען אונז געוואָרענט: "בכל דור ודור חיב אדם לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים". אין אַלע דורות דאַרף מען דעם גאולה געדאַנק קאָפּירען פון גאולת מצרים. דאַן ווערען א סך טעות'ן אויסגעמיטען, דאַן פאַרשטעהט מען אז א"י מוז בלייבען א לאנד פון איין שטאַט און ניט פון צוויי... דאַן מוז "א"י זיין פאַר אידען דאָס וואָס ענגלאַנד איז פאַר ענגלענדער"...

א ריכטיג קאפירטע יציאת מצרים גאולה מיינט, ניט צו לייגען קיין געוויכט אויף די קאפעראציע מיט אנדערע פעלקער און ממילא דארף דער אפטימיזם און פעסימיזם אין באצוג צו א״י אויך ניט געמאסטען ווערען מיט דער גינסטי־גער אדער אונגינסטיגער שטימונג פון אט די אנדערע.

ניט די ״אגרות הראשונות״ (וויסער פאפיר בלע״ז) פון א רשע׳דיגען המן אדער ״סאציאליסטישען״ פאספיעלד דארפען אונז ווארפען אין תהום פון יאוש, און ניט די ״אגודות האחרונות״ פון א נארישען אחשורוש אדער א קלוגען מעקדאנאלד דארפען אונז אויפהויבען אויף די כנפי נשרים..

למען תזכור!

מיר דארפען געדענקען אז א גאולה אין וועלכע עס פעהלט אמת׳ע זעלבסטשטענדיגקייט און איז אין דער בחינה פון א מין ״קדרה דבי שותפי״, פארדינט ניט קיין ״הלל״ גע־זאנג. ״אכתי עבדי אחשורוש אנן״—איז געווען די תלמוד׳ישע לאזונג מאטיווירענדיג פאר וואס פורים זאגט מען קיין הלל ניט. א הלל־גאולה איז נאר די פון דעם יציאת מצרים כאראק־טער וואו די פרעה׳ס ווערען פאר אונז אין גאנצען אפגעווישט און זעלבסטשטענדיגקייט פארנעהמט זייער פלאץ. קוים אבער איז עס נאר אן אויסטוש פון ״סולטאן״ אויף ״קעניג״ און פון ״טארבוש״ אויף ״צילענדער״, איז עס נאך סיי ווי ווייט פון א גאולה שלמה...

למען תזכור — כל ימי חייך!

יא, אזעלכע זכרונות גיבען אונז צוריק אונזער ארי־גינעלען קאליר, אונזער אייגענשאפט און כאראקטער. מיר

פארלירען נים אונזער גלייכגעוויכט. מיר זינגען נים פון פאלשע שמחה און וויינען נים פון פאלשען טרויער, מיר ווארטען מיט געדולד אויפ'ן מאמענט פון "כאלו הוא יצא ממצרים", ווען מען געהט אליין ארוים פון גלות און נים ווען אנדערע נעהמען אונז ארוים...

למען תזכור!...

לפסח

השתא הכא, לשנה הבאה בארעא דישראל!

פארגאנגענהייט, געגענוואַרט און צוקונפט זיינען דריי זאַכען וואָס שטעלען צוזאַמען דאָס גאַנצקייט פון אַ פאָלק. אַ פאָלק אָהן פארגאנגענהייט איז ווי אַ בוך אָהן טאָוולען, אָהן אַ שער־בלאַט וועמעס פלאַץ איז ניט מעהר אין דעם שעהנעם ביכער שראַנק נאָר צווישען די „שמות“ וואָס וואַרטען מ׳זאָל זיי אוועקטראָגען אין זייער אייביגער רוה, אין „גניזה“... די פארגאנגענהייט איז דער גרונדשטיין, דער יסוד אויף וועלכעם די גאַנצע פאָלקס געביידע האַלט זיך אויף.

די צוקונפט ווידער, איז דער שטרעבונגס ציעל פון אַ פאָלק און לייגט אויף איהם דעם שטעמפעל פון אונשטערבליכקייט; און ווען אַט די צוויי זאַכען זיינען אין באַזיץ פון אַ פאָלק, דאַן איז זיין געגענוואַרט, ווי גוט אָדער שלעכט ער זאָל ניט זיין, פון גרויס באַדייטונג און וויכטיגקייט, די געגענוואַרט איז דאַן דער „בריח־התכון“ וואָס ריגעלט צוזאַמען די פארגאנגענהייט מיט דער צוקונפט און עס ווערט פון אַלע דריי אַ „חוט המשולש“, וועלכער האַלט שטאַרק און פעסט די גאַנצקייט פון פאָלק.

און האָט אַ פאָלק גראַדע יאָ אונטער זיך אַ שעהנעם רעקאָרד פון זיין עבר, אָבער דער עתיד איז אַ דונקעלער, ער באַ־

זיצט ניט די געגוגענדע מאָס זיכערהייט און שטאָלצע האָפנונג פאר דעם מאָרגען, ביי אזא פאלק איז ניט נור זיין געגענווארט פון קליינער חשיבות נור אויך זיין פארגאנגענהייט האָט קיין ווערט ניט און איז ניט מעהר ווי א טויטער היסטאָרישער בוכ־שטאַב.

און מעג זיך טאקע דער ע ב ר זיין „ראשון בזמן“ אנט־קעגען דעם ע ת י ד וועלכער איז פעריאָדיש איגגער, אום אבער איהם, דעם עבר, צוגעבען זיין געהעריגע חשיבות, מוז מען שענקען דעם בליק דוקא צום אינגערען עתיד, ווייל בלויז א דאנק אָט דעם עתיד, קען דער עבר א חשיבות האבען.

און ווען מיר קומען אָבריכטען דעם „סדר“ און מיר טראָגען זיך איבער אין א וועלט פון פארגאנגענהייט, מיר דערהויבען זיך צו דער העכסטער יו"ט שטימונג און ווערען פארוואנדעלט אין „בני מלכים“, וואלט דאס אלעס אבער געווען ניט מעהר ווי צע־רעמאָניאל אויב די צוקונפט וואלט צו דער זעלבער צייט ניט גע־שטאַנען אין פאָדער גרונט.

השתא הכא, לשנה הבאה בארעא דישראל!

דאָס איז אונזער לאָזונג וואס דינט אלס הקדמה צו דער פראכטפולער היסטאָרישער ערצעהלונג פון יציאת מצרים. איי־דער מיר פארבינדען אונזערע נשמות מיט יענער שעהנער עפּאָ־כע פון עבר — דארפען מיר אוועקשטעלען אין סאמען פראָנט די צוקונפטיגע עפּאָכע, און ערשט דאן ווען מיר פראָקלאמירען פאר דער וועלט מיט פעסטער זיכערהייט דעם „לשנה הבאה בני חורין“, ערשט דאן קענען מיר צוטרעטען צום „עבדים היינו לפרעה במצרים“, נור דער פולער גלויבען אין א צוקונפט לעבט אויף די פארגאנגענהייט.

השתא — לשנה הבאה!

וואָס פאר א שטאַלץ דאס איז, און וועהרענד פונ'ם פראקטיש-טרויעריגען „השתא" ביז דעם פאנטאסטישען „לשנה הבאה", ליגט אזא טיעפער אבגרונד, זיינען אזוי עקסטרים אבגעטהיילט איינער פון אנדערען, און דאַך פאסען מיר אָפּ ביי זיך אַז אזוי וועט עס זיין און ניט אנדערש. דער קלעגליכער „השתא", דער טרויעריגער היינט וועט מוזען פארוואנדעלט ווערען אין א לעבענס לוסטיגען מארגען, די שרעקליכע געגענווארט וועט מוזען מאכען פלאץ פאר א גלאַרייכע צוקונפט.

און וויפיעל השתא'ס האבען מיר שוין אזוי דורכגעמאכט אין אונזער געשיכטע, איינער טרויעריגער פאר'ן צווייטען, און דאַך קומט איין פעדער שטריך פון א „לשנה הבאה בני חורין" און צושמעטערט גאנצע צוויי טויזענט יאהריגע השתא'ס...

אַט דער דרייסטיגער שטאַלץ, אַט דער פועל'ן ביי זיך אַז צווישען השתא און לשנה הבאה איז בלויז איין טריט און אַז אין ל ע ב ע ן קען עס אויך זיין אַזאַ קליינער מרחק ווי אין דער ה ג ד ה, אַט דאָס האָט אונז געהאָלפען אַז בּיסלעכווייז האָט דער „השתא" אויך אָנגעהויבען צו פארלירען זיין מעלאנכאָלישען קאָליר, זיינע גרעניץ לינעס האבען זיך אָנגעהויבען אָבווישען און רוקט זיך אַלץ נעהנטער און נעהנטער צו דער טעריטאָריע פונ'ם „לשנה הבאה"... די געגענווארט הויבט אָן צו ווערען צוקונפט...

און דאָ טרעפט אמאָהל וואס קען שמעקען מיט א שטיקעל חשש סכנה. דאס רוקען זיך צו דער צוקונפט איז פון איין זייט אמת צופרידענשטעלענד וואס עס רוקט זיך אָפּ פון דער טרוי-

עריגער געגענוואַרט, פון אנדערן זייט אבער רוקט זיך עס דאָך אָבער נאָך מעהר אָפּ פון דער פארגאנגענהייט, און צוקונפט אָהן פארגאנגענהייט איז אפשר ניט וועניגער שלעכט ווי פארגאנ-גענהייט אָהן צוקונפט, ווייל עס איז דאָך, ווי אויבען באַטאָנט, אַ בוך אָהן טאָוולען און די בלעטער קענען צופאלען...

פיהלט מען זיך דעריבער טאקע גליקליך אויב מען באגע-גענט זיך מיט אזא „השתא", וועלכער פארכאפט ביידע פּאָזי-ציעס מיט אמאָהל, אין האנט לייגט ער אויפ'ן עבר און די צווייטע אויפ'ן עתיד און איז מחבר ביידע צוזאמען...

און אזא מין „השתא" האָב איך באגעגענט אויף איינע פון מיינע אינלאנדם רייזעס אין ארץ ישראל און אין אַזאַ ישוב פונקט וועלכער האָט א שטארקע שייכות מיט אונזער פסח-הגדה — איך מיין דערמיט מיין באזוך אין דער נייער חסידים-קאָלאָניע, „בני ברק".

* * *

דער נאָמען „בני ברק" איז אונז קיינמאָהל ניט פרעמד גע-ווען. וועלכער איד אָדער וועלכער אינגעל אפילו ווייס עס ניט פון בני ברק? איז עס דאָך דער בני ברק פון דער „הגדה", א „קאָלעגא" צום „מה נשתנה" מיט'ן „עבדים היינו", „העלדען" אזעלכע וועלכע האבען זיך איינגעקריצט אין אונזערע יונגע קינדערשע מוח'לאך ווי מיר האבען נור אָנגעהויבען אין חדר צו געהן. מיר האבען דאָך אפילו געקענט די בני ברק'ער רבנים מיט איהרע ראשי ישיבות, די רבי אליעזר'ס, די רבי יהושע'ס מיט די רבי עקיבאָ'ס.

דאָס אלעס האבען מיר אבער נאָר געקענט פון דער „הגדה", די שטאָט מיט איהרע העלדען האבען ביי אונז בלויז פארנומען דעם פלאַץ פון לעגענדארישע ריעזען. האָט זיך ווער פון אונז אָבער פאָרגעשטעלט אז ס'איז אויך דאָ, אָדער וועט זיין, א בני ברק פון לעבען? אז די אלטע היסטאָרישע בני ברק וועט אמאָהל ווידער אויפשטעהן תחית המתים און ווערען א ישוב צווישען ישובים, א שטאָדט צווישען שטעדט, און די אייניקלאך פון יע־נע רבי אליעזר'ס און רבי עקיבא'ס וועלען, ווי די זיידעס אמאָהל, אויך פראווען א „סדר" אין דעם זעלבען בני ברק און איבער־חזר'ן דעם זיידענ'ס הגדה?

האָט זיך עס ווער פון אונז אמאָהל פאָרגעשטעלט אפילו אין זיין פאנטאַזיע? האָט דען ווער פון אונז, חדר אינגלאך, אפילו געוואוסט וואו די דאָזיגע בני ברק ליגט געאָגראפיש, האָט מען עס אונז דען אויף דער מאפ געוויזען?

עס איז דערפאר לייכט זיך פאָרצושטעלען די שמחה פון אן אמאָליגען חדר אינגעל ווען ער טרעפט זיך פנים אל פנים מיט דעם דאָזיגען בני ברק, ניט אין דער הגדה נאָר אין לע־בען, ניט בחלום נאָר בהקיץ און ניט אין פסח נאָר אין א פשוט'ן טאג פון א גאנץ יאהר, זאל עס זיין אין אונזער פאל ערב די אלול טעג.

ס'איז א סוף זומער'דיגער פרייטאג אין די ערשטע נאָכמי־טאג שטונדען ווען איך פאָהר אריין אין בני ברק, דער נייער ישוב פון די פוילישע „עולים", וואס ליגט צווישען „תל אביב" און „פתח תקוה".

אין שטעטעל הערשט א טויטע שטילקייט, קיין תנועה, קיין באוועגונג. מיינע אויגען שוועבען ארום דא און דארט לארבע רוחות העולם, כ'דרעה זיך הין און צוריק אזוי ווי א פארבלאָנ־דזשעטער, ביז ענדליך באווייזט זיך פאר מיר א מיטעל־יעריגער איד מיט לאנגע בארד און פאות איינגעהילט אין א פוילישע קאפאטע אויף וועלכע עס פאלען סעקונדענווייז אראפ וואסער־טראפענס פון די לאנגע געקרייזעלטע פאות וועלכע האבען זיך קענטיג א קורצע ווײלע צוריק גע'טובל'ט אין דער ערב שבת'־דיגע מקוה...

דער שעהנער הדרת פנים'דיגער איד האט הפנים גלייך אין מיר דערקענט א פרעמדען, אן אורח. ער שטעקט מיר אריין א ווארעמען „שלום עליכם" באגלייט מיט האלב שטאמעלדיגע און אבגעהאקטע ווערטער: „א נייער איד . . . קענטיג געקומען צו אונז אויף שבת . . . זעהר אנגעלעגט . . . איהר'ט זיין מיין אורח".

כ'דאנק אייך — ענטפער איך איהם — פאר אייער פריינד־ליכקייט, כ'וואלט אבער בעסער פארגעצויגען א גאסטהויז, א האטעל, איז דען דא נאך פארלויפיג קיין האטעלען ניטא?

„א האטעל? פארלויפיג? הלואי ווייטער... וואס טויג אונז האטעלען? קאנקורענטען צו די מצוה פון הכנסת אורחים?...

קיין סאך האט דער איד מיט מיר ניט גערעדט, ס'איז דאך ערב שבת און זיינע געדאנקען זיינען שוין, ווי ס'האט געשיינט, געווען פארנומען מיט די „שבת מלכתא"... ער האט מיר צוגע־פיהרט צו זיין הייזקעלע, אן אויפגעשטעלטער הילצערנער „צריף", א מין אהל (טענט בלע"ז), דארטען מיר מיחד געווען א ווינקעל און בשעת מעשה נאכאמאהל באטאנט: „געדענקט,

ר׳ איד, איהר זייט מיין אורח״ און דעם „מיין״ שטארק אונטער־שטראָכען.

דערווייל האָט זיך דער פארנאכט אונטערגערוקט, שוין צייט צו געהן אין שוהל אריין. איך באגלייט מיין אורח ארוים און מיר קומען אין שוהל וועלכע באשטעהט אויך פון א גרויסען צריף. (צו יענער צייט זיינען נאָך קיין ציגעל געביידעס ניט גע־ווען אין מושב). א האלבע שוהל איז שוין געווען אָנגעפילט מיט א געמישטען קאָלירטען קהל: יונגעלייט, בחורים, מיטעל־יע־ריגע און זקנים. ס׳האָט געמאכט דעם איינדרוק אז דאָ האָט מען ניט צו טהאָן בלויז מיט קאָלאָניסטען, נאָר מיט אידען מכל המינים ווי אין א פוילישע קליין שטעטעל, קאָלאָניסטען, סוחרים, בעל מלאכה׳ס און אויך עשרה בטלנים... יעדערער שטעהט זיך אין זיין ווינקעל און פראווועט זיך השתפכות הנפש ביים „שיר השירים״ וואס ווערט געזאָגט מיט גוואלדיגע התלהבות און זעהר בא׳טעם׳ט. איך ווער הינגעריסען מיט דער שטימונג און מאָמענטענווייז דוכט זיך מיר ווי איך ווער איבערגעטראָגען אין אַן אנדער וועלט, אין עולם הנשמות און אין היכל השירה...

„שמוני נוטרה את הכרמים

כרמי שלי לא נטרתי״!

אָט דיעזער שיר השירים זאָץ רייסט זיך ארוים פון איינעם פון די יונגעלייט וואס א בליק אויף זיינע פינגער ציינגט אז נאָך היינט האָט ער געהאלטען דעם פיאָש ביי זיין פעלד ארבייט. דער טאָן און די קרעכצענדע מעלאָדיע מיט וועלכע ער זינגט אוים די ווערטער, מאכען איך צו פיהלען אז דאס איז א מין וידוי — הנפש וואס רייסט זיך ארוים פון א ריין אידיש הארץ

וועלכע וועהטאַגט אויף יענער צייט ווען א טהייל פון זיין לעבען איז אבגעגעבען געוואָרען אויף צו „היטען די פרעמדע כרמים", די כרמים פון די שונאים, פון די בלוטיגע אנטיסעמיטען און צוררי ישראל און — „כרמי שלי לא נטרתי"...

שוין צייט מנחה דאווענען. שנעל טהוט מען אָן די גארטלען און איין אן אויגענבליק ווערט די לופט דורכגעשפּאַלטען פון די צעהנדליגע קולות וואס גיסען זיך צונויף הארמאָניש, ווי געמייס־טערט דורך א פעהיג מוזיקאלישען כאָהר דיריגענט:

הודו לה' כי טוב, כי לעולם חסדו
יאמרו גאולי ה' אשר גאלם מיד צר,
ומארצות קבצם, ממזרח וממערב, מצפון ומים...
וידריכם בדרך ישרה ללכת אל עיר מושב...
יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני אדם...
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

ווידער השתפכות הנפש... א מזמור לתודה!... די התלהבות'דיגע שמחה אָדער די שמחה'דיגע התלהבות שטייגט און וואקסט מיט יעדער פערז און מיט יעדער מזמור, עס הויבט זיך אויף ממדרגה למדרגה און אז עס קומט צו לכה דודי און „כגונא", האלט עס שוין ביי רזין דרזין...

אָבגעדאווענט, און כהרף עין ווער איך ווי באָמבעדירט מיט די צעהנדליגע שלום עליכם'ס וואס פליהען פון אלע זייטען...

אן אורח, אן אורח!!

„וועמעס אורח?" — פרעגט איינער ביים אנדערען.
„קענטיג רבי א. מ. אורח" — כאפּט א דריטער אונטער.

„אזוי ר׳ א. מ. אורח?! א גליקליכער איד, די מצוה איז ארייננעפאלען צו איהם אין די הענט און ווי זאָגט דאָרט די גמרא: „כיון שנפל ליד הדיין לא יוציאנה עולמית"... אומזיסט זיך פארמעסטען מיט איהם און אפבעטען כאָטש איין סעודה אנאַנדערען אויך מזכה זיין, כאָטש אויף אין דער פריה... אויף שלש סעודות אמווייניגסטענס, כ׳צווייפעל אפילו אויב אויף מלוה מלכה וועט זיך עס איינגעבען?..."

„מלוה מלכה?" — כאפט ר׳ א. מ. אליין אונטער — מלוה מלכה? חס מלהזכיר! א קלייניגקייט מלוה מלכה? און פאר־געסט ניט אז היינטיגע מלוה מלכה איז דאָך אויך א סעודת ראש חודש און נאָך וועלכען ראש חודש, ר"ח אלול... א מלוה מלכה און סעודת ר"ח און ר"ח אלול דערצו — געה און לאָז עס ארויס פון די הענט?! עפעס א קלייניגקייט! עפעס א א קלייניגקייט!"

פארשטעהט זיך אז כ׳בין שוין געבליבען ר׳ א. מ. אורח אויף מלוה מלכה אויך.

דעם טעם פון יענעם שבת קען מען ניט איבערגעבען אקו־ראַט ווי ר׳ א .מ. האָט דעם אורח זיינעם ניט געקענט איבער־געבען... די סעודות, די טישען, די געריכטען, די שבת-זמירות און דוקא מיט די חלוצים׳שע נגונים... דאס אלעס לאָזט זיך ניט איבערגעבען. איך וויל, און נאָך א מין וועלען... ס׳לאָזט זיך אבער ניט...

שבת פארטאָג. די שוהל איז ווידער געפאקט. אלע ארום די טישען, די זקנים, די מיטעל יעהריגע און די יונגעלייט מיט די בחורים. מיין רבי א. מ. וועלכער, ווי כ׳האָב שוין בינתים צייט געהאט אויסצוגעפינען, איז טאקע געוועזן דער רב פון בני ברק,

זאָגט א שארפען „שעור", מ'איז מפלפל, מתוכח, עס טומעלט, עס רעש'ט אזוי ווי אין א היימישע ישיבה, דאָך קומט מען ווי ס'איז דורך און מ'געהט ארוים לשלום...

נאָכ'ן שעור נעהמט זיך יעדערער צו דאס זייניגע, דער צום תהלים, יענער צום „זוהר", איינער צום מעביר די סדרה זיין און אַ צווייטער כאפט זיך גאָר א שפאציר אויף די פעלדער ארום שוהל, גלאט אזוי זיך, פון הרחבת הדעת וועגען וואס איז נויטיג אלס הכנה צום דאווענען...

און אזוי האָט מען עס אבגעפראוועט דעם אין דער פריה־דיגען דאווענען, ווידער מיט פרישקייט, מיט התלהבות און מיט שמחה. די נשמה יתירה האָט ארויסגעאָטעמט פון יעדען באַזונדער און אראָפגעשטראלט מיט שבת קדושה פון אלעמענס געזיכטער...

דער שלש סעודות מיט די מלוה מלכה און סעודת ר"ח זיינען געפראוועט געוואָרען בצבור און ממש — אשרי עין ראתה כל אלה!

איך האב שוין כמעט פארגעסען אז איך געפין זיך אין א נייע ארץ ישראל קאָלאָניע. דער „קול יעקב" פון די אנשי בני ברק האָט אוועקגענומען ביי מיר די מעגליכקייט צו טראכטען אז דאָ זאלען מיר אויך האבען צו טהאָן מיט „ידים עובדות בשדה". ס'האָט גיכער אויסגעזעהן אז איך געפין זיך דאָ אין אן אטמאָספערע פון „גערער" אָדער „קאצקער" „שטיבלאך". אָט די השערה איז נאָך מעהר פארשטארקט געוואָרען אין די ערש־טע שטונדען פון דעם „ממחרת השבת". ווען אלעס האָט זיך ווי־דערהאָלט מיט'ן זעלבען נוסח, דער פארטאָגעדיגער שיעור און דער ראש חודש'דיגער דאווענען וואס איז אגב ניט געווען קיין

סתם ראש חודש נאָר ר"ח אלול, וועלכער איז נאָך ר׳ א. מ. אויסדרוק „עפּעס ניט קיין קליינינקייט"...

אָבער מערקווירדיג: ווי נאָר מ׳איז פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן דאוונען, אזוי איז די שוהל ליידיג געבליבען און עס דויערט ניט לאַנג און איך באַגעגען זיך ווידער מיט גאַנץ קהל. איצטיגעס מאָל ניט אין שוהל נאָר אין פעלד. אלע, אלע, די זקנים, די יונגע־לייט, די בחורים, אלעמענס הענט זיינען צוגעשמידט צו די פעלד טולס, דער גראַבט, דער פלאַסטערט, דער אַקערט און דער זייהט און די ציצית פון די לאַנגע טליתים קטנים שלעפּען זיך נאָך... און ווי איבערראַשט בין איך געוואָרען אז צווישען מיינע קאָלאָ־ניסטישע פעלד ארבייטער געפין איך אויך אונזער רבי א. מ. . . .

אָט דער רב פון בני ברק איז גאַר אויסער זיין רבנות אויך א קאָלאָניסט... האָט ער טאַקע ניט געמאַכט זיין תורה פאַר א „קרדום לחפור בה" נאָר פאַרקעהרט, ער האָט געמאַכט זיין „קרדום" פאַר א תורה...

און ווידער אמאָהל — אשרי עין ראתה כל אלה!

אָט דאָ האָב איך אָנגעטראָפען דעם טיפ, וועלכער האָט די „השתא" פליגלען אויסגעשפּרייט אויףביידע ברעגען, אויפ׳ן עבר מיט׳ן עתיד צוזאַמען. פון איין זייט האַלט מען זיך פעסט אין דער טראַדיציע פון די זיידעס פון בני ברק, מ׳טרעט ניט אָפּ פון די ר׳ אליעזר׳ס און ר׳ עקיבא׳ס און פון דער צווייטער זייט שמידט מען דעם נייעם עתיד אין א"י מיט׳ן פיאַש און מיט׳ן אַקער. זיי האָבען א גליקליכע פאַרגאַנגענהייט מיט א שטראַה־לענדע צוקונפט צוזאַמען, און ביי א פאָלק וואס האָט די ביידע מיט אמאָהל, איז שוין די געגענוואַרט אויך פון גרויס חשיבות...

השתא — לשנה הבאה!...

לשביעי של פסח

שר לא נאמר אלא ישיר!

דרשנים זאָגען אז די ערשטע טעג פסח געהערען צום ע ב ר און די לעצטע טעג געהערען צום ע ת י ד. די דאָזיגע באַהויפּטונג ווערט באגרינדעט אויף דעם ערשטען פּסוק פון דער שירת הים וואס פאנגט זיך אָן מיט דעם אז „ישיר" און ווי חז"ל קאָמענטירען דערויף: „ש ר לא נאמר אלא י ש י ר"... און ישיר מיינט דאָך אינ'ם עתיד.

שטימט מאקע דיעזע באהויפּטונג מיט דער פּסיכאָלאָגישער זייט פון לעבען. ווען מען שטעהט שוין אויפ'ן שוועל פון דעם „ממחרת הפסח" זיינען שוין די אויגען נאַטירליכערווייזע געווענדעט צו דעם דאָזיגען „ממחרת"; דאָס פארגאנגענע קען אונז דאָך שוין ניט פיעל אינטערעסירען, דער „נעכטען" איז דאָך שוין אוועק, ס'איז דאָך שוין א „נעכטיגער טאָג", אונזער גאַנצער אינטערעס איז שוין איצט בלויז פאר דעם „מאָרגען", ווילט זיך טאקע דעריבער מקשר זיין דעם שירה טאג מיט דעם דאָזיגען מאָרגען, עס ווילט זיך אז מאָרגען זאָל אויך זיין שירה'דיג, אז מאָרגען זאָל זיך אויך זינגען...

ווי וויים דער גאנצער פּסח יום-טוב האָט א שייכות מיט'ן מאָרגען, קען מען זעהן דערפון וואס איינע פון די הויפּט „פּימשורים" אין היינטיגען יו"ם איז די „שאלת הבנים"; די קינדער

פארנעהמען דעם אויבענאָן נאָך אין דער סאמער ערשטער סדר-נאַכט, אָנפאנגענדיג מיט דעם „וכאן הבן שואל“ און ענדיגענדיג מיט דעם „כנגד ארבעה בנים דברה תורה“, און דאָס איז ניט נאָר אין דער הגדה נאָר אויך אין לעבען. דער גאנצער מענשליכער לעבענס-קאמפף איז דאָך נאָר א קאמפף פאר די קינדער, אלע מסירות נפש׳ן פון עלטערען איז דאָך נאָר צוליעב זייערע קינ-דער און וואס מיינט דען „בנים“ אויב ניט דער עתיד.

די אבות, די זקנים, געהערען צום עבר, די בנים, די צעירים, געהערען צום עתיד און זיי שפיעלען דעריבער די ערשטע פידעל איבעראל.

און אָט דער מאָרגען, ס׳הייסט, די קינדער, איז ווירקליך איינע פון די שווערסטע פראָבלעמען אין אונזער לעבען. עס איז אלע מאָל, אין אלע צייטען און אין אלע ערטער געווען איינע פון די שווערסטע פראָבלעמען, אבער פיעל שווערער איז זי אין דער היינטיגער צייט און נאָך שווערער, דאָ אין אמעריקא.

מיר האבען אויף אן אנדער פלאץ אין דיעזען ספר (פ׳ בשלח) אָנגעוויזען, אין באצוג צום פירות יו״ט, חמשה עשר בשבט, דעם אונטערשיעד פון גלות וואו די פירות זיינען פרעמדע, ניט אונזערע, ביז ארץ ישראל וואו די פירות זיינען אייגענע, אונ-זערע.

איז טאקע די זעלבע זאך אויך אין באצוג צו די מענשליכע פירות, די פון דעם „האדם עץ השדה“ וואו דער דאָזיגער אונטער-שיד איז שטארק קענטיג. דאָ אין גלות, באזונדערס אין גלות-אמעריקא זיינען די פירות-האדם, ווי די פירות-האדמה, פרעמ-דע, ניט אונזערע. ס׳איז די מכה פון בנים לויט דעם נוסח פון „בניך ובנותיך נתונים לעם אחר“. פיזיש זיינען זיי אונזערע

קינדער, גייסטיג אבער זיינען זיי „אַנקעל סעם׳ס״, און דאָרט וואו מירליידען פון דעם „הבה לי בנים״ האבען מיר דאָך קיין עתיד ניט און אָהן אן עתיד האבען מיר דאָך קיין „אז ישיר״ ניט... אין דעם פאל פרעגט זיך בוכשטעבליך די פראגע פון דעם משורר: „איך נשיר את שיר ה׳ על אדמת נכר״?...

און זאָל דאס ניט אויסגעטייטשט ווערען אז מיר זיינען אזוי ווייט רעאקציאָנעריש געזאָנען אז מיר פאַרגינען פשוט ניט אונזערע קינדערס אינטעלעקטואַליטעט, אז מיר וואָלטען וועלען אַז די קינדער זאלען זיין פארשפארט אין די ד׳ אמות פון דער אַזוי גערופענער אידישער גהעטא און זאלען מיט דער דרויסענדיגער וועלט גאָר קיין שייכות ניט האבען.

ניט נאָר מיינען מיר דאָס ניט, נאָר אין גענענטהייל, מיר וואָלטען נאָך אדרבה וועלען אז אפילו די טאַטעס זאלען אויך טהיילוויז „רעפאָרמירט״ ווערען און זיך ארונטערלאָזען צו די קינדער, זיי זאלען אויך פארשטעהן וואס די צייט פאָדערט און זאָלען זיך צו דער דאָזיגער צייט צופאסען...

יא — און זאל דאָס פון דעם אנדערען זייט אויך ניט אויסגעטייטשט ווערען אז מיר זיינען צופיעל ראדיקאל און אז עס שמעקט ווירקליך מיט רעפאָרם אָדער מיט זעלבסט פארלייקענונג. דארויף גיט אויך פסח דעם ריכטיגען ענטפער אין זיין סימבאָלישען „כוס של אליהו״.

דער כוס אליהו בלייבט אונבאריהרט אויף אונזער סדר-טיש. ער דארף אימער שטעהן פאר אונזערע אויגען כדי ניט מסיח דעת צו זיין פון דעם אליהו אידעאל אָדער דעם „אליהו מעסעדזש״ פון: והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם! הייסט עס אלזאָ אז ניט בלויז וועט אליהו׳ס אויפגאבע זיין דער

„לב בנים על אבותם", ברענגען דעם קינד צום טאַטען, נאָר אויך דער „לב אבות על בנים", ברענגען דעם טאַטען צום קינד, און אָט דער חלק פון זיין מיסיאָן קומט נאָך פ ר י ה ע ר, דאָס איז די ערשטע העלפט פון זיין מעסעדזש און עס דאַרף טאַקע אַזוי זיין. זאָלען די קינדער זעהן ווי זיי, די טאַטעס, גיבען נאָך וועלען זיי לערנען א ביישפּיעל פאר זיך אז זיי דאַרפען אויך נאָכגעבען...

שטימט טאַקע דער דאָזיגער „מעסעדזש" מיט א בעקאַנטען מאמר חז"ל וואס ווערט צוגעשטעלט צו אליהו'ן, ווען זיי זאגען: „אין אליהו בא לא לרחק ולא לקרב אלא לעשות שלום בעולם" (עדיות פ"ז מ"ז). און אָט דער שלום פאַנגט זיך צום ערשטען אָן פון דעם אייגענעם פאַמיליען לעבען (בקש שלום ורדפהו — בקשהו ממקומך ורדפהו ממקום אחר), שלום צווישען טאַטען און זוהן, און שלום נאַטירליך קען נאָר זיין דאָרט וואו ביידע צדדים זיינען געניגט עפּעס נאָכצוגעבען, מ'קען ניט פאַרלאַנגען ותורים בלויז פון איין צד...

איז, ווי געזאָגט, אונזער פאָדערונג פון זוהן ניט קיין רעאַקציאָנערע, אקוראַד ווי די פאָדערונג פון טאַטען איז ניט קיין ראַדיקאַלע.

מעגליך, אז אן און פאר זיך, ווען ניט די שלום פראגע, וואָלטען מיר אפשר פון טאַטען ניט געדאַרפט פאַרלאַנגען דעם דאָזיגען ותור, ווייל אזא סאָרט ותור אז דער אלטער קאָנסערוואַטיווער טאַטע זאָל זיך מיט אמאָהל אָנהויבען, צו דער עלטער, „אויסמענשלען", ווערען „ציוויליזירט", איז עס אפשר א צו גרויסער קרבן פון זיין זייט; ס'איז ניט קיין צו גרויסער תענוג פאַר א איד פון אלטען דור, א איד פון „נעכטען" זאָל פּלוצלונג ווערען א „היינטיגער"...

איז טאקע אזא סאָרט „ויהי“ וואו מ׳דארף נעהמען א שטיק „עתיד“ און „מהפך“ זיין אין דעם „עבר“. אזוי אז דער עבר זאל אויך זיין פארטראַטען פון דעם עתיד — אזא „ויהי“ מעג זיך טאקע זיין א „צרה“, לוינט זיך עס אבער פאר׳ן טאַטען אויסצו־שטעהן די צרה פון זיין אייגענעם „ויהי“ אבי צו געווינען די „שמחה“ פון זיין קינד׳ס „והיה“... ווייל דאָרט וואו ס׳איז דאָ א „והיה“, וואס איז מהפך דעם „עבר לעתיד“ און נעהמט אריין א שטיק עבר פון טאַטען אין דעם עתיד פון זוהן, דאָרט איז גע־ווים פאראן א שמחה און ס׳לוינט זיך באצאָהלען א פרייז פון „ויהי“ פאר דעם בענעפיט פון „והיה“...

דאָרט וואו עס פעלט אבער דער „והיה“, דאָרט וואו ס׳איז ניטאָ דער עתיד, ער איז יא דאָ נור ער געהער ניט צו אונז, עס פעלט איהם דער „ואו המהפך“, דאָרט איז קיין שמחה ניטאָ און וואו ס׳איז קיין שמחה ניטאָ איז קיין שירה ניטאָ...

ווערט טאקע דאריבער אביסל קאלעמוטנע אויפ׳ן הארצען ווען מיר קוקען זיך צו צום היינטיגען לעבען און טרעפען א סאך „ויהי׳ס“ אבער זעהר ווייניג „והיה׳ס“...

יא, מיט די אבות אליין קען מען ניט געהן צום טיש, וואו ס׳איז דאָ „אבות“, דאָרט מוז אויך זיין „תולדות“, אזוי זאָגט די גמרא בפירוש: „אבות, מכלל דאיכא תולדות“ (בבא קמא ב ע״א). פרעגט טאקע די זעלבע גמרא: „תולדותיהן כיוצא בהן או לאו כיוצא בהן“? צו זיינען די דאָזיגע תולדות, קינדער, אזוי ווי די אבות אָדער ניט...

אָט דאָס איז דאָך טאקע די הויפט פּראָבלעמע וועלכע באַ־שעפטיגט אונז אין אלע דורות און אין אלע תקופות און דערפאר איז טאקע כדאי זיך צוהערען צו דעם וואס אונזערע אוראלטע חכמים האבען וועגען דעם צו זאָגען. און עס מאכט כלל ניט אויס

וואס דער דאָזיגער תלמוד'ישער שמועס איז אין אמת'ן גאָר אַן אבהאנדלונג אויף דעם הלכה געביט, סימבאָליש קענען מיר דער־פון ציהען די געהעריגע מאָראַלישע קאָנסעקווענצען.

איז אלזאָ די פראגע צו „תולדותיהן כיוצא בהן או לאו כיוצא בהן"? און אָט וואס די חכמים זאָגען וועגען דעם:

„גבי שבת תנן אבות מלאכות ארבעים חסר אחת, אבות מכלל דאיכא תולדות — תולדותיהן כיוצא בהן, לא שנא אב חטאת לא שנא תולדה חטאת" — — — גבי נזיקין מהו? אמר רב פפא יש מהן כיוצא בהן ויש מהן לאו כיוצא בהן".

פון דער סימבאָלישער זייט איז עס א וואונדערבארע ענט־שיידונג.

שבת און נזיקין! דאָס ערשטע רעפּרעזענטירענדיג די טראַדיציאָנעלע זייט פון לעבען און דאס צווייטע, די עקאָנאָ־מישע זייט פון לעבען. שבת, דאָס הימלישע און נזיקין, דאס איר־דישע; און די גמרא'ס פסק לויטעט, אז וואס אנבעלאנגט שבת, טראַדיציע, דאַרט מוז זיין „תולדותיהן כיוצא בהן", די קינדער מוזען זיין ווי די טאַטעס... דער פּראָגרעסיווער לעבען טאָר באַין אופן ניט אויסאיבען קיין איינפלוס אויף דער אוראלטער טראַ־דיציע, דעם טאַטענס שבת דארף אויך זיין הייליג ביים זוהן. אנדערש איז עס שוין ביי „נזיקין". אין דער עקאָנאָמישער זייט פון לעבען מעג שוין זיין „לאו כיוצא בהן", דאָ מאכט שוין כלל ניט אוים אז דער זוהן איז ניט אזוי קאָנסערוואטיוו ווי דער טאַטע; אויפ'ן עקאָנאָמישען געביט מעג דער זוהן זיין מעהר פּראָגרעסיוו, מעהר פאָרגעשריטען.

איז אבער די צרה וואס אונזערע קינדער פאָלגען נישט די גמרא... און גראדע וואס אנבאלאנגט שבת און אלע אידישע הייליגטימער, גראדע דאָ איז, צום באדויערען, „תולדותיהן לאו

כיוצא בהן"... דער טאַטע איז א פרומער גאָט'ס פארכטיגער איד און דער זוהן איז דאָס ניט... בלויז אין געוויסע פעלע ווערט אויך אין דיעזען באצוג אויסגעפאָלגט די גמרא'ס פסק. עס טרעפט אמאָהל אז אויך אין שבת איז „תולדותיהן כיוצא בהן", דאס איז אָבער מעהרסטענס בלויז דאן ווען עס איז: „לא שנא אב חטאת ולא שנא תולדה חטאת". יא, דאָרט וואו דער טאַטע איז א „חטאת" דאָרט איז דער זוהן אויך א „חטאת"... ב ע ס ע ר פאר'ן טאַטען איז ער געוויס ניט, ע ר ג ע ר אָבער איז ער יא. אין דער ש ל ע כ ט ע ר זייט איז ער „כיוצא בהן", אין דער ג ו ט ע ר זייט אבער, ליידער ניט...

און אויב עס פעלט אין ד ע ם פאל דער „כיוצא בהן", דאן בלייבען מיר בלויז ביי די אבות, ביים עבר, און עבר אהן עתיד, דאָרט איז עס ניט שירה'דיג. אויפ'ן עבר אליין זינגט זיך ניט, וויל —

שר לא נאמר אלא ישיר!...

לשבועות

ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם
ובינתכם לעיני העמים (ואתחנן ד׳)

דער ציטירטער טעקסט פסוק איז דער תמצית פון קאפיטעל ד׳ פון פרשת ואתחנן און איז א מין הקדמה צום נעקסטען קאפיטעל ה׳ וואס ענטהאלט די ווידערהאלונג פון מתן-תורה מיט די עשרת הדברות.

איז טאקע אט דיעזע הקדמה פון א גאנץ באזונדער וויכטיגקייט. דא, וואלטען מיר זאגען, ליגט דער סוד פון אונזער אונשטערבליכקייט און דער ענטפער צו דער גרויסער פראגע וואס ניט נאר אנדערע נאר אויך מיר אליין פרעגען, אמאהל בפה מלא און מעהרערע מאהל בלויז ביי זיך אין הארצען.

די פראגע איז: זיינען מיר באמת א פאלק אדער ניט? געוויס ווילט זיך ענטפערען — יא. אבער דאן קומט די פראגע: פאר וואס, און מיט וואס?

עס איז אן אנגענומענע זאך אז דער טערמין פאלק דריקט אוים מיט זיך א גרויסע מאסע מענשען זאל עס זיין אין די מיליאנען, אדער הונדערטע טויזענטע און אפילו צעהנדליג טויזענטע, אבער אלע פון דעם מין וועלכע האבען אין זייער באזיץ יענע אייגענשאפטען וואס מאכען זיי בארעכטיגט זיך צו רופען מיט אט דעם נאמען "פאלק". די אייגענשאפטען זיינען: אן אייגענע לאנד און אן אייגענע שפראך. דאס זיינען די מינימאלע פאדערונגען וואס דארפען געשטעלט

ווערען צו יענע מאסען וועלכע ווילען זיך איינקויפען אין דער פעלקער משפחה. אהן אט די צוויי וויכטיגע זאכען קען מען נים קריגען דעם פאלק־דיפלאם און מען קען נים ווערען קיין מיטגליד אין דער פעלקער משפחה.

אונזער תורה אליין באצייכענט דאך אויך דיביידע פונקטען ווען זי ריהרט אן די דאזיגע פראגע אין באצוג צו די פרעמדע נים - אידישע פעלקער: "ללשונותם בארצותם בגויהם" (בראשית י') דאס הייסט אז איידער מען איז בארעכטיגט זיך צו רופען "בגויהם" דארף פריהער זיין "ללשונותם" (שפראך) און "בארצותם" (לאנד).

איז דאך די פארגע אין באצוג צום אידישען פאלק, פון דעם שטאנדפונקט, א גערעכטע. א פאלק וואס האט אמת מיט צוויי טויזענט יאהר צוריק טאקע געהאט ביידע זאכען, אי א לאנד אי א שפראך, היינט אבער האט ער דאך ביידע נים. ער איז צושפרייט און צוזייהט אין אלע לענדער און פון זיינע 15-16 מיליאן נפשות האט ער נים אין ארץ ישראל אפילו קיין זעכציגסטעל טהייל, און דער קליינער אומבאדייטענדער קומץ וואס איז שוין מישטייענס געזאגט יא דא אין א"י, איז עס דאך נאך אבער פארלויפיג נים קיין אמת'ע אידישע ארץ ישראל, עס באלעבאטעווען נאך דערווייל פרעמדע הערשער און פרעמדע נאציאנאליטעטען.

דאס איז אין באצוג צו לאנד. נים בעסער איז עס אויך אין באצוג צו שפראך. אונזערע אידישע קינדער רעדען אהן עין הרע אלע לשונות און רעדען זיי פינקטליך מיט'ן שעהנסטען דיאלעקט, אבער אלע פרמדע יא און אונזער אייגענע נים...

און ווען עס פעלט אונז אט דיביידע עקרים, לאנד און שפראך, טא וואס פאר א רעכט האבען מיר צו פרעטענדירען אלס פאלק?

דאס מערקווירדיגסטע דערפון איז נאך, דאס וואס מיט א סתם פאלק טיטול באגנוגענען מיר זיך נאך ניט, עס שטעהט אונז ניט אן צו זיין גלייך מיט אנדערע פעלקער, האבען מיר זיך נאך דערפאר מאנאפאליזירט דעם טיטול פון "עם הנבחר" אדער "עם סגולת"...

און ווען צום ביישפיל מיר קומען יום-טוב אין שוהל און אין איינע און די זעלבע מוסף שמונה-עשרה זאגען מיר פריהער מיט עהרליכע באגייסטערונג דעם "אתה בחרתנו מכל העמים" און פראקלאמירען פאר דער גאנצער וועלט אויף א העכט דעמאנסטראטיווען אופן אונזער העכסטען פאלקס טיטול מיט דעם מאנאפאליזירטען אתה בחרתנו דיפלאם, און תוך כדי דבור זיינען מיר "פושט צורה ולובש צורה" און מיר קרעכצען אויס מיט אונזער בעקאנטע סקראבאווע גלות מעלאדיע דעם "ומפני חטאינו גלינו מארצנו"... נו, איז עס ניט א "תרתי דסתרי", א מין "שטר ושוברו בצדו"?...

צו אט דער קאמפליצירטער סיטואציע האבען מיר אבער א קלאהרען און דייטליכען ענטפער וועלכער דריקט זיך אויס אין בלויז צוויי ווערטער:

"עם הספר"!

דאס איז א נייער טערמין אין ווערטער-בוך און געפינט זיך בלויז אין אידישען ווערטער בוך. צו זיין א

פאָלק בלויז דורך דעם בוך, אין דעם זיינען מיר אַן אויס־
נאַם פון אַלע אַנדערע פעלקער. ערשטענס דערפאַר וואָס אונ־
זער בוך, אונזער תורה, איז אַ געטליכע און ניט קיין מענשלי־
כע, טראָגט זי דערפאַר אויף זיך דעם שטעמפּעל פון אייביג־
קייט אַזוי ווי די גאָטהייט איז אַן אייביגקייט. און צווייטענס
דערפאַר וואָס אונזער תורה איז אַ תורת־חיים, זי איז
דער יסוד פאַר'ן לעבען פון פאָלק, די פּראָגראַמע פון לעבען,
און אַ פּראָגראַמע פון אַ דויערהאַפטיגען כאַראַקטער עד סוף
כל הדורות, אַנדערש ווי אַנדערע תורות וועלכע זיינען בלויז
אַ מענשליכער פּראָדוקט און אַלס אַזעלכע מוזען זיי זיך נאַ־
טירליכערווייזע וועקסלען לויט דער וועקסלונג פון די דורות.
אַ שטערבליכער מענש קען באַין אופן ניט פּראָדוצירען אַן
אונשטערבליכע קולטור־ווערק. דער דענקונגס אַפּאַראַט פון
דעם מענש שעפּט דאָך זיינע כחות פון דער ענגער וועלטעל
אין וועלכע ער לעבט און ממילא זיינען דאָך זיינע שאַפונגען
אויך באַגרעניצט אין די זעלבע ראַמען פון זיין אייגענעם לע־
בען. ער קען דאָך ניט שאַפען אַ "דבר שלא בא לעולם" און
די צוקונפט איז דאָך פאַר איהם אַ לא בא לעולם ווייל ער
זעהט דאָך איהר ניט. אַ תורה אָבער וואָס זי ווערט געשאַפען
ביי גאָט אַליין, דער "צופה ומביט עד סוף כל הדורות", אַזאַ
תורה האָט דאָך קיין באַגרעניצונג ניט, זי איז דאָך אַן אייביג־
קייט, און אַזוי לאַנג ווי אַלע דורות האַלטען זיך אַן אין דער
דאָזיגער תורה, לעבען זיי דאָך צוזאַמען מיט איהר דורך די
גאַנצע אייביגקייט, און דערפון דער סוד הקיום פון דעם עם
ישראל, דערפון דער מאָנאָפּאָליזירטער אתה בחרתנו יחום.
אַן אויסדערוועהלטער פאָלק מיינט אַז ער באַזיצט אַזעלכעס
וואָס קיין אַנדער פאָלק באַזיצט ניט. דורך לאַנד און שפּראַך

אליין, קען מען טאַקע זיין באַרעכטיגט צום טיטול פאָלק, אָבער ניט צום טיטול "אויסדערוועהלטער פאָלק" ווייל דאָס האָבען דאָך אַנדערע פעלקער אויך. די תורה אָבער, די געט־ליכע תורה, האָבען אַנדערע פעלקער ניט און דערפאַר רופען מיר זיך מיט רעכט דער עם הנבחר.

איז דעריבער דער דעמאָנסטרירענדער "אתה בחרתנו" פאַר קיינפאַל ניט קיין סתירה צו דעם "גליגו מארצנו". מיר בויען ניט אונזער פאָלקס טיטול אויף דעם "ארצנו" אויף דעם ערדישען באָדען נאָר אויף דעם "תורתנו", אויף דער הימלישער תורה, מעג זיך דערפאַר אַמאָהל אפילו צייטוויליג דער באָדען אַרויסגליטשען פון אונטער די פיס קוים בלייבט דער הימעל איבער'ן קאָפּ, בלייבט נאָך אַלץ דער אתה בחרתנו גאַנץ אָהן אַ פּגימה.

די ערקלעהרונג ווערט טאַקע געגעבען אין די תפלה פון אתה בחרתנו גופא, ווען נאָך די פּראָקלימאַציע פון אתה בחרתנו גיבען מיר אַליין דעם פירוש דאַרויף ווען מיר זאָגען: "ורוממתנו מכל הלשונות", מיר שטעהן העכער פון די פעל־קער ביי וועמען די לשונות, די שפּראַכען פאַרנעהמען דעם אויבענאָן, און דאָס איז דערפאַר ווייל: "וקדשתנו במצותיך", ווייל אונזערע מצות איז דיינע מצות, ניט קיין מענשליכע און אַז דו ביסט אייביג מוזען מיר אויך זיין אייביג.

דער זעלבער געדאַנק איז אויף אַ פּאַרטריעפליכען אופן אויסגעדריקט גיוואָרען דורך די חכמי התלמוד קאָמענ־טירענדיג וועגען דעם ביבלישען אויסדרוק פון "חרות על הלוחות — אל תקרי חרות אלא חרות" (ניט חרות מיט אַ

קמץ וואָס מיינט אויסגעקריצט נאָר חרות מיט אַ צירי וואָס מיינט פרייהייט).

עס קוקט אַלזאָ אויס ווי אונזערע חכמים ווילען אוועקנעהמען דעם "זמן חרותנו" פון פסח און איהם טראַנס־פערירען אין שבועות וואָס איז גאָר דער "זמן מתן תורתנו" און ווארום פאַרגרייזען די נקודה פון אַ קמץ אויף אַ צירי ?

זעהען מיר אָבער ניט אין דעם דאָזיגען "אל תקרי" אַז די חכמים זאָלען דאָ אויסען זיין אַ גרייז צו מאַכען, ווייל אונזערע חכמים מאַכען בכלל קיין גרייזען ניט... זיי זיינען אָבער יאָ אויסען צו געבען אַ כאַראַקטעריסטישע אויסטייטשונג צו אונזער פאָלקס טיטעל וועלכער דאַרף אָהנע צווייפעל זיין באַזירט אויף די יסודות פון פרייהייט, זעלבסטשטענדיגקייט און אומאָבהענגיגקייט. ווילען זיי דעריבער שטאַרק באַטאָנען און אונטערשטרייכען אַז אַבוואָהל ביי אַלע אַנדערע פעלקער דריקט זיך זייער פרייהייט אויס אין דער זעלבסטשטענדיגקייט פון לאַנד און שפּראַך, ביי אונז אָבער איז ניט אַזוי. אונ־זער "חרות" (פרייהייט) איז — "חרות על הלוחות" אויס־געקריצט, ניט אויף׳ן לאַנד און ניט אויף דער שפּראַך נאָר "אויף די לוחות", אויף דער תורה, און דורך דעם חרות (מיט אַ קמץ) ווערט ממילא חרות (מיט אַ צירי)...

און דערפאַר איז זעהר סימבאָליש די "ספירה" טעג צווישען פסח און שבועות וועלכע ציהען אויס אַ מין בריק וואָס איז מחבר דער חג החרות (מיט אַ צירי) מיט דעם חג החרות (מיט אַ קמץ) צו ווייזען דערמיט אַז ביי אונז טאָר קיין הפסק ניט זיין צווישען פסח און שבועות ווייל: "אל תקרי

חרות אלא חרות", אנדערש האט פאר אונז דער חרות פון פסח קיין באדייטונג ניט סיידען ווען ער קאמבאנירט זיך מיט דעם "חרות על הלוחות" פון שבועות... דער חרות פון פסח קען אונז טאקע מאכען פאר א פאלק אבער באין אופן ניט פאר אן עם הנבחר, אום דאס צו ווערען מוז מען אנ־קומען צו שבועות — צו מתן תורה.

און די גמרא דערצעהלט אז רב יוסף האט שבועות זיך געהייסען צוגרייטען אן "עגלא תלתא" פאר זיין יו"ט סעודה און האט דערביי באמערקט אז: "אי לאו האי יומא כמה יוסף איכא בשוקא" (ווען ניט אט דער טאג, וויפיעל יוסף'ס זיינען דא אין גאס!) קענטיג אז רב יוסף האט דער־מיט אויך געוואלט אונטערשטרייכען דעם אונטערשיד פון אידען אלס פאלק ביז אנדערע פעלקער. ווען ניט שבועות — זאגט ער — וואלטען מיר מיט אלע אנדערע פאלקס אייגענשאפטען ניט געווען, אמת, קלענער פון אנדערע פעלקער אבער אויך ניט גרעסער ווייל "כמה יוסף איכא בשוקא", פון דעם מין פאלק זיינען דא א סך אין גאס, א דאנק אבער דעם "יומא דעצרתא" זיינען די יוסף'ס פון גאס ניט גלייך צו דעם אידישען רב יוסף. ער איז העכער פון זיי, ער איז דער עם הנבחר.

און ווען אפילו מיר האבען שוין זוכה געווען צו דער־לעבען די צייט ווען עס ווייזען זיך שוין שפורען פון האפענונג אז אויך די אנדערע קניגים פון א פאלק זאלען זיך צו אונז צוריק קעהרען. עס באווייזען זיך שוין די שפורען פון א גאולת און אקטיווע שריט ווערען שוין גענומען צו דער גאולת הארץ פון איין זייט און גאולת השפה פון דער צווייטער זייט; מיר הויבען שוין אן טהיילווייז צו ווערען בעלי בתים אין א"י.

היבשע שטרעקען לאַנד ווערען פון צייט צו צייט ערֹאָבערט און געהן איבער אין אידישען רשות. די העברעאישע שפּראַך ווערט אַ לעבעדיגע אין די מיילער פון אונזערע קינדער אין א"י, אַזוי אַז אפלו אָהן אונזער ספּעציפישען קולטור אוצר וועלען מיר שוין באַרעכטיגט זיין צוריק צו געווינען אונזער טיטול פאָלק, דאַרפען מיר אָבער ניט פאַרגעסען אַז אַזאַ פאָלק וועלכער ציהט זיין פאָלקס יחוס נאָר דורך אַן אייגענע שטיקעל ע ר ד, אַזאַ פאָלק דאַרף זיך רופען עם-ה א ר ץ, און עם דאַרף זיך דעריבער זיכער ניט גלוסטען אוים צו בייטען פון אַן "עם הספר" אויף אַן "עם הארץ"... שוין ניט רעדענדיג דערפון וואָס דער "ארץ" גופא דאַרף אויך דאַנקבאַר זיין דעם "ספר" וואָס האָט אונז געגעבען דעם אויסדויער צו וואַרטען און עקזיסטירען אַזוי לאַנג ביז ווידער אַמאָהל צו דערגרייכען צו דער אַמאָליגער שטופע פון לאַנד און שפּראַך, ווערענד צעהנדליגער אַנדערע פעלקער וועלכע זיינען קיינמאָהל ניט געווען קיין עם-הספר, זיינען טראָץ זייער לאַנד און שפּראַך שוין לאַנג אָבגעווישט געוואָרען פון דער וועלט מאַפּ צוזאַמען מיט דער לאַנד און מיט דער שפּראַך... און אויך דאַרויף האָט חב יוסף אַנגעוואונקען מיט זיין "אי לאו האי יומא" ווען ניט די תורה "כמה יוסף איכא בשוקא", איצטיגעם מאָהל מיט אַ פראַגע צייכען, וויפיעל יוסף'ס זיינען דען נאָך פאַרבליבען אין שוק החיים?...

כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים!

אַנטקעגען אַנדערע פעלקער איז אונזער פאָלקס טיטול באַגרינדעט בלויז אויף אונזער חכמה ובינה — אויף אונזער תורה!

לשבועות

...ולקחת מראשית כל פרי האדמה !

די פרשה פון בכורים איז היינט צו טאג ביים אידי־
שען פאלק א פרשה פון לעבען. מיר מאכען איצט דורך א
בכורים־תקופה סיי אין וואס אנבעלאנגט די אידישע לאנד און
סיי אין וואס אנבעלאנגט דעם אידישען פאלק. בלויז עטליכע
צעהנדליג יאהר זינט די נאציאנאלע באוועגונג האט אנגע־
הויבען צו ווערען א פראקטישער פאקטאר אין אונזער פאלקס
לעבען און האט געבראכט צום פראנט די נאציאנאליזירונג פון
ביידע עלעמענטען: דאס פאלק און דאס לאנד. נאטירליך,
איז די נאציאנאליזירונג פון פאלק געקומען אין דער ערשטער
רייהע און נאכהער די נאציאנאליזירונג פון לאנד. דאס איז
אבער בלויז אויף אזוי פיעל וויפיעל עס האט צו טהאן מיט
דער פראקטישער זייט פון "הלאמת־הארץ", מיט דער "בפועל"
זייט פון דער דאזיגער פראגע. מיט דער טעהארעטישער זייט
אבער, מיט דעם "בכח", דא מוז מען צוגעבען אז די "לאנד"
איז געווען דער הויפט גורם וואס האט געשאפען די נאציא־
נאלע באוואוסטזיניגקייט ביים פאלק, דאס פאלק האט גע־
שעפט זיינע נאציאנאלע כחות פון דעם קוואל וואס רופט זיך
ל א נ ד. איינם האט אלזא געדיענט דאס צווייטע. די תשוקה
צום לאנד האט געשאפען אן ארגאניזירטע פאלקס באוועגונג

און די פאָלקס באַוועגונג האָט געשאַפען די ערשטע רעאַלע פּראָדוקטען פון די נאַציאָנאַליזירונג פון לאַנד.

ביידע אָבער זיינען נאָך יעדענפאַלס אין דער בחינה פון בכורים, ערשטע צייטיגע ארבייט; די ארבייט פאַנגט זיך נאָך ערשט אָן, סיי די ארבייט פון לאַנד און סיי די ארבייט פון פאָלק, נית נאָר דאָס לאַנד איז נאָך נית אין גאַנצען נאַציאָנאַליזירט, נאָר אויך נית דאָס פאָלק... אונזער נאַציאָנאַלע מחנה איז נאָך דערווייל אויך נית מעהר ווי בכורים. דער שטח פון טעהטיגקייט אויף די צוויי געביטען פון נאַציאָנאַליזירען דאָס פאָלק און דאָס לאַנד איז נאָך זעהר גרויס און פאָדערט נאָך היבש אָנשטרענגונג.

און ווייל מיר האַלטען נאָך ביי די פרשה פון בכורים דאַרפען מיר דעריבער זיך טאַקע פאַרטיפען אין דיעזען קאַפּיטעל און שטודירען אַלע זיינע דעטאַלען כדי צו וויסען ווי אָנצוגעהן מיט אונזער ארבייט, ווי וויים מיר פאָלגען נאָך די בכורים געזעצען און וועלכע אויסבעסערונגען און תקונים דאַרפען נאָך אַריינגעבראַכט ווערען אין אונזער סדר העבודה.

איך גלויב אַז דער בעסטער פּראָגראַמאַטישער-טעקסט אין דיעזען באַצוג קען פאַר אונז זיין די אָבהאַנדלונג פון די פרשת בכורים ווי זי ווערט אונז איבערגעגעבען אין די מעהרערע משנה׳ס פון מסכת בכורים.

דאָרטען געפינען מיר ביידע חלקים וואָס איז פאַר אונז נויטיג, דעם חלק וואָס איז שוין דאָ אין אונזער לעבעדיגער פרשת בכורים און דעם חלק וואָס דאַרף זיין און איז נאָך ליידער ניטאָ.

כדאי זיך אָבצושטעלען פריהער אויף דאָס ערשטע.

א גייסטרייכע בילד ווערט געמאָלען אין דער משנה ווי אזוי די שעהנע פראָצעסיע פון בכורים איז פאָרגעקומען אין יענער גאָלדערנער עפּאָכע. צווישען אנדערעס ווערט דער־ציילט (בכורים פרק ג) אז דער גרויסער בכורים־צוג וואָס האָט זיך געצויגען אין דער שטאָט פון דעם "ראש המעמד", דאָרט וואו זיי פלעגען זיך אַלע צוזאַמענקלייבען, פלעגט מען בלייבען נעכטיגען אין גאַס און צו מאָרגענס נאָכדעם ווי זיי האָבען געהערט דעם רוף פון דעם "ממונה" — "קומו ונעלה ציון", האָט זיך דער אייגהייטליכער מארשרוט אָנגעפאַנגען אונטער די הערליכע טענער פון דעם מוזיקאלישען אינסטרומענט חליל און די ריעזיגע מאַסע האָט אזוי מארשירט ביז זי איז געקומען אין ירושלים, וואו עס האָט זיי ערוואַרטעט אַ שעהנער קבלת פנים אין וועלכען עס האָבען זיך באַטייליגט אַלע קלאַסען פון די "פחות", "סגנים" און "גזברים" ביז די פשוט'ע ארבייטער, די "בעלי אומניות שבירושלים" וועלכע האָבען זיי אויפגענומען מיט אַן עקסטאַזנעם "באתם לשלום".

געוויסע שטעלען אין דאָס ציטירטע, איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער לעבעדיגער בכורים־פראָצעסיע אין געשטאַלט פון די אידישע יונגע פיאָנערען אָדער ווי זיי זיינען בעסער באוואוסט מיט'ן נאָמען "חלוצים", וועלכע זיינען זיכער ווערט באַצייכענט צו ווערען אַלס אונזערע "בכורי העם". אָט די חלוצים־פראָצעסיע וואָס ציהט זיך פאַר דעם לעצטען צעהנדליג יאָהר פון די פארשידענע גלות לענדער אונטער די קאָמאַנדע פון דער ציוניסטישער לייטונג, זיינען ביי זייער אָנקומען אין ארץ ישראל אויך מקיים דעם

"ולנין ברחובה של עיר". זיי ווארטען ניט מיט זייער קומען ביז מען זאל אין פאראויס פאר זיי האבען צוגעגרייט האָ־טעלען און גאסט הייזער כדי זיי זאלען האבען וואו דעם קאפ אנידער צו לייגען און זאלען זיך קענען פיהלען בעקוועם... זיי קומען לכתחילה מיט דעם געדאנק אז זיי וועלען דארפען ליידען און זיינען גרייט דערצו. זיי ווייסען אז אלס "בכורים" אדער אלס חלוצים איז זייער אויפגאבע ערשט צו שאפען די נויטיגע בעקוועמליכקייטען אין לאנד. פאר זיי אליין איז רעכט אויפצושטעלען וועלכע עס איז כלומר'שטע געצעלטען אין מיטען גאס אדער אין פעלד און דארטען געפינען זייערע נאכט געלעגערס. בכורים — ווייסען זיי — ווערט אין דער תורה אויך באצייכענט אלס "קרבנות" און זיי זיינען דערי־בער גרייט צו ברייגגען די דאזיגע קרבנות.

אבער וואס עס איז נאך מעהר כאראקטעריסטיש איז, דאס וואס ביי זיי ווערט אויך אנגעווענדעט דער צוויי־טער פונקט פון "החליל מכה לפניהם" און דאס פארדינט א גאנץ באזונדער אויפמערקזאמקייט. עס איז קיין חדוש ניט וואס דעמאלט אין די גאלדערנע צייטען פון דער ביבלישער בכורים עפאכע, ווען די בכורים-ברייגגער זיינען שוין געווען געסעטעלטע לאנד באזיצער, "איש תחת גפנו ותחת תאנתו" און האבען געבראכט זייערע בכורים "מתוך נחת והרחבה", אז דעמאלט האבען זיי זיך געקענט פארגינען דעם פארגעניגען צו ברייגגען די בכורים אונטער די טענער פון געזאנג. עס איז אבער יא א חדוש אז אונזערע היינטיגע "מביאי בכורים" וועלכע מארשירען מיט ליידיגע קארבס און ברייגגען בלויז די צעהן פינגער מיט די געאיבטע ארבייטס פעהיגע מוסקלען

אלם בכורים פאַר זייער לאַנד, און די מעהרסטע פון זיי בריינ־גען נאָך, אויסער ליידיגע קארבס, אויך ליידיגע מאָגענס... אַז ז י י קענען נאָך מאַרשירען מיט געזאַנג — דאָס איז ווירקליך איינע פון די גרעסטע וואונדער וואָס מען קען עס אין ערגעץ ניט זעהן אויסער אין ארץ־ישראל.

און ווער עס האָט ניט געזעהן און געהערט די שירת א״י, דער ווייסט גאָר ניט וואָס שירה הייסט, איבערהויפּט די חלוצים־שירה וואָס איז דער שיר־השירים פון דער גאַנצער שירת הארץ. ווי שוועמלאָך שפּראָצען זיי אויס יעדער פריה־מאָרגען, די דאָזיגע לידער, אַ ליעד פאַר יעדער געשעהעניש, פון לייד און פון פרייד, פון הונגער און פון זעט, דראַמאַטישע און סאַטירישע; האָקט מען שטיינער איז געזונגען, טריקענט מען זומפּען — געזונגען, געמאָלקען אַ קוה, געזונגען, פאַר־יאָגט אַן איבערפאַלענדע מחנה פון אַראַבער איז דאָך אודאי און אודאי געזונגען. און אַזוי זינגט זיך עס אויף יעדער טריט און שריט. עס איז די לאַנד פון שירה....

פּסיכאָלאָגיש ערקלעהרט זיך עס גאַנץ איינפאַך. עס מאַכט ניט אויס וואָס די מאָס פון עררייכונגען אין אונזער אַזוי גערופענער אידישער א״י איז נאָך פאָרלויפיג אַ באַשרענקטע און ביז אַ געוויסע מדרגה אויך אַן אונבאַדייטענדע, דערפאַר אָבער איז דאָך דאָס ביסעל וואָס איז שוין יאָ עררייכט געוואָ־רען אייגענס און ניט פרעמדס און ס׳איז דאָך שוין אַן אַלטער פעסטגעשטעלטער כלל אַז ״אדם רוצה בקב שלו יותר מתשעה קבין של חבירו״. מיינער איינער איז בעסער ווי יענעמס צעהן...

אַט טאַקע ביי בכורים זאָגט די משנה: "כיצד מפרישים בכורים, יורד אדם בתוך שדהו ורואה תאנה שבכרה, אשכול שבכר"... און דער ר"ע מברטנורא קאָמענטירט דאַ־רויף: "ואפילו לא נגמר הפרי". הייסט עס אַלזאָ אַז קוים האַלט עס ביי אייגענע בכורים דאַרף מען ניט וואַרטען ביז "נגמר הפרי", עס זאָל שוין זיין פ א ר ט י ג... זאָל זיין אַן אָנהויב בלויז פאַרדינט עס שוין אויך די גרויסע שמחה ווייל עס איז דאָך "לתוך ש ד ה ו", ז י י ן פעלד, נישט קיין פרעמדם.

אונזערע חלוצים־בכורים וועלכע געהרען אגב, צו דער אינטיליגענציע פון אונזער יוגענט, זיינען גוט דורכגע־דרונגען מיט דעם גאַנצען מצב פון לאַנד סיי עקאָנאָמיש און סיי פּאָליטיש און ווייסען גאַנץ גוט אַז אין אַלע פעלע און אויף אַלע געביטען זיינען מיר נאָך ווייט פון האָבען ערדרייכט דעם ציעל. אין אַלץ און אין אַלעם איז עס בלויז בכורים. פּאָ־ליטישע בכורים, קאָלאָניזאַטאָרישע בכורים, אינדוסטריעלע בכורים און אפילו וואָס אָנבעלאַנגט קולטור איז עס נאָך אויך ניט מעהר ווי בכורים. אָבער טאַקע ווייל עס איז בכורים מעג זיין, לויט דער דערמאָנטער משנה, "אפילו לא נגמר הפרי". דער נאָמען בכורים אַליין צייגט דאָך אַז מען פאַרקעהרט דאָ בלויז מיט די "ערשטע", מיט'ן אָנפאַנג, און פון דעסטוועגען לוינט זיך צו זינגען...

מען מוז אויך צוגעבען אַז וואָס אָנבעלאַנגט דעם דריטען פּונקט פון "הפחות, הסגנים והגזברים יוצאים לקראתם", ווערט עס אויך אָנגעווענדעט אין אונזער בכורים לאַגער. און וואָלטען די דאָזיגע לייטענדע פיהרער פון דער ציון גוואַרדיע ניט אַרויסגעקומען אַנטקעגען מיט זייער פּאָלי־

טישע און מאטעריעלע הילף. וואלטען זיי, די ציון פיהרער, ניט אויסגעווירקט פאליטיש צו באקומען פון דער א"י רעגי־רונג די נויטיגע צאהל סערטיפיקאטען אויף מאכען מעגליך די איינוואנדערונג פון די חלוצים אין לאנד, און וואלטען זיי פון דער צווייטער זייט ניט געשטאנען גרייט מיט די פאנדען פון "קרן היסוד" און "קרן קימת" צו פינאנסירען די חלוצים אימיגראציע, דאן וואלט דאך די גאנצע חלוצי'שע עליה אדער, ווי מיר רופען עס, די "בכורים פראצעסיע" ניט געקענט צושטאנד קומען. מיר וואלטען אבער אויך ניט זיין קארעקט ווען, אבשטעלענדיג זיך אויף די דערמאהנטע בכורים העלדען, זאלען מיר אין גאנצען אויסלאזען א צווייטען עלעמענט פון ישוב וועלכער דארף אויך געפינען זיין פלאץ אין דעם בכורים לאגער. עס איז יענער עלעמענט וואס אין דער משנה ווערט ער באצייכענט צווישען די רייכע, די עשירים, און אויף וועמען די משנה דערציילט: "העשירים מביאין בכוריהם בקלתות של כסף ושל זהב". אויך צווישען אונזערע מביאי בכורים זיינען פאראן פון דעם מין וועלכע קומען אין א"י מיט באדייטענדען קאפיטאל און אינוועסטען היבש געלט אין פארשידענע אינדוסטריעלע און אגריקדלטורעלע אונטערנעמונגען ; בויען הייזער, פלאנצען פרדסים, עפענען פאבריקען און קאאפערירען אויף אזא אופן אינדירעקט מיט דער גאנצער ציוניסטישער ארבייט, און הלואי וואלט דער מין חלוצים אדער בכורים־לייט געווען פארטראטען אין א גרעסערער צאהל, וואלטען אונזערע בכורים אביסעל שעהנער אויסגעקוקט. אבער אליץ די זעלבע זאך, ביי בכורים דארף מען מיט אביסעלע אויך צו־פרידען זיין און זאגאר זיך אונטער זינגען . . .

* * *

דאָס איז אָבער, ווי געזאָגט, וואָס איז שוין דאָ.
מ׳דאַרף זיך אָבער אויך אָבשטעלען אויף דעם וואָס דאַרף ערשט זיין, עס הייסט, אויף דעם חלק פון דער בכורים־פּראָג־ראַמע וועלכער ווערט נאָך ליידער ניט דורכגעפיהרט אין פולער אָנקלאַנג מיט די אינסטרוקציעס פון דער משנה.

פאַראַן צוויי עקסטרעמע שטרעמונגען אין דער מחנה ישראל און יעדערער פון זיי רופט אַרויס געוויסע קריטיק אין באַצוג צו זייערע האַנדלונגען. פאַראַן די עקסטרעמע נאַציאָנאַליסטען וועלכע זיינען שטאַרק ׳אינספּירירט פון דעם בכורים גייסט און ברייינגען טאקע די דאזיגע בכורים מיט דער גרעסטער שמחה פון זייערע ענטוזיאַזטישע נשמות, אָבער פאַרגעסען דערביי אַז בכורים האָט אַ גרויסע שייכות און שטאַרקע פאַרבינדונג מיט דעם ״חג העצרת״ וואָס איז דער יום־טוב פון מתן תורה. פון זייער שטאַנדפּונקט איז רעכט אָבצוטהיילען ״בכורים״ פון ״עצרת״ און אויסבויען אַ בכורים־ארץ ישראל מיט אַלע אַגריקולטערעלע פינקטליכקייטען און דערביי זיך ניט קימערען אויב עס בויעט זיך ניט אין גייסט פון דער תורה. דער משנה־פּלאַן פאַר דעם בנין א״י איז אָבער ניט אַזוי. די משנה זאָגט: ״אין מביאין בכורים קודם לעצרת״ . . . בכורים וואָס רעפּרעזענטירט די אַגריקולטערעלע זייט פון דעם בנין לארץ, טאָר קיינמאָהל ניט קומען אַהן דער קולטורעלער זייט. בכורים קען קיינמאָהל ניט קומען פריהער פאַר עצרת. פריהער און אין דער ערשטער רייהע מוז קומען עצרת, די תורה, און נאָכהער בכורים...

עס מאַכט גאָר ניט אויס וואָס מיר לעבען היינט אין אַ נייע צייט, מיט נייע לעבענס באַגריפען און פאָרגעשריטענע פראָגרעסיווע השגות. צו דער תורה האָט עס ניט. דער מענשליכער חלק מעג זיך פראָגרעסירען און אָננעהמען נייע מעטאָדען וויפיל עס ווילט זיך, אָבער אַ תנאי קודם למעשה מוז זיין אַז דער חלק וואָס געהר צו דער געטליכקייט טאָר באין אופן ניט פארקוקט ווערען אפילו ווען מען איז פאַרטאָן אין די בכורים. נאָר דאַן ווען מען האָט שוין געבראַכט די "שתי הלחם", דעם געטליכען מזבח חלק, ערשט דאַן איז מותר געוואָרען די "חדש" אין מקדש... קיין שום חדש. קיין נייע זאַך וואָס שמעקט מיט פראָגרעס קען ניט ערלויבט ווערען אויב פריהער פאַר אַלץ ווערט ניט אויפגעפּאַסט אויף דעם חלק מזבח, אויף דעם חלק ה' און חלק התורה...

איז אָבער אויך פאַראַן דער צווייטער עקסטרעם וועלכע פרעטענדירען צו זיין די "אויבערשטע פון שטויסעל" פון טראַדיציאָנעלער אידישקייט און זעהענדיג אַז צווישען די מביאי בכורים פון דער נייער נאַציאָנאַלער עפּאָכע, זיינען פאַראַן אַ סך פון דעם פריהער דערמאָנטען סאָרט וועלכע האַנדלען ניט אין גייסט פון דער תורה, ווילען זיי זיך דעריבער אין גאַנצען אָבטהיילען פון זיי און מאַכען שבת פאַר זיך, ווילען זיך ברייגען אייגענע בכורים, אינדיווידועלע, ניט אין איינעם מיט דעם גאַנצען צבור.

אויך דער עקסטרעמער עלעמענט פאַרגעסט אָבער די אויבענדערמאָנטע משנה אין איהר פשוט'ן פשט וועלכע באַציהט זיך אויף יחידים אָדער קבוצות וואָס ווילען ברייגען בכורים ניט צוזאַמען מיט'ן צבור וועמעס בכורים

ווערען געבראכט אין עצרת, לאזט מען זיי ניט. און די משנה דערציילט טאקע אז די "אנשי הר צבועים" האבען געבראכט זייערע בכורים בעפאר עצרת און מ'האט עס ביי זיי ניט צו־גענומען. און אפשר איז טאקע דער נאמען "אנשי הר צבועים" אין אט דעם פאל עטוואס סימבאליש, ווייל די וואס קומען מיט אזא טענה פון פרומקייט אז ווייל עס זיינען פאראן "פרייע" אידען, טאר מען מיט זיי אונטער איין דאך ניט שטעהן און מיט זיי צוזאמען קיין בכורים ניט ברייננען, איז עס אפשר אביסעל צביעות'דיג... פאארן אביסעל היפאקריסטוועשער עגאאיזם דערביי, און זיינען א "שני בשני" מיט יענע "אנשי צבועים"...

ניט דאס איז דער וועג. "עצרת", אין פשוט'ן פשט מיינט "פארזאמלונג". בכורים דארף אלזא געבראכט ווערען אין עצרת. דאס גאנצע פאלק פארזאמעלט ארגאניזאטאריש, דארף ארבייטען האנט און האנט פאר דעם הבאת הבכורים, און די וועלכע ווילען עס טהאן באזונדער הייסט עס געבראכט בכורים ניט אין עצרת, און דאס טאר מען נישט. די משנה פראטעסטירט געגען דעם.

מען טאר קיינעם ניט איגנארירען, קיינעם ניט מרחק זיין, מען דארף אדרבה שטעהן צוזאמען אין איין לאגער און פון אינווייניג משפיע זיין...

ביידע עקסטרעמע ריכטונגען האבען דעריבער פיעל צו לערנען פון דער משנת־בכורים, און בלויז דאן וועט דער משנה פלאן וועט פולשטענדיג דורכגעפיהרט ווערען און צו דעם טהייל וואס איז שוין דא זאל אויך צוגעלייגט ווע־

רען דער טהייל וואס דארף זיין, בלויז דאן וועט אונזער פרשת בכורים זיך אויך קענען אנפאנגען מיט "והיה" כי תבא, דער טערמין וואס, לויט חז"ל, באצייכענט אן אויסדרוק פון שמחה.

ליזכור*)

איז עס א מנהג ישראל אז מ'שיקט ארוים צו יזכור די קינ־דער (וועלכע האבען טאַטע־מאמע) פון שוהל. מאַהנט דער דאָ־זיגער מנהג אן ערקלעהרונג פאר זיך, ווארום וואס וואלט עס חלילה געקענט שאדען ווען די קינדער וואלטען אויך פארבליבען אין שוהל אין דער צייט ווען זייערע עלטערען דערמאַהנען די נשמות פון זייערע פארשטאָרבענע זיידעס און באבעס?

זיינען אבער פאראנען פיעלע זאכען וואס בלייבען פאר א געוויסער צייט אומפארשטענדליך ביז א געוויסער צופאל אין לע־בען מאכט עס אויפגעקלעהרט און פארשטענדליך. אזוי איז עס אויך געווען דער פאל מיט דעם דאָזיגען יזכור־מנהג אויף וועל־כען איינער פון די גדולי הדרשנים פון א פריהערדיגען דור האָט געוואָרפען א ליכט דורך אזא מין צופאל וואס ער האָט בייגע־וואוינט אָדער וואס זיין פאנטאזיע האָט אויסגעשפינט אלס אי־לוסטראציע צו דיעזען ערהאבענעם מנהג.

ער דערצעהלט:

„איך האָב אמאָהל באזוכט מיינעם א פריינד ביי זיך אין הויז וואו מיר האבען זעהר אינטים פארבראכט און געמיטליך באשפראכען פארשידענע צייט פראגען, ווען אין מיטען גע־

---

*) הדרשה הזאת איננה כולה שלי. הרבה גרעינים יש בה הלקוחים ממקורות אחרים, ואך מפני חשיבותה קבעתי לה מקום בספרי זה, ואסתפק לזקוף לזכותי את העבוד ואת ההוספות שהכנסתי. — המחבר.

שפּרעך באמערק איך פלוצלונג ווי מיין פריינד וואַרפט דורכ׳ן פענסטער א בליק צום גאס און מאָמענטאל ווערט זיין געזיכט ווי מיט א מעלאנכאָלישע הויט איבערגעצויגען, און גלייך נאָכ־דעם רופט ער צו זיינע דריי יונגע קינדער וועלכע האבען זיך גע־שפּילט אין זעלבען צימער, אנבאטענדיג יעדערען פון זיי א באַ־זונדער מיסיאָן און אזוי ארום זיי אלע משלח געווען פון הויז.

מיר איז די זאך אויפפאלענד געוואָרען און אויף מיין פראגע וואָס דאס באדייט, האָט מיר מיין פריינט געענטפערט אז אלעס וועט מיר באלד קלאָהר ווערען.

אין עטליכע מינוט ארום קומען אריין אין שטוב צוויי אַל־טיטשקע, א מאן מיט א פרוי,ביידע מיט פארזאָרגטע פאר־קנייטשטע פנים׳ער; מיין פריינד הויבט זיך גלייך אויף פון פלאַץ, רייבט ווארעם די הענט פון די זקנים, וועלכע זיינען טאקע געווען, ווי כ׳האָב זיך באלד איבערצייגט, זיינע טאַטע מאַמע, העלפט זיי זיך אוועקזעצען און יענע גיסען פאר איהם אויס זייער ביטער הארץ, שילדערענדיג זייער שרעקליכען מצב און ארמוט; זיי זיינען אָרעם און קראנק, ניטאָ אין הויז קיין ביסעל האָלץ, קיין ליכט, קיין געקעכץ און האלטען ח״ו ביים אויס־צאנקען. פארשטעהט זיך אז זיי זיינען געקומען בעטען הילף ביי זייער געטרייען קינד.

דער זוהן נעהמט ארוים עטליכע קליינע מטבעות און מיט א טיעפען זיפץ פון הארצען גיט ער עס איבער דעם אלטען טאַטען מאכענדיג דערביי די פאלגענדע באמערקונג:

„אָה, ליעבער פאָטער, ס׳איז איבריג צו באטאָנען ווי דיין שרעקליכע לאגע פרעסט שמערצליך אויף מיין הארצען און

וואָלט איך אימשטאנד געווען דיר צו העלפען וואלט עס געווען מיין העכסטער גליק, ליידער איז מיין לאגע ניט קיין סך בעסער פון דיינע. איך טהייל זיך מיט אייך, ליעבע עלטערען, מיט די עטליכע אָרעמע מטבעות און איך מוז איבערלאָזען דאס איבערי־גע פאר גאָט אין הימעל ער זאל אייך העלפען".

די אלטיטשקע האָבען מיט א געבראָכענעם געמיט פארלאָ־זען די הויז, ווען מיין פריינד ווענדעט זיך צו מיר און זאָגט: „איצט, פריינד, איז דיר שוין קלאָהר געוואָרען פאר וואס כ'האָב די קינדער פון הויז ארויסגעשיקט. א מענש ווייסט דאך ניט וואס זיין אייגענער גורל וועט אויספאלען צו זיינע עלטערע יאהר־ען, אפשר וועל איך חלילה אויך זיין דעמאלט אין אזא לאגע אז כ'וועל דארפען אָנקומען צו מיינע קינדער, ווילט זיך דעריבער ניט אז מיינע קינדער זאלען שוין האבען אן אויסגעטראָטענעם וועג און זאלען געבען זייער טאַטען דעם זעלבען ענטפער וואס ער, דער טאַטע, האָט געגעבען זיין טאַטען, אָט דערפאר האב איך זיי משלח געווען כדי זיי זאלען ניט הערען וואס צווישען אונז איז פאָרגעקומען...

* * *

אין דעם אלטעגליכען „ברכת המזון" איז פאראן א זאץ וואס דריקט אויס דעם וואונש ניט אָנצוקומען צו קיין מענשליכע הילף אין עקאָנאָמישען לעבען. די תפלה לויטעט: „ונא אל תצריכנו ה' אלקינו לא לידי מתנת ב ש ר ו ד ם". דער אויסדרוק פון „בשר ודם" אנשטאט „מתנת אדם", אדער „מתנת איש", ווערט פון אנדערע אויסגעטייטשט אז דאָ ווערט שטארק באטאָנט דער וואונש פון ניט אָנקומען זאגאר צו אייגענע „פלייש און בלוט", צו אייגענע קינדער, ווייל ס'איז דאָך שוין אן אלט באקאנטער

וואָרט אז „איין טאטע קען אויסהאלטען גאנצע צעהן קינדער, און צעהן קינדער איז שווער אויסצוהאלטען אפילו איין טאַטען"...

האָט אבער דיעזער וואונש א בארעכטיגונג בלויז ביים מענשענס לעבען ווען עס האנדעלט זיך אין מאטעריעלע הילף, דאָ קען מעגליך זיין, אז מ'זאָל אליין זיין פארזאָרגט און זיך נים נויטיגען אין די קינדער'ס שטיצע, און דערפאר בעט מען ביי גאָט אַז אזוי זאל עס טאקע זיין. אנדערש איז עס אבער ווען עס האנדעלט זיך וועגען דער צייט פון נאָכ'ן מענשענס לעבען, אין דעם צווייטען עקזיסטענץ פון לאחר מאה שנה, אויב מען וויל דערמאָלט אויך אָנהאלטען דעם עקזיסטענץ, מען וויל בלייבען אונשטערבליך, מוז מען שוין אומבאדינגט אָנקומען צו קינדער. דער באטרעפענדער אליין איז שוין דעמאָלט גאָר נים אימשטאַנד צו טהאָן אזעלכעם וואס זאל אויפהאלטען זיין עקזיסטענץ, ס'איז שוין דעמאָלט „במתים חפשי — כיון שמת נעשה חפשי מן המצות"... די איינציגע וועלכע זיינען אימשטאנד צו לייסטען פאר דער אויפהאלטונג פון דעם צווייטען עקזיסטענץ, פאר דער אונשטערבליכקייט, זיינען נאָר זיינע לעבעדיגע קינדער. זיי, די קינדער, קענען מאכען די עלטערען אומשטערבליך ווען זיי פיהרען זיך נאָר אין גוטען וועג און קאפירען דעם לעבען פון טאַטע־מאמע, דעמאלט לעבט דאך אין דעם זוהן א חלק טאַטע...

אָט דאָס איז דאָך אייגענטליך די כונה פון דעם „למען יאריכון ימיך" וואס אונזער תורה שטעלט עס צו אלס באלוינונג פאר דער מצות פון כבוד אב ואם. עס איז נאָך אונזער מיינונג נים בלויז א צוגעזאָגטער שכר פאר דער חשוב'ער מצוה, זאָנדערן אויך א דירעקטער און אָטאָמאטישער רעזולטאַט פון

דער דאָזיגער מצוה, ווייל דאָרטען וואו מען איז מקיים דעם כבד את אביך ואת אמך ביי האלטען הייליג זייערע טראַדיציעס איז עס דאָך במילא א פאָרטזעצונג פון זייער עקזיסטענץ און א „סופאָרט" צו זייער אונשטערבליכקייט און דאס איז די אריכות ימים, ווי אונזערע חז"ל דריקען זיך אוים ביי יעקב אבינו: „מה זרעו בחיים אף הוא בחיים", דורך דעם „זרעו בחיים" ווערט עס ממילא „אף הוא בחיים", און דאס איז דער סוד פון „ברא מזכי אבא"...

זיינען דאָך אבער לײדער ניט אלע „ברא'ס" אזעלכע וואס קענען מזכה זיין די „אבא'ס" ווייל ניט אלע קינדער פאָרטזעצען דאָך דעם טאַטענס לעבען מיט זיינע טראַדיציעס. אין א ז א פאַל, אז די נשמות פון די עלטערען קומען בעטען די „שטיצע" פון זייערע קינדער פאר'ן „צווייטען עקזיסטענץ", און די לעצטע זיינען נעבאך אליין אָרעם און קענען זיי נעבאך ניט פיעל העלפען, הערען מיר פון די קינדער דעם זעלבען ענטפער וואס דער דערמאָהנטער זוהן פון אונזער געשיכטע האָט געענטפערט זיינע עלטערען, נעמליך:

יזכור א ל ק י ם את נשמת אבי-אמי! זאָל אייך גאָט העלפען, איך אליין קען אייך נאָר מיט א קליינינקייט באהילפיג זיין — בעבור שאני נודר לצדקה!...

און לײדער זיינען זיי היבש אין צאָהל די דאָזיגע אָרעמע קינדער וואס בלויז די שוואכע „יזכור" פעדים בינדען זיי צו צום אידישקייט און מוזען זיך פטר'ן מיט די קליינע מטבע פונ'ם „בעבור שאני נודר"...

ווילט זיך דאָך אבער ניט דערמיט אויסטרעטען א וועג פאר זייערע אייגענע קינדער, די יורשים פון די „יזכור טאַטעס", אז

אויך זיי זאלען מיט דער יזכור-ירושה אב׳פטר׳ן זייער חוב צו זייערע טאטעס, שיקט מען זיי דערפאר ארוים פון שוהל אום זיי זאלען ניט הערען וואס דא קומט פאר, ווי עס האט געטהאן דער העלד פון אונזער געשיכטע...

* * *

ליגט אבער דא גופא דער טעות. ווייל אויב מען וויל ווירקליך אז די קינדער זאלען ניט צאהלען דעם טאטען מיט בלאסע יזכור-טשעקס, אויב מען וויל ווירקליך אז די קינדער זאלען זיין רייכער פאר די יזכור-טאטעס און באזיצען א רייכערען גייסטיגען קאפיטאל, איז ניט די עצה דערצו ארויסצושיקען די קינדער פון שוהל, נאר אדרבה, אריינ-נעהמען די קינדער אין שוהל, זיי געבען א ריכטיגע ערציהונג אז זיי זאלען בלייבען שוהל אידען פון א גאנץ יאהר, אויפפאסען אז די קינדער זאלען געהן אין חדר, אין תלמוד תורה און ישיבה און קריגען די ריכטיגע מאס אידישע בילדונג. דאן וועט מען קענען פון זיי ערווארטען פיעל מעהר „שטיצע" איבער הונדערט יאהר... און זאל טאקע אגב דער „בעבור שאני נודר לצדקה" אויסגענוצט ווערען פאר׳ן ריכטיגען צוועק, אויפ-צוהאלטען מיט די דאזיגע צדקה אונזערע חנוך אינסטיטוציעס כדי זיי זאלען האבען מעהר פלאץ אריינצונעהמען די אידישע קינדער און זיי ערציהען צו זיין ריכטיגע אידען, „זרע ברך ה׳ שתולים בבית ה׳, בחצרות אלקינו יפריחו".

אט דאס איז די לעקציע וואס מיר האבען צו לערנען פון אונזער „יזכור מעסעדזש"!...

יזכור

(לאחרון של פסח)

מה נשתנה !

אין אזא יום טוב, רבותי, וואו דער "מה נשתנה" פארנעהמט דעם אויבענאן, האלט איך עס פאר פאסענד דערמיט אנצופאנגען די יזכור-דרשה, ווייל באטראכטענדיג דעם אונטער-שיעד פון די דאזיגע יזכור תפלה ווי זי ווערט דורכגעפיהרט אין דער אלטער היים און ווי זי ווערט דורכגעפיהרט דא אין אמעריקא און אין די אנדערע לענדער פון אידישע איינוואנ-דערונג, קומט ניט ווילענדיג ארויף אויפ'ן געדאנק די דאזיגע קשיא פון מה נשתנה.

א מאדנע זאנדערבארע בילד: אין דער אלטער היים פלעגען די בתי מדרשים און שוהלען זיין געפאקט מיט אידען אין אלע טעג פון א גאנץ יאהר, ניט בלויז אין די שבתים און ימים טובים זאנדערן אויך אין די וואכעדיגע טעג, אין די פריה-מארגענס אזוי גוט ווי אין די מנחה-מעריב'ס. די שוהל און דער בית המדרש זיינען געווען די צענטערען פון קדושה ארום וועלכע עס האבען זיך קאנצענטרירט די זיידעס, די טאטעס און די אייניקלאך. דארט איז געווען די "היימליכקייט" און אלע ווינקלאך פון שוהל אדער בית המדרש האבען געאטעמט ניט בלויז מיט קדושה נאר אויך מיט לעבען; דער קרעמער, דער פאבריקאנט, דער בעל מלאכה און דער מלמד, אלע האבען

געפונען אין שוהל דעם פּלאַץ פון זייערע דאָפּעלע מנוחה, מנוחת הגוף און מנוחת הנפש; האָט מען געוואָלט פאַר א ווײַלע פאַרגעסן די טראַבעלס פון לעבען, די "שלעכטע געשעפטען" די מאַנאטאנישע אומעדיגקייט אין לאַנגווײַליגקייט פון דעם אַלטעגליכען לעבען, איז מען געגאַנגען אין שוהל אריין, דאָרט, אין שוהל, איז געוואָרען לעבעדיג, פרעהליך, דאָרט איז פאַרשוואונדען די מרה שחורה, די מעלאַנכאָליע און דאָרט האָט מען געפונען די ריכטיגע שטימונג.

בלויז געצעהלטע מאָמענטען אין געוויסע טעג פון יאָהר זיינען געווען ווען די שוהל איז פּלוצלונג געבליבען האַלב ליידיג, פאַרשוואונדען די פרעהליכקייט און געוואָרען פאַר'יתום'ט. די דאָזיגע מאָמענטען זיינען עס געווען אין צייט פון "יזכור" ווען דער גרעסטער טהייל פון דאָס יונגוואַרג האָבען ווי דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזען די שוהל, האָבען ארומשפּאַצירט אין "פּאַלוש" און אויף'ן שוהל הויף און אין שוהל זיינען בלויז געבליבען די אַלטע אידען און אידענעס מיט פאַרוויינטע אויגען און מעלאַנכאָלישע פּנים'ער וועלכע האָבען זיך געטוליעט צו זייערע מחזורים און סידורים און זיי פייכטגעמאַכט מיט די געזאַלצענע טרעהרען.

אַזוי איז געווען אין דער אַלטער היים.

דאָ אין אמעריקא אָבער איז אַ פאַרקערטע בילד: אַ גאַנץ יאָהר זיינען די שוהלען דריי פערטעל ליידיג, ניט נאָר אין די וואָכעדיגע טעג זאָנדערן אויך אין די שבתות וימים טובים, אין די שוהלען און בתי מדרשים הערשט אַן אומעדיגקייט, ניטאָ קיין לעבען, זיינען נעבאַך פאַר'יתום'ט און כמעט

ניטאַ קיין "מנין" וואָס זאָל קענען ענטפערען אמן יהא שמיה רבא אויף די קדישים ווייל דער גרעסטער טהייל פון צבור זיינען אליין די קדיש זאָגערס, און בלויז אין די געצעהלטע מאָמענטען פון "יזכור" "לעבט" די שוהל אויף, די ענגשאַפט איז אזוי ווי אין ראש השנה ויום כפור און דאָס גאַנצע יונגוואַרג איז דאָ אין שוהל, דער פאַלוש און שוהל הויף זיינען גאַר די פאַר'יתום'טע...

און באַטראַכטענדיג די דאָזיגע בילד, פרעגט זיך, ווי געזאָגט, פון זיך אליין דער "מה נשתנה" — מה נשתנה די אַלטע היים פון דער נייער און מיט וואָס ערקלעהרט זיך דער דאָזיגער אונטערשיעד?

איז אָבער רבותי בנוהג שבעולם אַז די קשיא פון "מה נשתנה" ווערט געפרעגט פון זוהן צום טאַטען, עס איז דאָך דער "וכאן הבן שואל"... און וואָלט דאָ ביי דעם מה נשתנה אויך געווען דער טאַטע וועמען מ'זאָל קענען פרעגען, וואָלט דאָך דאָן ניט געווען וואָס צו פרעגען ווייל די גאַנצע יזכור-ענגשאַפט אין די אַמעריקאַנער שוהלען קומט דאָך נאָר דערפון וואָס קיין טאַטע איז ניט פאַראַן און זיינע יתומים קומען צו יזכור, וואָלט אָבער דער טאַטע יאָ געווען וואָלטען דאָך שוין די קינדער ניט געווען, עס וואָלט שוין קיין ענגשאַפט אויך ניט געווען און ממילא קיין מה נשתנה אויך ניט...

איז טאַקע אמת אַז די פראַגע פון מה-נשתנה אויף די יזכור מאָמענטען ווען די קינדער זיינען יאָ דאָ אין שוהל האָט קיין אָרט ניט, עס בלייבט דאָך אָבער אַלץ די קשיא אויף די טעג פון אַ גאַנץ יאָהר, ווען זיי זיינען ניט דאָ... ס'איז

ניט קיין מה נשתנה אויף'ן "יום הזה", ס'איז אבער א מה נשתנה אויף'ן "כל הימים"?

אבער אויך צו דעם מה נשתנה איז גילטיג דער טראדיציאנעלער תירוץ פון דעם "עבדים היינו".

עבדים היינו לפרעה במצרים!

און אט די עבדות פון די מאדערנע עבדים אין דער מאדערנער מצרים וואס רופט זיך אמריקא, די עבדות אין גוף און אין נפש, די שקלאפעריי צום מאטעריעלען דאלאר, צום "מאכען א לעבען", זי איז עס וואס רויבט אוועק די "מעגליכ-קייט" פון "אנקעל סעם'ס" בירגער צו באזוכען די שוהל זאגאר אין די שבתים און ימים טובים.

דאס איז אייגענטליך דער איינציגער ענטפער פון די אלע צו וועמען דער מה-נשתנה ווערט געפרעגט.

איז אבער דער תירוץ א צופרידענשטעלענדער? געוויס ניט! איז דאך דארטען וואו ס'איז פאראן דער "עבדים היינו" אויך פאראן דער "ויוציאנו ה' אלקינו"... די געטליכ-קייט, די "עבדות הרוחנית" דארף דאך אונז "ארויסנעהמען" פון די וואכעדיגע מאטעריעלע עבדות; מעג עס אפילו אנ-קומען ניט אזוי לייכט, ניט אזוי גרינג, ביים "ויוציאנו" אבער ווערט טאקע געזאגט: "ביד חזקה ובזרוע נטויה"... דארף מען עס טאקע טהאן מיט געוואלד, מיט א שטארקע האנט און שטארקען ווילען און דאן קען מען באזיגען אלע שוועריג-קייטען.

און דארט וואו ס'איז פאראן דער "ויוציאנו" א גאנץ יאהר, דארט איז דער "יזכור" ניט אזוי שטארק קענטיג אין

די געצעהלטע טעג פון יאהר, ווייל דארט וואו ס'איז דא א "ויוציאנו" דארט איז דא אן אנדער "יזכור", ניט קיין "טויטער" נאר א "לעבעדיגער":

למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך!...

און לײדער בלייבט דער מה נשתנה ניט פארענט־פערט, עס איז א "תיקו" אין זיין ראשי תיבות'דיגע באדייטונג — "תשבי יתרץ קושיא ואבעיא", דעמאלט ווען עס וועט פאר־ווירקליכט ווערען די לאזונג פון אליהו התשבי, די לאזונג פון "והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם", דעמאלט וועט די קשיא פון זיך אליין פארענטפערט ווערען, הײנט לײדער איז בלויז איינס פון די צוויי, ענטוועדער אבות אהן בנים אדער בנים אהן אבות. זיינען דא די אבות, לעבען זיי, דאן זיינען לײדער די בנים ניטא, ווייל זיי דארפען דאך ניט קומען צו יזכור, זיינען ווידער דא די בנים, מען זעהט זיי יא אין שוהל, איז עס דערפאר ווייל די אבות זיינען ניטא און די בנים קומען פראוועו יזכור...

למען תזכור!

אבער — "מי יביא לנו כפרתו, מי יביא לנו תמורתו", צום באדויערען ווערט אט דער "יזכור" גראדע פארגעסען... און גרוים איז דער ווערטאג און נאך גרעסער די שאנדע.

זאל אמווייניגסטענס אויפ'ן פלאץ פון "למען תזכור" קומען דער "למען תספר".

למען תספר באזני בנך ובן בנך!

זאָלען די יזכור אידען ווידמען זייערע נדבות פאַר דער אויפהאלטונג פון די בתי חנוך, תלמודי תורה און ישיבות, דאָרט וואו עס ווערט רעאליזירט דער "למען תספר באזני בנך ובן בנך", דאָרט וואו מען לערנט דעם "בנך ובן בנך" די צווייטע העלפט פון פסוק, דעם "וידעתם כי אני ה'"; זאָל דער דאָזיגער "למען תספר" דיענען אלס "תשובת המשקל" צום פאַרגעסענעם "למען תזכור" און זאָל דער "יזכור" פאַר די נשמות פון די פ א ר ש ט א ר ב ע נ ע ט א ט ע ס דיענען אלס מיטעל פאַר די נשמות פון די ל ע ב ע ד י ג ע ק י נ ד ע ר.

זאָל די יזכור תפלה וואָס איז געווידמעט פאַר די טויטע אליין ניט בלייבען טויט, זאָל עס ניט זיין אַ תפלת "כגוף בלי נשמה", אַ ליידיגער ראַם אָהן אַן אינהאַלט, זאָל מען איהר אַנקרוינען אַ "כתר חיים". לאָמיר בויען אויף איהר דעם בריק וואָס זאָל באַהעפטען די נשמות פון אַלטע טאַטען און יונגע זוהן, דעם עבר מיט דעם עתיד.

למען תזכור — למען תספר! ...

ליזכור (לשבועות)

יזכור מיט שבועות שיינט מיר צו האבען מעהר פערוואנד־שאפט ווי יזכור מיט אן אנדער יום־טוב. עפעס זעהט עס אויס ווי דיביידע זאכען זיינען גאר ניט קיין צוויי זאכען זאנדערן איין זאך. א דאנק דעם יזכור האבען מיר זוכה געווען צו קריגען דעם שבועות, דער יזכור איז א מין „טשארטער" (באניצענדיג זיך מיט לעגאלע טערמינען) אויף דעם דאזיגען יום־טוב.

ווייסען מיר דאך פון חז"ל, אז די תורה, איבער וועלכע דער גאנצער יו"ט ווערט געפייערט, איז אונז ניט אזוי לייכט אנגעקו־מען צו קריגען. עס זיינען געווען געגוג שטערער, הימלישע שטערער, וועלכע האבען ניט צוגעלאזען דערצו אז אידען זאלען קריגען א תורה.

ווערט דאך דערצעהלט אז ווען משה איז ארויף אויפ'ן הי־מעל, האט ער געדארפט דורכמאכען א הימלישע אינספעקציע. „וואס טהוט א ילוד אשה צווישען אונז" — האבען די מלאכים געפרעגט און אין דעם טאן איז געווען קענטיג אן אנטאגאניס־טישע באציהונג וועלכע איז באלד געקומען צום עפענטליכען אויסדרוק. ווען דער רבונו של עולם האט זיי געענטפערט „לקבל את התורה בא", דא האבען זיי גלייך געוויזען א ווידערשטאנד, ערקלעהרענדיג אז „חמדה גנוזה יש לך ואתה רוצה ליתנה ליד בשר ודם" און האבען די דאזיגע טענה באקליידעט מיט'ן בא־קאנטען תהלים־פסוק: „מה אנוש כי תזכרנו".

די אויסדריקע „ילוד אשה", „בשר ודם" און „אנוש" האבען שטארק בולט געמאכט זייער קריטיקס-מאָטיוו וועלכער איז באַגרינדעט אויפ'ן פאקט דאס די תורה איז א ה י מ ל י ש ע און פאַלגליך געהער זי צו דער הימלישער גווארדיע, צו די מלאכים, אבער ווי קען מען איהר אנפארטרויען צו מענשען-קינדער, ילודי אשה און בשר ודם?

דער פאקט איז דאָך אויך אז משה רבינו האָט דערין דערזעהן פאר זיך א שטארקע וואנט אזוי ווייט אז ער האָט מורא געהאט „פן ישרפוני בהבל פיהם"... און דער איינציגער אויסוועג פאר פראָטעקציע איז געווען די געטליכע עצה פון „אחוז בכסא כבודי והחזר להם תשובה".

איז טאקע אין דער דאָזיגער עצה געלעגען אן איבערוועגענדער ארגומענט אלס קאנטאר-אטאקע צו דעם מלאכים'שען אנגריף. דאָ איז געווען א סימבאָלישער וואונק אויף דער מענשליכער נשמה, וועלכע איז „חקוקה מתחת כ ס א ה כ ב ו ד" און זי, די נשמה, איז די גאראנטיע אז אויך דער „ילוד אשה", דער „אנוש" און דער „בשר ודם" איז אימשטאַנד צו נעהמען א תורה, ווייל אָט דער חלק מענש וואָס רופט זיך נשמה, איז דאָך שוין אויך הימליש און האָט שוין דעריבער א שייכות צו דער הימלישער תורה.

הייסט עס אלזאָ אז די „נשמה" האָט געדינט אלס „וויזא" פאר די תורה אז זי זאל קענען ארייִנקומען אין דער ערדישער וועלטעל. איז דאך, ווי געזאָגט, „יזכור" וואס דערמאָהנט די „נשמה", דער „טשארטער" אויף דעם שבועות יו"ט וואס איז דער יו"ט פון תורה.

מיר האבען מיט א באזונדער כונה זיך באנוצט מיט דעם „וויזא" טערמין כדי דאמים צו ווארפען א ליכט אויף אונזערע פליכטען און אבליגאציעס אין פארבינדונג מיט'ן קבלת התורה.

ווייסען מיר דאך אז איינע פון די הויפט סבות וואס האבען געשאפען די באגרענעצטע אימיגראציאָן אפילו אין אזא פון שטענדיג אָפענע לאנד פאר איינוואנדערונג ווי אמעריקא, איז געווען די ארבייטסלאָזיגקייט און דערפאר ליגט דאָך עד היום די גאנצע אימיגראציע קאָנטראָל אין די הענט פון דעם „לייבאָר דעפּארטמענט". די טענה איז אז דער אימיגראנט, דער איינוואנדערער, דארף צום אלעם ערשטען זיין באזאָרגט מיט אַרבייט אין זיין נייער היים כדי ניט צו פאלען צו לאסט אויף דער באפעלקערונג, דאס וואס מען רופט „פּאָבליק טשארדזש".

אָט דאס איז אויך געווען די הימלישע איינווענדונג געגען ערלויבען די תורה צו „אימיגרירען" אין דער ערדישער וועלט סיידען מ'זאָל פריהער פארזיכערען אז זי וועט דאָרטען, אין אונזער וועלט הייסט עס, ניט זיין „ארבייטסלאָז", זי וועט האָבען באשעפטיגונג ביי די מענשען-קינדער, און אָט די גאראַנטי האָט די נשמה געגעבען פאר איהר און א דאנק דעם האָט משה מנצח געווען און האָט געקראָגען פאר זיין תורה די נויטיגע וויזע...

טאָ איז דאָך דאָס אלץ גערעדט ווען מיר קומען נאָך די דאָזיגע אימיגראציע-רעגולאציעס, זאָל זיך אבער חלילה ארויסווייזען אז די תורה איז באמת אָהן באשעפטיגונג ביי אונז, אז זי דאַרף בלייבען שטעהן ווי פארשעהמט אין ארון הקדש, אדער אין דער תלמוד'ישער מליצה: „התורה מונחת בקרן זוית", וואָלט דאך עס הייסען אז מיר זיינען באגאנגען א פעלשונג, א זאך וואס לויט די שווערע אימיגראציע געזעצען שמעקט עס מיט „דעפּאָרטירונג", ווייל אין אזא פאל הייסט עס פשוט ארייַנגעשמוגעלט די תורה אויף א פאלשע „וויזע"...

קומט דערפאר דער „יזכור" אונז צו „דערמאהנען" דעם חלק „נשמה" מיט איהרע אבליגאציעס צו דער תורה.

איז טאקע דעריבער זעהר אם פלאץ דער מנהג וואס איז כמעט געווארען ווי א טראדיציע, אז די „יזכור אפיעלס" אין די אמעריקאנער שוהלען זיינען געווידמעט צו דער אויפהאלטונג פון די ערציהונגס אנשטאלטען, די תלמודי-תורה און ישיבות, ווייל זיי, די בתי חנוך, זיינען דאך אונזערע תורה פאבריקען וואו עס ווערט געשמידט די אידישע נשמה און אט די פאבריקען זיינען דאך די איינציגע וואו די תורה קען קריגען באשעפטי-גונג. זאל מען חלילה אויך דיעזע פאבריקען דארפען צושליסען אוים מאנגעל אין מיטלען אויפצוהאלטען זייער עקזיסטענץ, דאן איז דאך חלילה אוים מיט דער גאנצער תורה, ווייל צו זיין אויף קעסט ביי אונזערע אמעריקאנער אידישע בעלי בתים וועט עס זיין זעהר מאגערע קעסט...

די „תינוקת של בית רבן" זיינען דאך נאך דעמאלט ביי מתן תורה געווען די איינציגע גוטע „ערבים" וועמעס ערבות כביכול האט איינגעשטימט אנצונעהמען נאכדעם ווי פארשידענע אנ-דערע ערבים זיינען צוריקגעוויזען געווארען. קענטיג אז אין די „הבל פיהם" פון די תינוקת של בית רבן ליגט דער איינציגער ענטפער געגען דעם „הבל פיהם" פון די הימלישע מלאכים פאר וועלכען משה האט מורא געהאט „שמא ישרפוני"...

ס'פאראן א באקנטער שפרוכווארט וואס צירקולירט אין דער אידישער וועלט אין באצוג צו שבועות. שבועות, זאגט מען איז דער בעסטער יו"ט, ווייל וועהרענד פסח צום ביישפיל קען מען ניט עסען ו ו א ס מען וויל, און סוכות קען מען ניט

עסען ו ו א ו מען וויל, קען מען אבער שבועות עסען סיי ו ו אָ ס מען וויל און סיי ו ו א ו מען וויל.

איז טאקע דער דאָזיגער ווערטעל אויך גילטיג אין דער גייסטיגער אויפפאסונג פונ׳ם יו"ט. אויך אין גייסטיגען זין איז עס אזוי. פסח, דער זמן חרותנו, איז דאך אין ג ל ו ת ניט מעהר ווי א זיסע עראינערונג פון דער שעהנער פארגאנגענהייט וועהרענד אין דער געגענווארט איז דאָך איצט אויך ניט קיין זמן חרותנו, דאָס זעלבע אויך מיט דעם זמן שמחתנו פון דעם „חג האסיף" וואס אין גלות איז עס ניט קיין רעאליטעט, נאָר אן עראינערונג פון דעם עבר. שבועות אבער אלס „זמן מתן תורתנו" איז דאָך ניט אָבהענגיג אין צייט אָדער אָרט. די תורה, „ווען מען וויל", קען מען דאָך לערנען און מקיים זיין „וואו מען וויל"... וואָלטען מיר דאָך אייגענטליך געדארפט שטאָלצירען מיט דעם דאָזיגען יום-טוב, וועלכער איז דער איינציגער וואס טראָגט אן אָריגינעלען כאראקטער און דארף ניט זיין קיין אימיטירטער. איז אבער צום באדויערען, דאָ עקא, אז די שבועות תורה איז ביי אונז פארקריפעלט געוואָרען און פון איהר גאנצקייט, פון דעם „ארוכה מארץ מדה" איז ביי אונז נאָר געבליבען דער „תקון שבועות", א ברעקעל פון אָנהויב, א ברעקעל פון סוף און אין מיטען פעלט אין גאנצען... יאָ, ס'איז ת ק ו ן שבועות, דער שבועות נויטיגט זיך אין א תקון... און דער דאָזיגער תקון קען און דארף געמאכט ווערען דורך דעם ווארעמען ענטפער אויף דעם יזכור-אַפּיעל צו באפעסטיגען אונזערע בתי חנוך.

יזכור, אזוי ווי אירגענד וועלכע אנדערע תפלה דארף דאָך געזאָגט ווערען מיט כונה, ווייל „תפלה בלי כונה" איז דאָך „כגוף בלי נשמה", אין יזכור פאל וואלט נאָך אבער דער בלי

כונה געווען ערגער, ווייל יזכור, אלס נ ש מ ה - תפלה, אָהן כונה, וואלט דאָך עס הייסען, ניט כגוף בלי נשמה נאָר „כנשמה בלי נשמה“, וועלכעס איז געווים ערגער ווי גוף בלי נשמה, ווייל אין לעצטען פאל מיינט עס געשטארבען, נשמה בלי נשמה מיינט אבער, ניט געלעבט און ניט געשטארבען...

און די בעסטע כונה ביי יזכור דארף זיין דער „בעבור שנדר“ ווייל אין ד ע ם, ווי געזאָגט, ליגט דער תקון צום תקון שבועות, און וואס דער „בעבור שנדר“ איז גרעסער איז אליין דער תקון גרעסער...

מאנכע אידען באקלאָגען זיך אויף דעם יזכור אפיעל פון שבועות וועלכער איז אזוי נאָהנט צום פארגאנגענעם יזכור אַפיעל פון פסח און באטראכטען עס פאר א צו שווערע באלעס־טיגונג איין אַפיעל נאָכ׳ן אנדערן.

איז אבער דער אמת אז פון יענעם פסח אפיעל ביז דעם שבועות׳דיגען איז צווישען געווען די „ספירה“ און וואָלט מען אָנגעווענדעט די „ספירה“ אויך אויף די אפיעל „פלעדזשעס“, מ׳וואָלט זיי אין דער צווישען צייט „אויסגעצעהלט“ אין „מזומנים“, וואָלט אפשר די טענה געהאט א שטיקעל בארעכ־טיגונג, ליידער אבער זיינען פאראן א סאך פון די צוהערער, וועל־כע האבען פארפעלט דעם דאָזיגען ספירה צעהלען, און לויט׳ן דין, אויב מען פארפעלט ספירה קען מען שוין קיין ברכה ניט מאכען, און אין אָט דעם מין ספירה אז מען פארפעלט איז דאָך שוין אודאי קיין ברכה ניטאָ...

אגב, דארף מען דאך ניט פארגעסען אז אפילו ווען די ספירה איז א גאנצע איז עס נאָך אויך ניט קיין „עקסקיוז“ פאר

א נייעם אפיעל. נאָך דעם „תספרו חמשים יום" שטעהט דאָך ערשט נאָכאמאָהל „והקרבתם מנחה חדשה לה', און אויב די ערשטע מנחה, די פסח'דיגע, די „מנחת עומר" איז געווען א מאָגערע, א „מנחת שעורים", איז דאָך דוקא די „מנחה חדשה" פון שבועות, א פעטע, א „מנחת חטים", ווייל אין דעם פרט איז דאָך שבועות העכער פאר פסח, דאָרטען איז דאָך דער חרות און דאָ איז דאָך דער חרות (מיט א קמץ), דאָרטען דער גוף און דאָ די נשמה...

און וואלטען די חנוך-אידען פארשטאַנען דעם דאָזיגען אונטערשיעד און וואלטען איהם אָנגעווענדעט אין פראקטישען לעבען, וואלטען זיך באגאנגען פאר'ן גוף מיט שעורים און פאר די נשמה געזוכט חטים, זיי וואלטען געזוכט צו עקאָנאָמירען אין דעם מאטעריעלען לעבען און ניט אין גייסטיגען, דאן וואלט די לאגע פון חנוך אנדערש אויסגעקוקט. צום באַדויערען האבען מיר אבער פארקעהרטע „יוצרות", פון גוף וויל מען ניט עקאָנאָמירען און די גאנצע עקאָנאָמיע איז נאָר אויפ'ן חשבון פון דער נשמה און דערפון די טרויעריגע לאגע פון אונזערע מוסדות החנוך.

טאָ לאָמיר רבותי ניט פארגעסען די כונה פון יזכור, זאל דער יזכור אויך דערמאָהנען זיין כונה, זאל עס זיין א יזכור צום יזכור און דאן וועלען מיר האבען דערפילט אונזער פליכט, די „וויזע" פאר אונזער תורה וועט זיין אן אמת'ע און ניט קיין געפעלשטע און דער יום-טוב וועט צוריק קריגען זיין אָריגינעלען טיטול — זמן מתן תורתנו...

יזכור!